STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04382

# BLUMEN FUN YISROEL

Eliezer Kalir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר קאליר / בלומען פון ישראל

אליעזר קאַליר

# בלומען פון ישראל

פארלאג „סמואל"
תשכ״ב • 1962

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב

געווידמעט מיינע טייערע נאָבעלע פריינד

די ה׳׳ה

| אין פרוי קאָלאָנעל וויליאַם סאַלמאַן | און | סאַמואל קאַפּלאַן און פרוי |
|---|---|---|

סאַמואל קאַפּלאַן און פרוי
און
קאָלאָנעל וויליאַם סאַלמאַן און פרוי

מיט טיפער אַכטונג און ליבשאַפט

---

Dedicated with love to my dear friends,

Mr. and Mrs. **SAMUEI KAPLAN** and Colonel and Mrs. **WILLIAN SALMAN**

whose generosity made the publication of this book possible.

דער מחבר

# במקום הקדמה

אָפּגעבנדיק אַ שבח והודיה צום בורא עולם, וואָס איך האָב זוכה געווען אַרויסצוגעבן דעם זיבעטן בוך אין אונדזער טייערער מדינת ישראל — טראָג איך אונטער מיט גרויס יראת הכבוד, מיט טיפער דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפט, מיינע „בלומען פון ישראל״, אונדזער האַרציקן פריינד, און פריינד פון מדינת ישראל — דעם פאָלקסטימלעכן נאָבעל־מאַן, דעם חכם און תלמיד חכם, ה׳ סמואל קאַפּלאַן מיט זיין פרוי און פאַמיליע, אין יוסטאן, טעקסאַס.

דער מאַן וואָס איז געווען מיין וועג־ווייזער און לערער, מורי ורבי, וואָס האָט מיר געהאָלפן און געשטיצט דעם גאַנצן לעבן.

ער, דער געלערנטער און וויסנשאַפטס־מאַן, האָט מיר געמונטערט און געוועקט צום שרייבן און צו שאַפן. און אויב אין דעם בוך האָט מיר דער וואָס אין הימל געבענטשט מיט אייניקע גוטע שורות, געהערט עס אים, דעם טייערן פריינד, אַ דאַנק און האַרציקע ברכות.

# סמואל קאפלאן

סמואל קאַפּלאַן איז געווען מיין ערשטער שעף און באַנק־דירעקטאָר. ביי אים האָב איך געלערנט די תורה פון באַנק־וועזן, פון קאָאָפּעראַציע, מיט וועלכע איך באַשעפטיק זיך און צו ברוך השם מיין עקזיסטענץ ביזן היינטיקן טאָג אין מדינת ישראל.

סמואל קאַפּלאַן האָט אַנטוויקלט גרויסע און מעכ־טיקע אינסטיטוציעס, אויפגעבויט פאַמיליעס און אַרויסגע־האָלפן מענטשן פון פאַרשידענע צרות און גזירות אין דער אַלטער היים, און אויך דאָ אין מדינת ישראל, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער דעם נאָבעלן נדבן, קאָלאָנעל וויליאם סאלמאן, אויפגעשטעלט פאַר זיינע לאַנדסלייט אַ קופת גמ״ח ע״ש קדושי וולקוביסקי.

קאַפּלאַן איז געווען געאַכטעט און געשעצט אין דער קריסטלעכער געזעלשאַפט און אין די רעגירונגס־קרייזן און מען האָט זיך גערעכנט מיט זיין מיינונג און מיט זיין שטעלונג.

מיט זיין נאַטירלעכער חכמה, קענטעניש, און פעיקייטן, איז ער געווען געבענטשט מיט אַ געטלעכן פונק צו זיין אַ מנהיג פון גרויסן מאַסשטאַב און שטענדיק געשאַפן מעגלעכ־קייטן אַז מענטשן זאָלן לעבן אַרום אים.

אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג איז ער פאַר־טריבן געוואָרן אין ווייטן סיביר. ער איז דורכגעגאַנגען דעם

דערנער־וועג, די „וויאַ־דאָלאָראָזא״, מיט זיין איינגעבאָרענעם אַריסטאָקראַטיזם, מיט מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע ווירדע. ער איז צו הילף געקומען יעדן איינעם אין די שווערסטע מאָמענטן, יידן און קריסטן, זיך געטיילט מיט זיין לעצטן ביסן ברויט, דערהויבנדיק דעם כבוד פון יידישן מענטש, פון יידישן פאָלק.

ברוך השם! די השגחה עליונה האָט אונדז איינגעהיט אָט דעם זעלטענעם טייערן מענטשן, איידעלן מעצענאַט און שטאָלצן ייד, און געבראַכט אים אין דער פרייער אַמעריקע, ווו ער שפינט ווייטער דעם פאָדעם פון ליבע און טרייהייט צום יידישן מענטשן און צום יידישן פאָלק, צו דער יידישער מדינה און זיינע חברים און לאַנדסלייט אין מדינת ישראל.

זאָל ער זיין געבענטשט מיט זיין פאַמיליע אויף לאַנגע גוטע יאָרן.

דער מחבר



פון רעכטס: פרוי קאַפּלאַן, פרוי בר־יהודה, אליעזר קאליר, שלמה בערשקאָווסקי, סמואל קאַפּלאַן (אין צענטער) יצחק בר־יהודה, ח. י. שיפּיאַצקי, וואַלסקי, מוליע שיין און אהרן מרכוס.

# פרימארגן אין ישראל

נאָוועלן

דעם ד״ר לאָויס פראַנק ישראל
מיט זיין אדעלער פרוי

## ישראל

ישראל אונדזער לאַנג־געדענקטע און פון אונדז געבענקטע,
ישראל, אונדזער קליינטשיק, איינציק לאַנד —
דו ביסט געוואָרן שוץ און היים פאַר אַלע, וואָס געטריבן
דער גורל האָט אין גלות נאָכאַנאַנד!

מיר וועלן דיינע וויסטקייטן פאַראַקערן, פאַרזייען,
פאַרבויען דיר דיין פליין, דיין באַרג און טאָל;
מיר וועלן דיך באַוואָסערן, באַפרוכפּערן, באַלייכטן —
און דו וועסט זיך צעבליען ווי אַמאָל.

מיר וועלן פלאַנצן און באַגאַנצן דיך פון אַלע זייטן,
דיין קליינקייט וועט אונדז ווערן לאַנג און ברייט;
מיר וועלן טראָגן שלום פאַר דעם נאָענטן און ווייטן
און צו פאַרמעסט זיין תמיד גרייט.

ישראל, אונדזער לאַנג־געדענקטע און פון אונדז געבענקטע,
ישראל, אונדזער קליינטשיק, איינציק לאַנד —
דו ביסט געבליבן שוץ און היים פאַר אַלע, וואָס געטריבן
דער גורל האָט אין גלות נאָכאַנאַנד!

# בלומען פון ישראל

„שיין איז רייזעלע דעם שוחטס, האָט אַ יונגע האַרץ, אַן זאָרגן, זינגט און פרייט זיך מיטן לעבן, ווי אַ שוואַלב אין דעם פרימאָרגן. עס באַקרוינען איר די לאָקן, פול מיט חן זענען די אויגן, און אַ שטאָלצע איז זי שטענדיק, וויל פאַר קיינעם זיך נישט בויגן" — אָט אַזוי באַזינגט סעגאַלאָוויטש די יידישע טעכטער, די בלומען פון גלות.

ווו נעמט מען היינט אַ סעגאַלאָוויטש, וואָס זאָל באַזינגען די יידישע טעכטער, די בלומען פון ישראל!

— די שושנהס, די דליות, די ורדות, די ניצנות?

ווו נעמט מען אַ שניאור, וואָס זאָל באַזינגען די ישראלדיקע מאַרגאַ־ריטקעס? — נישט חוהלען וואָס איז געגאַנגען שטיל און פאַרחלומט, צעלאָזן די גאָלד־בלאָנדע צעפּ, דאָס העלדזל אַנטבלויזט, און געמורמלט, געזונגען אַ לידעלע טרה־לה־לה־לה — נאָר די יידישע טעכטער, וואָס חלומען נישט, נאָר שטייען טריי אויף דער וואַך און דערפילן די זיי אָנגעטרויטע פליכטן, אין מיליטערישע מונדירן און אין בערעטלעך מיטן סמל פון צ.ה.ל. וואָס זיי טראָגן אַזוי וויל־יונגעריש אויפן קאָפּ!

ניין, ס'איז נאָך נישט געקומען דער ישראלדיקער טרובאַדור וואָס זאָל באַזינגען די בלאָנדע און שוואַרץ־חנוודיקע שיינהייטן פון נח"ל פון די פלוגות ח"ן, וואָס באַצויבערן דיר מיט זייער פלייס, מיט זייער שטאָלץ און זייער פראַכט.

אָ, יידישע טעכטער, איר בלומען פון ישראל! ווו זעט מען נאָך אַזעלכע שיינהייטן ווי דאָ אין ישראל, אין די גאַסן פון תל־אביב, חיפה און ירושלים, אין די דערפער און קיבוצים. פרויען־געזיכטן מאַדאָנעס, וואָס אין דער גאַנצער וועלט זעט מען נישט אַזעלכע. ווער האָט עס געזאָגט אַז ישראל איז אַ לאַנד פון מלכות היופי? — ישראל איז אַ לאַנד פון חילות היופי. אין דער וועלט ריכט מען אָפּ תפילות, מען זינגט דעם הימנון: גאָט היט אָפּ די קעניגין, דעם קעניג, און מיר זענען מתפלל: גאָט, היט אָפּ די חיילת, דעם חייל; גאָט, היט אָפּ צ.ה.ל.!

# אַ בר־מצוה

דער מנהל פון אַ געוויסן קרעדיט־אַנשטאַלט אין תל־אביב, האָט זיך זיין שיטה ביים באַשטעטיקן הלוואות. אויב ער איז איבערצייגט אַז דער צוועק פון דער הלוואה איז אַ קאָנסטרוקטיווער, באַשטעטיקט ער די הלוואה, און אויב דער צוועק פון דער הלוואה האַלט נישט אויס אָט דעם פּרינציפּ — וואַרפט ער אָפּ די בקשה, אַפילו אויב עס זענען אָנגעגעבן די בעסטע און שטאַרקסטע פאַרזיכערונגען.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז ווען מיט אייניקע טעג צוריק, האָט אַ נייער עולה אָנגעגעבן אַ בקשה וועגן אַ הלוואה און באַצייכנט דעם צוועק פון דער הלוואה צו פּראַווען אַ בר־מצוה פאַר זיין קינד — איז די בקשה אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

ווען דער ייד איז געקומען צו מיר באַקומען אַ תשובה וועגן דער דאָזיקער הלוואה — האָב איך אים דערקלערט, אַז מ'האָט זיין בקשה נישט באַשטעטיקט.

— פאַר וואָס ? — האָט זיך דער ייד צעקאָכט — איך האָב אייך אָנגעגעבן שלעכטע זשיראַנטן ? און אַליין בין איך נישט זיכער אויף אַזאַ סומע ? !..

— איך וועל אייך דערקלערן, האָב איך אים געענטפערט — אונדזער מוסד גיט אַרויס הלוואות אויף קויפן אַ דירה, עפענען אַ געשעפט, אַ וואַרשטאַט, אַ משק, אויף איינאָרדענען זיך אין לאַנד, — אָבער לייען געלט אויף פּראַווען בר־מצוות, שמחות און נאָך אַזעלכע ענינים, — האַלטן מיר נישט פאַר קיין קאָנסטרוקטיווע צוועקן און דעריבער האָט מען אָפּגעוואָרפן אייער בקשה.

— אָבער איך בעט אייך, איך וויל, איר זאָלט וויסן, האָט דער ייד געענטפערט — אַז דאָס איז נישט קיין געוויינלעכע בר־מצוה, די בר־מצוה האָט אַ ספּעציעלן זינען, אַ באַזונדערן תכלית. אָט וועל איך אייך דערציילן, וועט איר מיר פאַרשטיין :

— איך בין איינער פון די פאַרבליבענע פון טרעבליאַנקע. ווען מ'האָט אונדז געהאַלטן ביים אַרויספירן פון ביאַליסטאָקער געטאָ, — מיך מיט מיין פרוי און קינד — האָט אונדז אַ באַקאַנטע קריסטין געבעטן מיר זאָלן איר איבערלאָזן אונדזער קינד. מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָבן מיר עס געטאָן. אַ סך יידן האָבן געהאַט אַזעלכע מעגלעכקייטן צו ראַטעווען זייערע קינדער, זיי האָבן עס אָבער נישט געטאָן. זיי האָבן נישט געוואָלט

אַז זייערע קינדער זאָלן אין פאַרלויף פון דער צייט פאַרוואַנדלט ווערן אין שונאי־ישראל, און זיי האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך אויף זייער לעצטן וועג. מיר אָבער זענען נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון — און איבערגע־לאָזט אים ביי דער גוייע, בפרט אַז זי האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז זי וועט דאָס קינד היטן און האָדעווען און נישט פאַרבאָרגן פון אים, אַז ער איז אַ ייד. זי האָט אָבער נישט מקיים געווען איר צוזאָג און דאָס קינד גלייך איבערגעגעבן צו די גלחים, און זיין גורל איז געווען ווי אַלע יידישע קינדער וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די גלחים.

אַז איך האָב זיך אָפּגעראַטעוועט פון דער נאַצישער טויט־פאַבריק — האָב איך געשטעלט פאַר זיך דעם הייליקסטן צוועק אין מיין לעבן: אָפּ־זוכן מיין קינד. און נאָך גרויסע מי און מסירת נפש האָב איך, מיט גאָטס הילף, פאַרווירקלעכט מיין פאַרלאַנג: כ׳האָב אָפּגעזוכט און אַרויסגעריסן מיין קינד פון די הענט פון מאַנאַסטיר — אָבער כ׳האָב אים געפונען אַ פאַרפרעמדטן, אַ פאַרגיפטיקטן מיט אַנטיסעמיטישן סם, אַ ווילדן שונא־ישראל!

אַז ס׳פלעגט אַריינקומען צו מיר אין שטוב אַ ייד, פלעגט אים דאָס קינד אָנהייבן צו טרייבן:

— וואָן ס׳טאַנט, פאַרכאַטי זשידזשיע! — אַרויס פון דאַנען, פאַרכע־וואַטער ייד! דו האָסט געהרגעט מיין גאָט!

איך האָב געמוזט אַריינברענגען אין שטוב דעם צלם און די איקאָנע פון ישו, פון דער הייליקער מוטער. אַלע טאָג פלעגט ער וועלן אַנטלויפן צוריק צו די גלחים אין מאַנאַסטיר אַריין, און נישט אויפהערן צו צלמען זיך און זאָגן די „פאַטשערעס"...

אַז ס׳איז אָנגעקומען די צייט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט ער מיר געהאַלטן אין איין פאַרשן און פרעגן:

— אַ קאָשטשאָלעק טאָם יעסט? (צי איז דאָרטן דאָ אַ קלויסטער?).

— אַ מאַטקאַ באָסקאַ טאָם יעסט? —(און צי איז דאָרטן דאָ אַ היי־ליקע מאַמע?). און דער עיקר האָט ער מיר געפּאָרשט צי די פאַרשאָלטענע זשידעס אין פּאַלעסטינע וועלן אים נישט קוילענען אויף מצות צו פסח?..

איך האָב שוין נישט געהאַט מער קיין כוחות צו פאַרטראָגן איובס יסורים... און אָט זענען מיר געקומען אין ארץ־ישראל. די ישראלדיקע לופט, די יידישע קינדער אַרום, די היגע שולעס, די העברעאישע שפּראַך, און זאָל זיין געבענטשט די מדינת ישראל, וואָס מיר האָבן דערלעבט — דאָס

אַלץ האָבן געווירקט אויפן קינד און ער איז מיט דער צייט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער איז פול מיט ליבע און פאַרשטענדעניש פאַר די עלטערן, פאַר די אַרומיקע, פאַרן לאַנד, פאַר דער מדינה. לערנט זיך מיט התמדה. די לערערס שטאָלצירן מיט אים און אַלע קינדער חברן זיך מיט אים. ער איז איצט אַלט געוואָרן 13 יאָר, בעט ער זיך מ׳זאָל אים מאַכן אַ בר־מצוה ווי פאַר אַלע זיינע חברים. און ווען איר וואָלט הערן ווי ער זאָגט ווי אַ פידעלע די הפטרה און די ברכות... דער ייד האָט זיך צעכליפּעט און איך האָב אים קוים באַרויקט.

איך בין אַריין אין קאַבינעט צום מנהל און כ׳האָב אים אויפגעקלערט די באַזונדערע איינצלהייטן פון דעם פאַל און די ספּעציעלע וויכטיקייט פון דער זאַך, און אגב אורחא צוגעגעבן אַז די זשיראַנטן זענען גאַנץ גוטע!..

— אַרויסגעבן אים די הלוואה פון אַ ספּעציעלן פאָנד און נישט רעכענען קיין פּראָצענט — האָט געהייסן דער מנהל.

אין די אויגן פון דעם אַלטן טרוקענעם באַנקיר, האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ טרער.

## נ ג ב ה

מיר זענען געזעסן אין אַ געזעלשאַפט און געפירט אַ געשפּרעך וועגן די יונגע יאָרן, וועגן פּרויען, וועגן ליבע, רעכטע און לינקע ליבע. יעדער איינער האָט דערציילט עפּיזאָדן פון זיין פאַרגאַנגענהייט, וועגן זיינע דערפאָלגן און מיסדערפאָלגן אויף דעם געביט.

אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן מיט שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט און גראַציע האָט דערציילט אַזאַ פּאַסירונג:

געווען בין איך דעמאָלט אַ סטודענט פון ערשטן קורס פון פּאָלי־טעכניקום, אַ רייכער און שיינער יונג. עס האָט פון מיר געבלאַנקט ווי פון די קנעפּ און עפּאָלעטן פון מיין סטודענטישן מונדיר. איך בין געווען אַ לעב־קינד און געשעמט פאַר אַ גרויסן דאָן־זשואַן. די מיידלעך פלעגן אויסגיין נאָך מיר — אָבער אין דער אמתן בין איך געווען אַ שעמעוודיקער און צוריקגעהאַלטענער, בפרט ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פאַר־הייראַטע פרוי — פון אַן אשת־איש, בין איך שטענדיק אַנטלאָפן, געציטערט ווי פאַר פייער.

און אָט איין מאָל אין צייט פון זומער־וואַקאַציעס בין איך געקומען

צו גאַסט אין דער שטאָט X. דערמאָנענדיק זיך אין מיינעם אַ שול־חבר, וואָס האָט געוווינט אין דער זעלבער שטאָט, בין איך געגאַנגען אים באַזוכן.

איך האָב אים אָבער נישט געפונען אין דער היים. ער איז געווען פאַררייזט אין אויסלאַנד. אין שטוב האָב איך געפונען זיין פרוי — אַ יונגע רייצנדע שיינהייט מיט אַ פּאָר שוואַרצע טעמפּעראַמענטפולע אויגן — אַז איך בין פאַרבליפט געוואָרן. איר געבוי און פּרעכטיקע פיגור האָבן געוועקט ליידנשאַפט — אַז איך בין צעמישט געוואָרן און עס האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן אין האַרצן ווי מיט האַמערס.

אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָב איך אויף איר אויך געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט זיך צו מיר גלייך צוגעקלעפּט. אין איין שעה נאָך אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָב איך געצערטלט דעם מינדסטן פינגערל פון איר האַנט. אין צוויי שעה אַרום האָבן זיך אונדזערע ליפּן צוזאַמענגעפּרעסט אין לאַנגע פייערדיקע קושן, און אויף דער דריטער — האָט זי מיר געפליסטערט מיט אַ שוואַכע שטימע אין אויער אַ סוד, אַז אַפילו די ווענט זאָלן נישט הערן:

— קום צו מיר ביין אַזייגער אין אָוונט. די קינדער וועלן שלאָפן, די גאַנצע וועלט וועט זיין אונדזערע!..

פון אַזאַ גליק, פון אַזאַ דערפאַלג בין איך געווען צעמישט און שיכור, עס האָט זיך מיר געדרייט דער קאָפּ, אַז איך האָב קוים געפונען דעם וועג צו מיינע באַקאַנטע. איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט דעם אָנקומען פון אָוונט. — 6 שעה — 6 אייביקייטן. קוים דערצויגן די ריכטיקע צייט בין איך אַרויס אין גאַס און זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון מיין פאַר־כישופטן טרוים... עס איז געווען אַ ווונדערבאַרער פרילינג־אָוונט, די גאַסן פול מיט שפּאַצירנדע, מענער און פרויען, עלטערן און קינדער. זאָרגלאָזע און צופרידענע...

— „און איך, האָט מיר אַ בליץ געטאָן איז מיח, גיי באַרויבן אַ חבר, אַ פריינד, אַנטרינקען זיך פון די קוואַלן פון ליבע פון אַ אשת־איש, פון אַ מאַמע פון קינדער״!.. פאַרביי מיר איז פאַרבייגעפאָרן אַ ליידיקע דראָזשקע.

— איזוואָשטשיק, האָב איך אים אָפּגעהאַלטן, צום וואָקזאַל, אָבער שנעל!.. דער איזוואָשטשיק האָט מיר אַרויפגענומען, מכבד געווען דעם פערד מיט אַ פּאָר גוטע בייטשן און אין אַ האַלבע שעה אַרום בין איך שוין געשטאַנען אין פענצטער פון וואַגאָן, וואָס האָט מיר דערווייטערט און דערווייטערט פון דער זעלטענער מינוט, וואָס האָט מיר פאַרשווינדלט דעם קאָפּ.

מער אַזעלכע צופאַלן האָט מיט מיר אין מיין לעבן נישט פּאַסירט, האָט פאַרענדיקט דער מאַן און טראָץ דעם וואָס נישט איין מאָל האָבן מיר געפּייניקט געפילן פון פאַדרוס און חרטה, בין איך שטאָלץ אויף דעם נסיון וואָס איך בין ביינגעשטאַנען. און איצט מאַכנדיק אַ בילאַנס פון דעם פאַר־גאַנגענעם לעבן און יאָרן וואָס זענען אַוועק — טראַכט איך וועגן דעם וואונדערלעכן שפּיל פון דעם גורל:

— שטעלט אייך פאָר, אַז עס איז מיר באַשערט געווען צו טרעפן זיך מיט דער זעלבער פרוי נאָך אַ מאָל אין מיין לעבן: נאָך דער לעצטער, גרויזאַמער וועלט־שחיטה האָב איך איר באַגעגנט אין איינעם פון די קיבוצים אין נגב. איין שיקזאַל האָט אונדז געטראָפן: איך האָב פאַרלוירן מיינע ליבסטע און טייערסטע — מיין פרוי און קינדער, דאָס זעלבע זי — איר מאַן און פאַ־מיליע — און אונדזער ווייטערדיקער לעבנסוועג איז גלייך באַשטימט געוואָרן.

— איר זעט, — ער האָט אַרויסגענומען אַ בילדל פון טאַש, — אָט דאָס איז אונדזער שפּעטער גליק, — די סאַברעלע, די בת־זקונימל, וואָס איז שוין אונדז געבוירן געוואָרן דאָ אין לאַנד, אויף לאַנגע גוטע יאָרן, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „נגבה".

## א טאטע

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך געהאַט אַ טשעקאָווע באַגעגעניש. אויף איינער פון די גאַסן פון תל־אביב האָט שפּאַצירט אַן אַלטער מאַן דער קאָפּ גרוי, די פיגור שלאַנק, דאָס געזיכט פריש און ראָז, פּונקט ווי די עלטער וואָלט זיך אויסגעלייגט אויף אים פּאַרזיכטיק, נישט וועלנדיק צע־שטערן די סימנים פון דער אַמאָליקער שיינקייט. איך ווער פון אַזעלכע אַלטע לייט שטענדיק אַנטציקט. מיר דאַכט זיך, אַז די עלטער מיט דער יוגנט האָבן שלום געמאַכט, דער פרילינג מיט דעם ווינטער זענען צו אַן אויסגלייך געקומען. דער אַלטער האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט מיט זיין אַריסטאָקראַטישן אויסזען, מיט זיין שטאָלצן טראָט. אין לאַץ פון זיין רעקל האָבן געבלישטשעט 2 זשע־אַנגן אויף אַ שוואַרצן באַנד: דער צייכן פון דער „הגנה" און דער צייכן פון פלמ"ח. אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם דאָזיקן מאַן האָט ער מיר זיך אויסגעוויזן עפּעס באַקאַנט, נאָר מיין גאָט! ווו האָב איך דעם דאָזיקן מענטש געקענט זען? ווו האָב איך אַזאַ געזיכט געקענט טרעפן? איך האָב זיך אָנגעהויבן צו גריבלען אין מיין מוח און כ'האָב זיך דערמאָנט.

דאָס איז געווען אין סאַמע ברען פון מלחמת השחרור — פון באַפרייי־אונגס־קריג פון ישראל. יידישע קינדער האָבן ווי לייבן מלחמה געהאַלטן אויף אַלע פראָנטן קעגן די אַראַבישע חיילות, וואָס זענען באַפאַלן פון אַלע זייטן די יונגע יידישע מדינה. קינדער זענען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער, קינדער זענען פאַרוואונדט געוואָרן, זענען פאַרלוירן געגאַנגען אָן אַ שפור. צו די באַגריפן הרוגים און פצועים איז צוגעקומען נאָך אַ שווידער־לעכער באַגריף „נעדרים" — פעלנדיקע, אָפּוועזנדיקע. אומגליקלעכע טאַטע־מאַמעס זענען אַרומגעלאָפן ווי משוגענע זוכן זייערע קינדער, אין די שפּיטעלער, אויף די שלאַכט־פעלדער, אין „רויטן קרייץ" און אָט אַזוי איין מאָל, אין דער צייט פון דער ערשטער הפוגה, (צייטווייליקן שטיל־שטאַנד), ווען איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט אין די וועגן זוכן אַ שפור פון מיין פאַרלוירענעם זון, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף איינער פון די תחנות פון דרום־יהודה. דער אויטאָבוס וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באר־שבע האָט זיך שוין רעכט אָנגעפילט מיט רייזנדע ביזן לעצטן אָרט און דער נהג האָט שוין צוגעמאַכט די טיר. פונקט אין דעם מאָמענט האָט זיך צום אויטאָבוס דערנענטערט איילנדיק און סאָפּענדיק אַ בכבודיקער עלעגאַנטער עלטערער מענטש, אויף דער פּלייצע האָט ער געטראָגן אַ זאַק.

— נישטאָ קיין פּלאַץ, ווו שטופּט איר זיך מיט אייער זאַק? — האָבן צו אים מענטשן געזאָגט.

— לאָזט מיך אַריין, האָט ער זיך געבעטן, איך טראָג מיין זון אויף דער פּלייצע!..

ער האָט אויף די שלאַכט־פעלדער פון אַשדוד צונויפגעקליבן די ביינער פון זיין זון, און ער פירט זיי צו קבר ישראל!..

מיר האָבן אַלע פאַרווונדערט אָנגעקוקט אָט דעם זעלטענעם העלדישן פאָטער.

*

יאָ, עס איז געווען דער זעלבער אַלטער. ער האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, ווי אַ ברודער צו רום און צו טרויער, אח ליגון ולגאון. ער האָט זיך מיט מיר אַרומגענומען — גאָט צו דאַנקען, זאָגט ער, אַבי מ'זעט זיך. מיר האָבן אַ טרייסט, די מדינת ישראל זאָל לעבן. אונדזערע קינדער זענען נישט געפאַלן אומזיסט און די יסורים וואָס מיר, עלטערן, האָבן פאַרטראָגן, זענען אויך נישט אומזיסט. מיר זענען איצט — דער־

ציילט ער מיר — אַהערגעקומען פון דער ווייט, פון גויישע לענדער צו פּראַוועט די בר־מצווה פון אונדזער אייניקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין טאַטן, וועלכן ער האָט נישט געקענט, ער איז געבוירן געוואָרן שוין נאָך זיין טויט. מיר זענען געקומען אַהער באַצייטנס, ער זאָל זיך אויסלערנען אין ישראל די הפטורה, איינזאַפּן דאָ אין זיך יידישקייט און וויסן, אַז ער האָט געהאַט אַ טאַטן, וואָס איז געפאַלן פאַר מדינת ישראל.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט.

## א באגעגעניש מיט א ליד...

הע־האָ!
אַנטקעגן דעם שונא מיר זענען אַ הייפל
אָבער אונדזער אַרמיי איז מעכטיק און גרייט
אַנטקעגן פּאַנצער און פייער — אונדזער דרייסטקייט און שמייכל
מיר שפּרינגען פון הימלען און לאַכן פון טויט! הע־האָ.

אַנטקעגן דער באַן־סטאַציע אין חיפה שפּרייט זיך אַ גרויסער פרייער פּלאַץ, וואָס דינט אַלס צענטראַלע אויטאָבוסן־סטאַציע פאַר די ישובים פון עמק זבולון, מפרץ און גליל. דער דאָזיקער פּלאַץ ווימלט שטענדיק מיט מאַשינען און מענטשן. דאָ טרעפט איר אָפטער גרופּעס פון יוגנטלעכע אין זייער צופים־קליידונג און אויסשטאַטונג, וועלכע לאָזן זיך אַרויס אין דער צייט פון חופש אין די פאַרשיידענע אָפּרו־לאַגערן פון דער געגנט.

דער אויטאָבעס נומ. 63, וואָס גייט אין גליל המערבי איז שוין געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן, ווען אַ קבוצה פון יוגנטלעכע זענען צוגעקומען פאַרסאַפּעטע צו דער מאַשין. זיי האָבן אַרויפגעלאָדן אויפן דאַך זייער אויס־שטאַטונג: געצעלטן, פּלעקער, האַמערס, רוק־זעק — און אַליין פאַרשוויצטע און פאַרסאַפּעטע שטייענדיקערהייט זיך איינגעאָרדנט צווישן דעם קהל פון די רייזנדע. דאָס איז געווען אַ גרופּע יוגנטלעכע פון פתח־תקוהער אומגעגנט, מיטגלידער פון אַ חלוצישער באַוועגונג וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ זומער־לאַגער אין גשר הזיו, וואָס אין גליל המערבי.

ווי־נאָר דער אויטאָבוס האָט אַ ריר געטאָן, איז זיך די חבורה גלייך פאַרגאַנגען אין געזאַנג: — שיר הצנחנים! הע־האָ, מול צבאות האויב אנו קומץ, אך צבאנו מוכן וערוך! „אַנטקעגן דעם שונא — מיר זענען אַ הייפל — אָבער אונדזער אַרמיי איז מעכטיק און גרייט. אַנטקעגן פּאַנצער און

פייער — אונדזער דרייסטקייט און שמייכל, — מיר שפּרינגען פון הימלען און לאַכן פון טויט! הע־האָ!״

זייערע פרישע מונטערע פאַרברוינטע פּנימער, זייער ענערגישער שטאָל־צער בליק, זייער קאָאָרדינירטער געזאַנג מאַכן אַ רושם. אַ געפיל פון פרייד, זיכערקייט און גאוה פילן אָן דיין נשמה. נישט ווילנדיק גיסטו אַ טראַכט: אָט די — זענען עס אונדזער צוקונפט, אָט די וועלן ממשיך זיין דעם בנין פון פאָלק ישראל, וועלן ברענגען דעם ענדגילטיקן שלום דער מדינת ישראל! און אָט קייקלט זיך שוין: קצת דרומה לבאר־שבע, רוח במדבר נושבת — היי דרומה, דרומה לאילת! און „שם בנגב, שם בנגב — גבורים לוחמים״!.. זיי זינגען מיט אַזאַ געפיל, מיט אַזאַ ברען, אַז זיי רייסן מיט אַלע פּאַסאַזשירן, און יונג און אַלט גיסן זיך צוזאַמען אין איין מעכטיקן אַקאָרד, וואָס טרייסלט אויף די לופט און טראָגט זיך ווייט־ווייט! דו זעסט באַשיינפּערלעך ווי די ברייטסטע שיכטן פון ישוב האָבן אין זיך איינגע־זאַפּט דאָס העברעיש־יידישע ליד און געזאַנג, וואָס דער „קול ישראל״ האָט אין זיי איינגעפלאַנצט — און אשרי העם יודע שירה!

מיר פאָרן ווייטער אין טיפער אין גליל און האַלטן שוין ביים שיר „על העץ״ (אַ פאַראַפראַזע פון איציק מאַנגער) און „היה־היו שני חברים״ און „אנו הולכים ברגל — האָפּאַ־היי, האָפּאַ־היי״ — און דערנענטערן זיך צו גשר־הזיוו. און ווי גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג ווען מיינע אויערן האָבן דערהערט אַ ליד, וואָס איך האָב געשריבן לזכר פון מיין געפאַלענעם זון. אין האַרצן האָט זיך אַ ריר־געטאָן אַ סטרונע, און אין רוים פון גלעל המערבי, וואָס איז אויסגעווייקט מיט יידיש בלוט און יידישער גבורה, האָבן זיך געטראָגן די מעלאָדישע טענער פון יונגן ישראלדיקן קאָמפּאָזיטאָר אפרים דאָקטאָר:

> יִשְׂרָאֵל, אַתְּ חַיֵּינוּ,
> מָעוֹז וּמִבְצָר
> יוֹם וָלַיִל בָּחוּרֵינוּ
> עַל גְּבוּלַיִךְ הֵם מִשְׁמָר!

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט און די חברה האָבן אויסגעשטייגט אין גשר הזיוו, וווּ ס'זענען געפאַלן די 14 גבורי ישראל!..

# מיר וואַרטן...

יעדעס יאָר, ווען עס דערנענטערט זיך די צייט פון די רעגנס, דער־מאָנען מיר זיך וועגן דעם רינענדיקן דאַך אין אונדזער אַלטער שטוב אין פתח־תקוה, און הייבן אָן צו פאַנטאַזירן וועגן אַ רעמאַנט. הייַנטיקס יאָר, אַז מיר זענען אַרויף אויף דער טעמע, האָב איך זיך דערמאָנט אַ מעשה שהיה מיט אַ רעמאָנט וועגן וועלכן איך וועל זיך באַמיען צו דערציילן:

דער טאַטע איז געווען יאָרן־לאַנג דער ראש הקהל פון אונדזער שטעטל און ביי אונדז אין שטוב האָט זיך געפונען די פאַרוואַלטונג פון דער קהילה. אַ גרויסער צוויי־קעפּיקער אָדלער מיט אַ רוסישער אויפשריפט אויף אַ בלעכענעם שילד האָט אויסגעטיילט אונדזער שטוב פון די איבעריקע הייזער אין שטעטל. צו אונדז פלעגן פאַרפאָרן אין דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן, דער סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו, דער איספּראַווניק און אַ מאָל אויך דער סליעדאָוואַטיעל. דער פּריסטאַוו פלעגט אַ מאָל בלייבן נעכטיקן — ער פלעגט גיין שפּילן אין קאָרטן צום גלח. איך געדענק איין מאָל, ביי־יאָר צייט, איז ער אַוועק צום גלח און צוויי מעת־לעת נאָכאַנאַנד האָט מען געריבן אין די קערטלעך, און ערשט אין מיטן פון דער דריטער נאַכט, אין אַ סמאָליעדיקן פראָסט און זאַווערוכע, איז ער געקומען אַ הוילער מיט אָפּגעפראָרענע אויערן קלאַפּן מען זאָל אים עפענען. ער האָט פאַרשפּילט דעם פוטער מיט פופציק רובל קאַזיאָנע געלט אין קאָרטן ביים גלח. ער איז געווען שיכור ווי לוט, געשריגן און געליאַרעמט אַז ער וועט דעם מיאַטעזשניק דעם גלח שמידן אין קייטן און פאַרשיקן אים אין סיביר, אָבער אין דער פרי איז נעבעך דער טאַטע געגאַנגען צום גלח און אויס־געקויפט דעם פוטער פאַר זעכציק רובל און האָט נאָך אים אַנטליען נאָך פופציק רובל אויף דעקן די קאַזיאָנע געלט.

פריזיוו צייט, נאָך סוכות, פלעגן דורך אונדזער שטעטל דורכפאָרן און אָפּשטעלן זיך ביי אונדז די באַטשאַלסטוואָ פון אויעזד, וועלכע פלעגן פאָרן אין דעם נאָענטן שטעטל דורכפירן דעם נאַבאָר (פריזיוו). מיט זיי פלעגן מיטפאָרן אַ שטאַב פון שרייבער און סאָלדאַטן פון וואָאינסקין נאַטשאַלניק, וועלכע האָבן געפירט אויף וועגענער קאַסטנס מיט רשימות און ביכער און די „מאָס״ אויף צו מעסטן די רעקרוטן און אַ פאַרחתמעטע קעסטל מיט נומערן (ליאָסן), וועלכע די רעקרוטן פלעגן דאַרפן ציען איידער זיי ווערן אונטערזוכט. אַ פינצטערע מרה־שחורה און אומעט פלעגט זיך אויסציען איבערן שטעטל אין די דאָזיקע טעג.

אוי געוואַלד, ברידער, מיר זענען סאָלדאַטן, מיר זענען
אין גוישע הענט,
אוי געוואַלד, ברידער, מיר זענען סאָלדאַטן, מיר האָבן
פאַרשפּילט אונדזער וועלט!

דאָס איז געווען דער געזאַנג פון יידישע קינדער אין יענער צייט.

איין מאָל דורכפאָרנדיק דורכן שטעטל און וואַרטנדיק אויף פערד ביי אונדז אין שטוב, האָט דער פּרעדסעדאַטיעל (דער פאָרשטייער פון די אַדעליקע) אַ זאָג געטאָן צום טאַטן: איך קאָן עס נישט פאַרשטיין, אַזאַ קהילה וואָס פאַרמאָגט אַזויפיל נכתבים (צוגעשריבענע) אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע (מ׳פלעגט צושרייבן ביי אונדז אויף שטיין צום פּריזיוו), זאָל נישט פאַרמאָגן אַ קאַנצעלאַריע, אַז מ׳זאָל קאָנען אַריינגיין נישט דאַרפנדיק זיך איינבויגן! (ער איז געווען אַ הויכער און אונדזער שטוב איז געווען אַ נידעריקע) — אָט איז אין גראָדנע אָנגעקומען אַ נייער גובערנאַטאָר, דער פירשט אורוסאָוו, וועט ער מאַכן אַן אינספּעקציע איבער דער גאַנצער גובערניע — וועסטו זיך שעמען, אַז ער וועט קומען אַהער.

דער טאַטע האָט גלייך באַשטימט איבערבויען די שטוב. מ׳האָט גע־דונגען טשעסליאַרעס און סטאָליאַרעס, מ׳האָט צעוואָרפן דאָס אַלטע שטיבל און אויסגעבויט אַ גרויסע, אַ נייע, אַ גראַמע שטוב מיט אַ שיינער קאַנצעלאַריע פאַר דער קהילה, מ׳זאָל זיך נישט דאַרפן איינבויגן און פאַרשעמט ווערן פאַרן גובערנאַטאָר.

פון דער אַלטער שטיבל איז איבערגעבליבן אַ סך בוי־מאַטעריאַלן און געהילץ. איז געקומען צו אונדז אַנשל דער שניידער, אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַ מטופל מיט זיבן קליינע קינדער, וואָס האָט גראָד דעמאָלט היינטערן באָד געבויט אַ קליין שטיבל און גענומען בעטן מען זאָל אים עפּעס אָוועק־שענקען פון די מאַטעריאַלן פאַר זיין שטיבל. האָט אים די מאַמע אָוועק־געגעבן אַ שיין ביסל קלעצער, די אושאַקעס, די טירן און די פענצטער און אַנשל האָט זיי אַריינגעבויט אין זיין הייזל. דערווייל זענען דורכגעלאָפן אַ צענדליק יאָרן און אַנשל האָט שוין פאַרמאָגט אַ זון וואָס דאַרף שטיין צום פּריזיוו. אַ געזונטער יונג איז ער געווען, האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט און באַשטימט אויף קאַווקאַז.

ווי ס׳האָט זיך געפירט אין יענע צייטן, פלעגן די רעקרוטן מאַכן סקאַנדאַלן, פאָדערן ביי קהל געלט, מעכב הקריאה זיין, סטראַשען מיט

מסרן, מיט איבערקערן די „סקאַזקע״, דראָען מיט קלעפּ דעם ראש־הקהל און אָפּט אויך מקיים זיין. אַזוי איז אויך אַנשל געקומען מיטן „קרבן״ צום טאַטן מאַכן סקאַנדאַלן און פאָדערן געלט. איין מאָל אין אַ שבתדיקן טאָג איז ער געקומען צום עסן, אַראָפּגעשלעפּט פון טיש דעם סערוועט מיט די ווייסע חלות, דעם פּאַלומיסעק מיט די פיש אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, דערנאָך האָט ער גענומען קלאַפּן אין טיש און רייסן זיך מיט ווילדע קולות:

אָט דאָ איז דער טאָג! צוויי הונדערט רובל זאָל מיר זיין פאַר מיין קרבן, ווען נישט, האַק איך אויס אום שבת ביז איין שויב!

— אַנשל, גאָט איז מיט דיר, האָט דער טאַטע צו אים געזאָגט, צו וואָס זאָלסטו, חלילה, מחלל שבת זיין? איך דערלויב דיר האַקן מיינע שויבן, דאָרט אין יענע פענצטער, וואָס זענען ביי דיר, וואָס כ׳האָב דיר אָוועקגעגעבן; מיט פאַרגעניגן, קאָנסטו זיי האַקן וויפל דו ווילסט, כאָטש אַ גאַנצע וואָך!..

אַנשל איז פאַרשעמט געוואָרן, זיך אָפּגעלאָשן און בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט...

דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן געגעבן אַנשלען אויף אַ בורקע (אַ פּעלצל) און פּופּציק רובל מזומן און דער קרבן פאַרן שטעטל איז אַוועק נישט אויף קאַווקאַז, נאָר אין גרייעווע צו אַ ריזיקאַנט און אַוועק־געפאָרן אין אַמעריקע.

היינט איז ער אַ רייכער מאַן, פאַרמאָגט אַ שליסל הייזער אין דער פינפטער עוועניו, לייסטעט אַ סך פאַר מדינת ישראל, שרייבט מיר בריוו און האָפט צו קומען אויף אַ באַזוך אין ישראל, קאָמפּענסירן מיר פאַר די טירן און פענצטער וואָס זיין טאַטע האָט אַמאָל באַקומען און באַזאָרגן, אַז עס זאָל מער נישט אַריינרינען אין אונדזער דאַך. וואַרטן מיר דערוויל.

# ברוך הבא!

ציטנוויז דוכט זיך, אַז דו זעסט באַשיינפּערלעך ווי עס גייט און ס׳ווערט מקוים די נבואה פון יחזקאל הנביא — „די וויזיע פון די טרוקענע ביינער״ — חזון העצמות היבשות.

ברוך הבא! יידל פלאַווסקי, דער וועבער פון ביאַליסטאָק, דער אַלטער בונדיסט, דער קעמפער פון פינפטן יאָר, וואָס איך בין געווען מסופק צי ער לעבט נאָך, איז געזונט און איז געקומען אין לאַנד צו באַזעצן זיך.

אַן אַלטער איבער זיבעציק — האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פיינעם קאַפּיטאַל, געשענקט נדבות אויף פאַרשידענע ווילטעטיקע אינסטי־טוציעס, אויפגעזוכט משפחה — קרובים נאָענטע און ווייטע, אַלטע פאַרטיי־חברים פון בונד — איינגעטיילט זיי מתנות און געלט־סומען אויף איינ־אָרדנען זיך און איצט רייזט ער אַרום און שפּאַצירט אין אַלע ווינקלען פון לאַנד, פון חניתה ביז אילת און קאָן זיך נישט אָנזעטיקן מיט אַזויפיל שיינקייט און פּראַכט וואָס זיינע אויגן זעען, האָט נישט קיין ווערטער אויסצודריקן זיין התלהבות און באַגייסטערונג און האַלט אין איין טענהן „אשרי עין ראתה כל אלה!..״

איך האָב אים, צום לעצטן מאָל, געטראָפן ביי אַזעלכע דראַמאַטישע אומשטענדן, וועלכע האָבן זיך טיף אַריינגעשניטן אין מיין זכרון און איך זע זיי פּאַר מיינע אויגן פּונקט ווי איצט וואָלט עס געשען:

ביאַליסטאָק, דעצעמבער 1905. איבער דער ליפּאָווער און וואַשילקאָ־ווער גאַסן מאַרשירט אַ ריזיקע דעמאָנסטראַציע, אַ טויזנט קעפּיקע מאַסע, אַרבעטער, סטודענטן, מענער און פרויען, יידן און קריסטן. פאָרויס שפּרייזט יודל דער וועבער, דער געשוווירענער פאָנען־טרעגער פון „בונד״ — טראָגט די רויטע פאָן. אַרום אים דער „באָיעוואָי אָטריאַד״ — די קאַמפּס־אָפּטיילונג פון „בונד״ מיט רעוואָלווערן און בונדישע נאַהייקעס — מיט געדרייטע דראָטן און בלייענע קעפּ. יעדע מינוט ווערט די לופט אויפגע־ציטערט פון אויסרופן און אויסגעשרייען: „נידער! דאַלאָי! נידער מיט דער זעלבסט־הערשונג — דאַלאָי סאַמאָדערזשאַוויע!״

און גלייך נאָכדעם קייקלט זיך ביז צום הימל אַ מעכטיקער עקסטאַז־פולער געזאַנג פון טויזנטער מענטשן:

„וויכרי וראזשדיעבניע וואָיוט נאַד נאַמי״ (פיינטלעכע שטורעמס בלאָזן איבער אונדז) און — „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט״ און „וואַרשאַוויאַנקאַ״ און „מאַרסעליעזע״.

די מאַסע באַוועגט זיך לאַנגזאַם אין דער ריכטונג צום וואָקזאַל — די מענטשן זענען בלאַסע, אויפגערעגטע, צעציטערטע...

און פלוצלינג פון אַ זייטיקער גאַס דערשיינען אומדערוואַרט דריי געשטאַלטן — דער פּאָליצמייסטער מעטליענקאָ, דער פּריסטאַוו שערע־מיעטאָוו און דער אָקאָלאָדאָטשניק כּאַדראָווסקי מיט די גרויסע וואָנצן און שוואַרצע באַקן־בערד — אַלע אין בלאַנקעדיקע מונדירן און ווייסע זיל־בערנע עפּאָליעטן פון דער שטאָטישער פּאָליציי.

— סמירנאָ, שאַפּקי דאָלאָי!!.. (אַכטונג, די היטלען אַראָפּ!) האָבן אַ דונער געטאָן צו זיי ווילדע שטימען פון המון.

דער פּאָליצמייסטער מיט זיינע באַגלייטער יוערן בלאַס ווי קאַלך, נעמען אַראָפּ די היטלען פאַר דער רויטער פאָן. אַ צעהיצטער יוגנטלעכער גיט אַ שפּרונג מיט אַ רעוואָלווער צום פּאָליצמייסטער...

—דוראַק, האָט צו אים אַ זאָג געטאָן דער פּאָליצמייסטער, לאָז אַראָפּ דעם רעוואָלווער, דו וועסט הרגענען מעטליענקען אָבער דעם ביאַליסטאָקער פּאָליצמייסטער וועסטו נישט הרגענען!..

די דעמאָנסטראַציע זעצט פאָר איר צוג ביזן וואָלד. די רעדנערס קלעטערן אַרויף אויף דיביימער און דונערן אין דער לופט — אין יידיש, פּויליש און רוסיש — פייערדיקע רעדעס. ס׳דויערט נישט לאַנג און ס׳דערהערט זיך דער קלאַנג פון אַ פּאָטשטאָוון גלאָק, אַ גערויש פון פערדישע קאָפּיטעס, פון רייטער.

אויפן פּלאַץ פון דער פאַרזאַמלונג קומט אָן אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט אין דריי פערד, דער ביאַליסטאָקער איספּראַווניק ביזפּאַנאָוו, אין דער באַגלייטונג פון אַ עסקאַדראָן קאַוואַלעריע מיט אַ ראָטמייסטער אין דער שפּיץ. דער איספּראַווניק שטעלט זיך אין דער קאַרעטע און ווענדט זיך צו די פאַרזאַמלטע: — גאָספּאָדאַ, מיינע הערן, איך בעט אייך, גייט זיך פונאַנדער, ס׳וועט אייך קיין שלעכטס נישט געשען, איך פאַרזיכער אייך, דער גובערנאַטאָר פּאָדערט, שפּרייט זיך פונאַנדער!..

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיינע ווערטער — ווי דריי קוילן זענען אריינגעשאָסן געוואָרן אין זיין בויך און ער איז געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער אין דער קאַליאַסקע (דער זעכצן־יאָריקער בעקער־געזעלן נאָטקע דער אַנאַרכיסטל איז געוועזן דער שיסער).

— שאַשקי נאַ גאָלאָ, נאַ קאָני — אַרש! (די שווערדן אַנטבלויזן — אַרויף אויף די פערד מאַרש!), האָט אַ דונער געטאָן די קאָמאַנדע פון ראָטמייסטער. די רייטערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט די בלאַנקע

שווערדן אויפן המון מיט אַ שטורמישן אימפּעט און רציחה און געהאַקט און געשעטקעוועט, ווען אַן אויער, ווען אַ נאָז, ווען אַ האַנט, ווען אַ קאָפּ... מען איז געלאָפן און געפלויגן פון אַלע זייטן אויף די פעלדער אין די וועלדער, אויף באַרג און אין טאָל — און פון אַ זייט — פון אַ באַהעלטעניש איז אַרויסגעקראָכן אַ סאָטניע קאָזאַקן און פּאַף־פּאַף איבער די קעפּ פון די אַנטלויפנדיקע...

— אַ פּאָליאַק, אַ פאַרוווּנדעטער אין פוס אַנטלויפט הינקענדיק און דראָט צו אַ קאָזאַק מיטן פינגער:

— פשעפּראַשאַם, פּאַניע קאָזאַקו! טעראַז ניע וואָלנאָ סטשעליאַטש, טעראַז קאָנסטיטוציאַ! ניע וואָלנאָ סטשעליאַטש! (אַנטשולדיקט הער קאָזאַק, איצט איז פאַרבאָטן צו שיסן, ס׳איז קאָנסטיטוציע, מען טאָר נישט שיסן...) און דער קאָזאַק — פּאַף־פּאַף!..

אויך דער שרייבער פון די שורות איז געלאָפן, נאָך דעמאָלט אַ יינגל, און זיך געראַטעוועט אַריינשפּרינגענדיק אין אַ קאַנאַווע מיט שניי, וואָס לעבן דעם שאָסיי און דאָרט... זיך אָנגעשלאָגן אָן יודל דעם וועבער, וועל־כער איז געלעגן אין שניי מיט דער בונדישער פאָן.

אין אָוונט, אַז איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אין שטאָט, האָבן מיר אין די אויגן אַ לויכט־געטאָן די חנוכה־ליכטלעך וועלכע האָבן געפינקלט אין די יידישע פענצטער.

פון יענער צייט אָן איז יודל פאַרשווונדן געוואָרן פון מיינע אויגן און פון מיין זכרון און כ׳האָב אים אינגאַנצן פאַרגעסן. ביז איצט, חנוכה־צייט, איז ער ווידער אַרויסגעשווומען און אַנטפּלעקט זיך פאַר מיינע אויגן דאָ, אויף רחוב מוהליבר אין פּתח־תקוה...

אַז כ׳האָב אים דערקענט און דערמאָנט, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ ירושלימדיקע ווייס־בלויע יאַרמלקע, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ און מיט באַגייסטערונג געמאַכט די ברכה „שהחיינו והקימנו והגיענו לזמן הזה!״ און איך בין געשטאַנען אַנטקעגן אים און געטראַכט: ווי אויסטערליש זענען די וועגן פון אַ מענטש און וואָס פאַר אַ כוח האָט געצויגן אַהער אַ מענטש פון אַזאַ עלטער און פון אַזאַ פאַרגאַנגענהייט.

ס׳איז סימבאָליש — זאָג איך צו אים — אַז נאָך אַזאַ עפּאָכע האָבן מיר זיך געטראָפן דווקא דאָ אויף דער גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען פון ר׳ שמואל מוהליבר — דעם גרויסן חובב־ציון פון ביאַליסטאָק!..

יאָ, האָט ער אַ זיפץ געטאָן און זיך ווי פאַרטראָגן מיט די געדאַנקען אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט...

# דער מוסר־השכל פון טאטעלע אנטאני

אין די יונגע יאָרן האָב איך געהאַט אַ פריינד, אַ שייגעץ מיטן נאָמען מיעטשיסלאַוו — אַ זון פון אָרגאַניסט פון קאַטוילישן קאָשציאָל פון אונדזער שטעטל.

דער דאָזיקער יונג איז געווען פול מיט לעבן און געזאַנג. געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין יידישע הייזער, שטענדיק מיט דער גיטאַרע אונטערן אָרעם, האָט ער באַצויבערט די יידישע יוגנט און אין די שיינע זומערדיקע לבנה־נעכט פלעגט ער רויבן דעם שלאָף ביי די ראָמאַנטישע מיידלעך פון שטעטל מיט זיינע ליבע־לידער און סאָנעטן. ביז פאַרטאָג פלעגט ער זיצן אויף די גאַנקעס און זיך צעגיסן מיט זיין לירישער שטימע אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון דער גיטאַרע:

אויגן שוואַרצע און חנעוודיקע
אויגן תאווהדיקע און ברענענדיקע,
אָה, ווי כ'בין פאַרליבט אין אייך...

ס'האָט זיך געדוכט אַז סוף־כל־סוף וועט מיעטשיסלאַוו חתונה האָבן מיט אַ יידיש מיידל און וועט גיין דאַוונען אין שול אַריין מיטן טלית און תפילין אונטער איין האַנט און מיט דער גיטאַרע אונטער דער צווייטער...

נאָר ס'האָט פּאַסירט דאָס, וואָס ס'האָט געדאַרפט פּאַסירן. מיעטשיסלאַוו האָט חתונה געהאַט מיט אַ כשרע גויישע טאָכטער און אַרויסגעפאָרן אין אַ ווייט שטעטל, ווו ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אָרגאַניסט.

איין מאָל, מיט יאָרן שפּעטער, איז מיר אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך דעם דאָזיקן שטעטל און איך בין אַראָפּ באַזוכן מיין אַלטן פריינד.

זיין שמחה און די שמחה פון זיין פאַמיליע זענען געווען אָן אַ גרענעץ. זיי האָבן זיך מיט מיר דערפרייט ווי מיט אַן אייגענעם ברודער. מ'איז געלאָפן צו יידישע שכנים, געגרייט פאַר מיר אַ כשרן טיש, זיך נאָכגע־פרעגט אויף יעדן איינעם פון שטעטל און דערנאָך איז מיעטשיסלאַוו גע־גאַנגען מיר ווייזן זיין בעל־הבתישקייט — זיינע בינשטאָקן, זיין פרוכט־גאָרטן און צום סוף מיר איינגעלאַדן צו זיך אין געשעפט — אַ קראָם פון חזיר און קאָלבאַסע.

איך בין זיך מודה און מתודה, אַז פון דער נאַטור קען איך נישט פאַרטראָגן נישט נאָר דעם ריח פון דער דאָזיקער סחורה, נאָר אַפילו אָנקוקן איר קען איך נישט, און די איינלאַדונג פון מיין פריינד איז מיר

שטאַרק נישט געווען צום האַרצן. אָבער כ׳האָב קיין ברירה נישט געהאַט. ס׳האָט מיר נישט געפּאַסט אים אָפּצוזאָגן און מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין געשעפט.

מיר זענען געזעסן, ער האָט מיר דערציילט פון זיין לעבן, זיך גע־לאָזט אין זכרונות... קונים זענען אַריינגעקומען, אַרויסגעגאַנגען, פויערים, פויערטעס... און אָט האָט זיך אַריינגעשליכט, פונקט ווי אַריינגעגנבעט זיך אַ יונגער קריסט אין שטאָטישער קליידונג און באַשטעלט שטיל־הכנעה־דיק אַ פּאָרציע חזיר־פעטס און קאָלבאַסע. מיין פריינד האָט אים מיט רוגזה און פאַראַכטונג דערלאַנגט זיין באַשטעלונג און אַפילו נישט געענט־פערט אויף זיין באַגריסונג און געזעגענונג.

ס׳האָט מיר פאַרוואונדערט דער „למה רגשו גויים״ און כ׳האָב אַ פרעג געטאָן מיין מיעטשיסלאַוון:

— וואָס ביסטו אַזוי בייז אויף אַ קליענט?

— די ווייסט ווער דאָס איז? — ענטפערט ער מיר, — דאָס איז דאָך אַ משומד, אַ „וויכרעסט״ ימח שמו... אַ פּאַליאַק קאַטאָליק וואָס האָט זיך געשמדט אויף אַ יידן! אַ הינט־שע זייל, זיך פאַרליבט אין אַ יידישע מויד, אַ מיאוסקייט און זיך געשמדט!.. גייט אין שול דאַווענען, טראָגט ציצית, פרעסט צימעס און קוגל, און אַז ס׳יוערט אים שוואַך אין האַרצן, דעם הונט, קומט ער צולויפן צו מיר נאָך אַ שטיקל חזיר!.. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, קאָכט זיך מיין פריינד, כ׳האָב אים שוין עטלעכע מאָל געוואָלט דורכטרייבן, נישט פאַרקויפן אים, זאָל ער פּלאַצן, אָבער אונדזער גלח, דער פאָטער אַנטאָני זאָגט, אַז ס׳איז נישט כדאי, אַז כל זמן ער עסט נאָך אַ שטיקל חזיר, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט ווערן אַ חוזר בתשובה, אַז ער וועט נאָך ווערן צוריק אַ גוי, און אויב נישט ער — איז זיינע קינדער!..

*

דאָס איז געווען מיט 30 יאָר צוריק און נאָר אין די לעצטע טעג דערזעענדיק אין אַ וויסטאַווע די „דאַזיקע סחורה״ אויף איינע פון די שענסטע גאַסן פון אונדזער תל־אביב, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם דאָזיקן עפּיזאָד און אין דעם מוסר־השכל פון פאָטער אַנטאָני...

## „דער אויבערשטער וועט העלפן"...

שוין יאָרן־לאַנג שטייט ער מיט אַ באַוועגלעכן קיאָסקל אויף איינער פון די גאַסן אין צפון תל־אביב. דער גאַנצער לאַגער סחורה, וואָס ער פאַר־מאָגט אין דעם קיאָסקל, באַשטייט פון אַ פּאָליצקע ציגאַרעטן, עטלעכע פּעקלעך שאָקאָלאַד און אַ ביסל עוגות, וואָס ער פאַרקויפט צו פאַרבייגייער.

און אַזוי יאָרן־לאַנג. מיט דער צייט האָט זיך דאָס אויג צו אים אַזוי צוגע־ווױנט, אַז ס'דוכט זיך — ער איז שוין צוגעוואַקסן צו דער גאַס, און טאָמער טרעפט אַמאָל — ער איז נישטאָ אויף זיין פּלאַץ — פּילסטו, אַז ס'פעלט עפּעס אין דער פּאַנאָראַמע.

איך גיי שטענדיק פאַרביי אים און לייג אויף אים נישט קיין אַכט, באַמערק אים נישט. אויף וויפל איך דערמאָן זיך, איז דאָס צוליב אַ פּאָר־דרוס: די ערשטע צייטן ווען איך בין געקומען אין לאַנד, פלעג איך ביי אים קויפן ציגאַרעטן. האָט זיך איין מאָל געמאַכט — איך האָב ביי אים געוואָלט באָרגן אַ צענדליק „יאַסמין" פאַר אַ פּיאַסטער — און ער האָט מיר נישט געטרויט — מייד איך אים אויס. און אָט גראַדע די טעג פאַרבייגייענדיק נעבן אים, האָט מיר אין די אויגן אַ בליץ געטאָן זיין ווייסער קאָפּ האָר, וואָס איז פאַר דער צייט גרוי געוואָרן און עס האָט מיר אַ ציי געטאָן צו אים.

— שלום, באַגריס איך אים, — וואָס מאַכט מען? מיר זענען דאָך אַלטע באַקאַנטע, ווי גייט עס? — ווי איך זע, זענט איר שוין אינגאַנצן ווייס? דוכט זיך גאָרנישט לאַנג געוועזן אַ שוואַרצער יונגערמאַנטשיק און שוין!..

— יאָ, ענטפערט ער מיט אַ שמייכל — די צייט איז אַ גוטער קאַלכער, קאַלכט אָפּ רעיעל!..

— זעט נאָר, זאָג איך, איר שטייט דאָך שוין דאָ, דוכט זיך אַ צוואַנציק יערעלעך, פאַר דער צייט האָבן זיך וועלטן איבערגעקערט, מענטשן זענען געוואָרן עשירים, גבירים אדירים, אויפגעבויט וואָלקנקראַצערס, בנינים, פּאַסאַזשן — און איר שטייט נאָך אַלץ מיט אייער קיאָסקעלע און וואַרט אויף משיחן — ער זאָל קומען ביי אייך קויפן אַן עוגה מיט קרעם?!..

— מיין טייערער פריינד — האָט מיר איבערגעהאַקט דער ייד, איך פאַרשטיי נישט וואָס איר וווּנדערט זיך אַזוי. ערשטנס, נעמט אַראָפּ אַ משל פון זיך אַליין. איך האָב אייך געזען מיט צוואַנציק יאָר צוריק מיט דעם טעטשקעלע אונטערן אָרעם — און דאָס זעלבע זע איך היינט! לערן איך פון דעם אַ קל־וחומר, אַז איר האָט אויך אַזוי ווייט נישט געשאַסן. און צווייטנס, זאָלט איר מיר אַנטשולדיקן, האָט איר אַ טעות, אויב איר מיינט,

אַז איך האָב גאָרנישט אויסגעבויט אין א״י! איך האָב ב״ה אויסגעבויט 3 פּרעכטיקע בנינים, וואָס איך וועל זיי נישט אויסבייטן אויף די גרעסטע און שענסטע פּאַלאַצן אין דער וועלט: איך האָב אויסגעשטודירט מיינע קינדער — איין זון — אַ ד״ר כעמיע אין ווייצמאַן־אינסטיטוט, אַ צווייטער — אַ באַ־ ווּוסטער אַדוואָקאַט אין תל־אביב, אַ טאָכטער — אַ געענדיקטע לערערין, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אָפיציר פון צה״ל — דאַרף איך עמעצן מקנא זיין? האָב איך עפּעס דערלייגט צו ארץ־ישראל? דער עיקר — שלום! געזונט זאָל מען זיין און שלום! מער ווי דאָס דאַרפן מיר נישט.

דער ייד האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שקעטעלע, אויפגעעפנט און צוגעטראָגן מיר:

— נאָר נישט דאגהן — לאָמיר טאָן אַ שמעק טאַבאַק און דער אויי־ בערשטער וועט העלפן!..

## סדנא דארעא חד הוא

נישט ווייט פון אונדזער שטעטל איז געלעגן אַ אָרעמער ווייסרוסישער דאָרף מיטן נאָמען „קוקאָלקי״.

אין די רוסישע צייטן, אין די צייטן פון צאַר, זענען די פּויערים פון דאָרף געווען שלעפּערס, פאַרפינצטערטע, אָפּגעריסענע מיט לאַנגע אַראָפּגע־ לאָזענע וואָנצן, זיך דערנערט פון טאָג־אַרבעט און פון גנבענען אַ וואָגן האָלץ אין קאַזיאָנעם וואַלד. גערעדט דעם פּשוטן ווייסרוסישן דיאַלעקט און אַז זיי פלעגן קומען אין שטעטל און מ׳פלעגט איינעם אַ פרעג טאָן: פון וואַנען ביזטו? — פלעגט ער ענטפערן מיט אַ זיפץ:

— איז קוקאָלקי, פּאַנאָטשקו!.. (פון קוקאָלקי, פּריצל).

אָבער אַז גאָט האָט געהאָלפן — פּוילן איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, האָבן די קוקאָלקער פּויערים אויפגעלעבט: ווער ס׳איז אָנגעקומען אין דער פּאָליציי, ווער אויף דער אייזנבאַן, ווער אויף דער פּאָסט, טעלע־ גראַף. זיי האָבן פאַרדרייט די וואָנצן אין דער הייך, אָנגעהויבן צו רעדן פּויליש, צוגעבנדיק צו יעדן וואָרט — „פּראָשען פּאַנאַ״, געוואָרן ביי זיך גדולדיק, — און אַז איינער איז אַריינגעקומען אין שטעטל און מ׳האָט אים אַ פרעג געטאָן: — פון וואַנען ביזטו? — האָט ער שוין געענטפערט מיט אַ רוגזהדיקער גאווה:

— איז קוקיעלאָק, פּראָשען פּאַנאַ!.. — און אַ פּיר געטאָן מיטן קולאַק איבער די וואָנצן אין דער הייך, אויף רעכטס און אויף לינקס...

*

איך האָב די טעג אָנגעטראָפן מיינעם אַ באַקאַנטן, וועלכן איך האָב שוין לאַנג נישט געזען. יאָרן לאַנג האָט ער זיך געפּלאָגט. יעדן מאָל ווען איך פלעג אים אָנטרעפן, פלעגט ער מיר פאַרקלאָגן די וועלט — ער האָט נישט פון וואַנען צו לעבן, ער האָט נישט קיין פרנסה, ער האָט נישט אויף דירה־געלט, אויף שכר־לימוד. וואָס וועט זיין? — וואָס וועט זיין?.. און אָט קומט ער מיר אַנטקעגן אין אַ פיינעם אַנצוג, אין אַ געפּרעסטער אויבער־העמד, מיט אַ זייגערל אויפן האַנט, מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם...

— וואָס מאַכט מען? — האַלט איך אים אָפּ — ווי גייט עס?

— תסלח לי מאד — ענטפערט ער מיר אין עברית, שטרענג, ווי ער וואָלט מיר נישט געקאַנט — אין לי זמן, אני ממהר!..

— זע נאָר — זאָג איך צו אים — דיר פּאַסט שוין גאָרנישט רעדן מיט מיר, וואָס פאַר אַזאַ גדולה אויף דיר?..

— אַני מצטער, אני עסוק, משרד הכספים... און זיך דערווייטערט מיט פעסטע, שטאָלצע טריט...

איך בין נשתומם געוואָרן פון אַזאַ ענטפער. ס׳האָט מיר פאַרדראָסן דער טאָן. אָבער אין האַרצן האָב איך זיך געפרייט. איך האָב געטראַכט: זאָל זיין געבענטשט די מדינת ישראל. אויף איר איז מקוים געוואָרן — מקימי מעפר דל מאשפות ירים אביון!..

## פאַרוואָס? זאַ טשטאַ?

לעאָן שאַצקי, שטודירט אין יאַראָסלאַווער יורידישן ליצעי, געזעסן אין טורמע פאַר רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, געשריבן און פאַרעפנטלעכט רוסישע לידער, איז היינט אַ מנהל פון אַ באַוווּסטער חברה אין תל־אביב. ער רעדט עברית מיט אַ רוסישן אַקצענט, (דעם „ררר — ווי דב בער מאַל־קין און ןדעם „די״ — ווי ישעיהו קלינוב — אין „קול ישראל״) אַ גוטער ציוניסט און אַ הייסער פּאַטריאָט פון דער מדינת ישראל. שוין אַ לאַנגע צייט אין לאַנד, רעכנט זיך פון די „ותיקים״ — אָבער די שטוב זיינע איז פאַר־בליבן אַ „רוסישע״. זיין פרוי מאַניטשקא האַלט זיך פאַר אַן אַריסטאָקראַטין און פירט אַ רוסישן שטאַט. קיין עברית לאָזט זי איבערן שוועל נישט אַריבער. (זי האָט פיינט די „העברעיעווטשינא״). מען רעדט, מען פאַרברענגט, מען לייענט, מען זינגט און מען שפּילט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו דער רוסי־

שער קולטור, צו דער רוסישער קונסט, צו דער רוסישער ליטעראַטור. אויך די וווינונג איז פאַרפּוצט אין דעם זעלבן גייסט. אויף די ווענט הענגען ביל־דער פון טרעטיאַקאָווסקע גאַלעריע, פון רעפּינען פון ווערעשצאַגין: „בורלאַקעס אויף דער וואָלגאַ", „קאָזאַקן שרייבן אַ בריוו צום טערקישן סולטאַן", „אויף שיפּקע איז רויק", „לענין רעדט צו די סאָלדאַטן און מאַט־ראָסן" (אַאויסגעשניטן פון „אָגאָניאָק").

אַ גראַמאָפאָן מיט רוסישע פּלאַטן האַלט אין איין גרילצן: אַריעס פון „יעווגעני אָניעגין", פון „דיעמאָן", „מאַרש בודיאָני", „עי אוכניעם", „היידא טראָיקאַ"... מיט איין וואָרט — אַן אידיליע!

אַ רוסישע אידיליע אין תל־אביב!

און אָט אַזוי האָט די אידיליע זיך געצויגן ביז...

עס זענען אָנגעקומען פאַרן לאַנד גורלדיקע טעג, און פון צפון זייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו טראָגן טינט־שוואַרצע שטורעם־כמאַרעס אויף אונדזער האָריזאָנט און דער רוסישער ריז האָט אָנגעהויבן צו דראָען מיט פאַרניכטן און אָפּמעקן אונדז פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

אַ שווידערלעכע פראַגע איז אויסגעוואַקסן אין קאָפּ פון לעאָן שאַצקי:

— זאַ טשטאָ?!!!

פאַרוואָס? פאַרוואָס? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט דיר געטאָן אונדזער בידנע מדינהלע?

פאַר יעדן איינעם האָט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

— ווער האָט געקענט גלויבן, ווער האָט עס זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז רוסלאַנד, אונדזער רוסלאַנד וועט זיך אויף אונדז אַזוי פאַרנעמען?!

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג האָט שאַצקי זיך אומגעקערט פון זיין אַרבעט צו זיך אַהיים. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אָוונט־צייטונג, וועלכע האָט געבראַכט די בשורה פון די מתנדבים...

מאַניטשקע איז געזעסן אויף דער קושעטקע און געלייענט דעם לעצטן נומער „קראָקאָדיל". דער פּאַטעפאָן האָט הייזעריק געהילכט:

> ווסטאַוואַי סטראַנאַ אָגראָמנאַיאַ
> ווסטאַוואַי נאַ סמערטני באָי
> ס׳פאַשיסטסקאָי סילאָי טיאָמנאָי

— מאַניטשקאַ — האָט זיך אָפּגערופן שאַצקי, — דו ווייסט ווער עס זענען דאָס היינט די פאַשיסטן? — דאָס מיינט מען דאָך אונדז, מיר, ישראל, מיר זענען דאָס די פאַשיסטן!.. ער האָט לאַנגזאַם אָפּגעשטעלט דעם

פאַטעפאָן — אַרויסגענומען די פלאַטע און... אַ זעץ אָן דער ערד! אַ נעם געטאָן פון קושעטע דעם „קראָקאָדיל״ — אַ שמיץ דורכן פענצטער, אַ כאַפּ געטאָן פון בופעט מאַיאַקאָווסקי, און אַנאַ קאַרענינאַ, אַ שליידער געטאָן אין הויף אַריין...

— לעאָן — האָט מאַניטשקא אָנגעהויבן צו שרייען — דו ביסט משוגע צי חסר דעה — וואָס האָסטו צו אַנאַ קאַרענינאַ?..

נישטאָ מער קיין אַנאַ קאַרענינאַ, אויס מיט אַנאַ קאַרענינאַ — האָט שאַצקי אַ בלאַסער געשריען — און דיר, מאַניאַ, זאָג איך, אַז מער זאָל איך קיין רוסיש וואָרט דאָ נישט הערן — ניע סמעי, דו עסט ישראלדיק ברויט, ישראלדיק שמאַנד, פוטער, הענדלעך, פופקעס, לעבערלעך — אויב דו קענסט נישט קיין עברית — רעד יידיש, טשאָרט וואָזמי! רעד ווי די מאַמע דיינע, די קצבטע, האָט גערעדט און געגוג צו פּראָווען דאָ אַ רוסי־שע צערקווע. קאָ וסיעם טשערטיאַם, געגוג, ניע סמעי!..

לעאָן איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר...

## זלמן העזתי פון מבצע סיני

דעם גאַנצן דעצעמבער־מאָנאַט בין איך געווען באַשעפטיקט מיט אויסרעכענען ציגזן און שליסן די חשבונות צום יערלעכן בילאַנס. איצט האָב איך שוין ווידער צו טאָן מיטן קהל. איך נעם אָפּ תשלומים־צאָלונגען אויפן חשבון פון הלוואות. אַ סך פון די יונגערע חברים אַנטשולדיקן זיך:

— מיר האָבן דורכגעלאָזן (מפגר געווען) אַ פּאָר ראַטעס — געווען אין צבא, אין סיני...

איך באַרויק זיי: — מיינע פריינד, איר זייט גאָרנישט מפגר געווען, פאַרקערט, איר זענט פאָרויסגעגאַנגען! אַזאַ פאָרויסגיין איז נאָך אין דער יידישער און אפשר אין דער אַלגעמיינער געשיכטע נישט געווען! איר האָט זיך נישט וואָס צו אַנטשולדיקן, זאָג איך — מיר דאַרפן זיך פאַר אייך אַנט־שולדיקן. ווען איר האָט געשפּרייזט אין מדבר און געשיקט „ד״שן״ האָבן מיר שפּאַצירט אין געפּוצטע קאַמאַשן!..

זיי באַקומען אָרדערן און גייען צופרידענע צו דער קאַסע. איינער נאָך דעם אַנדערן, איינער נאָך אַנדערן...

איינער אַ יונגערמאַן, ווייזט אויס פון די נייע עולים, דערלאַנגט מיר מיט אַמאָל אַ 6—7 הלוואה־ביכלעך פון פאַרשיידענע בענק און מוסדות און זאָגט:

— זייט אַזוי גוט, איך ווייס נישט וועלכער ס׳איז אייער ביכל, קלייבט זיך אויס אייערן, און פאַרשרייבט אין אים אַ תשלום!..

— אָן ע״ה, זאָג איך, נישקשה פון אַ פעקל, ווי אַזוי האָט איר עס באַוויזן צו פאַרקלייבן זיך אין אַזוי פיל בענק? איר זייט אַ חברהמאַן!..

— וואָס זאָל מען טאָן, ענטפערט ער מיט אַ זיפץ — אַ דירה. וואָס טוט מען נישט פאַר אַ דירה אין ישראל?!..

— הלוואי, זאָג איך, דער אויבערשטער זאָל אייך העלפן!..

עס שטופט זיך צו צו מיר אַ ברייטביייניקער יונג מיט אַ צעהיצטן ברויזנדן פרצוף.

— מה קרה? וואָס איז געשען, פרעג איך אים פאַרוווּנדערט.

— ימח שמו — שרייט ער אַ צעקאָכטער — איך האָב דאָ געגעבן אַ זשירע פאַר מיינעם אַ באַקאַנטן. און איצט האָב איך באַקומען פון משפט איך זאָל באַצאָלן פאַר אים; איך וויל וויסן וויפל ער איז שולדיק, איך וועל אים אויסזעצן אָן אויג, אויסהאַקן אַ באַק־צאָן איך... איך וועל אים...

— מיין פריינד, זאָג איך צו אים, מאַכט נישט אַזאַ טומל, איר האָט נאָך דערווייל נישט געצאָלט, איר מאַכט אַזעלכע געוואַלדן פונקט ווי מען וואָלט אייך געשאָכטן, אַט שטייען יידן וואָס דאַרפן זשירירן — זיי וועלן דאָך מורא האָבן איינטונקען אַ פעדער!..

— עס שאַדט נישט! ענטפערן די יידן, מיר שרעקן זיך נישט אָפּ. מיר וועלן זשירירן; אַז מיר זענען געקומען אין לאַנד האָט מען פאַר אונדז אויך זשירירט — איצט, אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן, וועלן מיר זשירירן פאַר אַנדערע ביי־געקומענע לאַנדסלייט און פריינד, אַזוי בויט זיך דאָס לאַנד!.. ביים זשירירן פאָדער איך די תעודת זהות. אַט די קליינע תעודהלע. דער ישראלדיקער דאָקומענט, גיט מיר גלייך אַ „רענטגען־בילד״ פון דער פערזאָן וואָס שטייט פאַר מיר. דאָס אויסזען פון דער תעודה אַליין דערציילט מיר שוין עפעס, כאַראַקטעריזירט מיר דעם מענטשן. ביי אַנדערע איז זי אָפּגע־היטן ווי אַן אבן־טוב. ווי אַ מזוזה אין אַ שיידל, נישט אָנגערירט! ביי אַנדערע פאַרקערט — צעריסן, פאַרפלעקט, שטיקלעך בלעטלעך. איך ווער אויפגערעגט, איך זאָג צו דעם אייגנטימער: — צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געוואַרט אויף אַט דער תעודה, איבערגעלעבט געלע לאַטעס, פאַספאָרטן מיטן פסוק „ווו יידן איז דערלויבט״, אויסווייזן מיטן נאָמען „יודע״, — און אַט אַזוי האַלטסטו דעם דאָקומענט פון אונדזער פרייהייט און זעלבשטענ־דיקייט, וואָס האָט אונדז אַזויפיל געקאָסט? פע!..

אָפט קומט מיר אויך אויס מלחמה צו האַלטן מיט נעמען, מיט וועלכע

איך שטויס זיך אָן אין מיין אַרבעט. אָט האָב איך אויף איינעם מיינעם אַ באַקאַנטן משפיע געווען, ער זאָל אומבייטן זיין פאַמיליע־נאָמען „בעטלער״ אויף „נדיבי״ — צו וואָס דאַרפסטו טראָגן אַ נאָמען פון אַ בעטלער, פלעג איך מיט אים איינטענהן, אַז דו קאָנסט אַזוי לייכט אין מדינת ישראל אָנשטאָט אַ בעטלער זיין אַ נדבן!.. איינער וואָס האָט געהייסן זאַיקא — האָט אומ־געביטן אויף זרחי, און נאָך איינער זאַראַזא — אויף רעננבי.

שווער איז מיר אָנגעקומען מיט אַ געוויסן זלמן פּיעס. גראָדע אַן איידע־לער יונגערמאַן, און וויפל איך האָט מיט אים נישט איינגעטענהט, אַז די פאַמיליע האָט נישט קיין גוטן אָפּקלאַנג און באַדייטונג אין אַן אַנדער שפּראַך, אַז דאָס האָבן שונאי ישראל צוגעטשעפּעט זיין עלטער־עלטער זיידן אַזאַ חוזק־צונאָמען — האָט עס נישט געהאָלפן. ער איז געבליבן איינער פון אַ משפחה און וועט זיין פאַמיליע נישט בייטן.

און אָט, נאָך אַ לאַנגער צייט, וואָס איך האָב אים נישט געזען — איז ער היינט דערשינען פאַר מיר אַ בלאַסער אָבער אַ שמייכלדיקער. ער האָט געבראַכט אַ פּאָר תשלומים וואָס ער האָט דורכגעלאָזן און אַ בשורה: ער איז די טעג אַרויס פון שפּיטאָל ווו ער איז געלעגן נאָך דעם ווי ער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן ביים פאַרנעמען עזה און, אַז ער האָט אומגעביטן זיין פאַמיליע־נאָמען אויף העזתי, זלמן העזתי!..

מז״ט, מז״ט! האָב איך אויסגערופן מיט גרויס פרייד, מז״ט דיר מיט דיין נאָמען, בדמיך חיי, דו האָסט כשר פאַרדינט דעם נאָמען! זאָלן דיינע קינדער שוין פאַרגעסן דעם היינטישן פאַמיליע־נאָמען פון גלות, זאָלן זיי וויסן, אַז זיי האָבן אַ טאַטן וואָס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט אין די קאַמפן פון עזה!.. מז״ט, מז״ט!

איך האָב אַרויסגענומען זיין כרטיס און מיט רויטן טינט אויסגעמעקט די פאַמיליע „פּיעס״ און אָנגעשריבן זלמן העזתי!..

# דערמאָנונגען

1. ביים ראַדיאָ

איך זיץ ביים ראַדיאָ, דריי דעם ווייזער, גיי אַריבער פון „קול־ישראל״־ ווען צו די גלי צה״ל. אויפן „וועג״ טרעף איך אָן אַ מעכטיקע באַס שטימע. איך שטעל זיך אָפּ. ס׳רעדט מאָסקווע. און די שטימע אַזאַ באַקאַנטע, אַזאַ אָנגענעמע. די זעלבע שטימע, וואָס פלעגט אַרויסרופן אַזוי פיל התפעלות, אַזוי פיל אַנטציקונג מיט איר וווּנדערבאַרער דיקציע, מיט איר פּרעכטיקן מעטאַלענעם טענאָר, ביים איבערגעבן, ביים לייענען די באַריכטן פון רוסישן גענעראַל־שטאַב אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קעגן דעם וועלט־אויסוווּרף, ימח שמו וזכרו.

לעוויטאַן! דער זעלבער, וואָס פלעגט אַזוי דראַמאַטיש, מיט רעליגיעזן עקסטאַז פּאַרענדיקן יעדן באַריכט: „ווערכאָווני גלאַוונאָקאָמאַנדויושטשי גע־נעראַליסמוס ס־ט־אַ־ל־יי־ן!

איך האָב אים שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט, פאַרגעסן פון אים — און אָט איז ער ווידער!.. איך הער זיך צו דאָס מאָל מיט האַרץ־קלאַפּעניש. צי וועט ער מיט זיין מעטאַלענער שטימע און מיט דער זעלבער דיקציע נישט איבערחזרן פאַר דער וועלט דעם באַקאַנטן פזמון פון די ישראל פאַרכאַפּערס און אָנפאַלער אויף דעם מצרישן נעבעכל! — עס וואָלט זיך זייער נישט וועלן הערן דאָס פון דעם אַמאָל אַזוי באַליבטן באַס־פּראָפּונדאַ־ספּיקער.

גאָט צו דאַנקען! ער האָט מיטגעטיילט וועגן קוקורוזע־פעלדער, וועגן קאָלכאָזן, וועגן אַ לענין־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור — אָבער וועגן אונדז — קיין וואָרט!

לעוויטאַנס שטימע איז געווען דאָס מאָל ריין.

2. אויף דער תנ״כישער אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַל

איך בין געגאַנגען פון בילד צו בילד און איינגעזאַפּט די שיינקייט פון די תנ״כישע מאָמענטן, וועלכע דער גאָט־געבענטשטער מייסטער האָט אויס־געמאָלט מיט זיין שאַגאַלישן פּענדזל. הונדערט מיט פינף פסוקים — הונדערט מיט פינף קאָמפּאָזיציעס.

ביי איין בילד בין איך פאַרציטערט געוואָרן. איך האָב דערזען דעם טאַטן פון די פאַריותמטע טאַטעס, דער אבי אבות פון די הורים שכולים — דעם אַלטן יעקב אבינו, ווען מ׳ברענגט אים דאָס פאַרבלוטיקטע העמדל מיט

דער בשורה: הכר נא הכתונת בנך היא אם לא... דער אַלטער תנ״כישער טאַטע האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ ביז צו דער סאַמע ערד און די פּלייצע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן באַרג־האָרב — טרף טרף יוסף!..

שאַגאַלס יעקב אבינו — דער סימבאָל פון די פאַריותמטע טאַטעס פון יידישן פאָלק.

3. אויפן שפת הים

דער ים, די וועלן, די שוים, דער ברעג, דער פּאָרענטש — אָבער קיין סעגאַלאָוויטש איז נישטאָ. ער האָט אַזוי ליב געהאַט דעם ים, אַריינצוקוקן אין זיין ווייט, צו זיצן ביים פּאָרענטש און טרוימען.

דער ים איז געבליבן ים. דער פּאָרענטש איז געבליבן פּאָרענטש — און סעגאַלאָוויטש איז שוין פאַרגעסן געוואָרן פון פריינד און גוטע פריינד, פון חברים און באַקאַנטע, ס׳ווערט אַפילו זיין יאָרצייט נישט דערמאָנט. די ווילדע צילקע, דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל, רייזעלע דעם שוחטס, די ברידער נעמזאר, „נישטאָ״ — געווען, געווען און נישטאָ!.. זאָלן די גרויסהאַלטער, וואָס מיינען, אַז זיי האָבן שוין די אייביקייט אין בוזעם־קעשענע, אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, און זיך פאַרטראַכטן אַ ביסל.

## ...ויהי בחצי הלילה...

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ פרילינג־נאַכט אין דער שטאָט דזיאַלאַ־באַד אין אוזבעקיסטאַן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט פון קאַראַאול ביי אַ מיליטערישן פונקט פון שטאַב־דיוויזיע, נאָכן אָפּשטיין אויף די פיס זעקס שעה נאָכאַנאַנד.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, דער הימל אויסגעזייט מיט שטערן. ווי סאַפּירן האָבן זיך געפינקלט די זיבן שטערן פון דער „גרויסער בעריכע״ העל האָט זיך געזילבערט דער ווייסער פאַס פון „מילך־וועג״...

איך בין געגאַנגען מיט אַ שווערן סאָלדאַטסקן טראָט. אויף דער פּלייצע דער ראַניעץ אין פולער „באַיאָוער וויקלאַדקע״, אויפן אַקסל די זעכצן־פונטיקע „ווינטאָווקע״, און אין קאָפּ טרויעריקע געדאַנקען וועגן מיין ליט־וויש שטעטל, וואָס איז חרוב געוואָרן. וועגן מיינע נאָענטע און טייערסטע, וואָס זענען פאַרבליבן אין די נעגל פון דעם אויסוואורף, און וועגן מיין ביטערן

גורל, וואָס האָט מיר פאַרוואָרפן אין עק פון ווילדן אַזיע, ווו מיינע אבות אבותינו האָבן קיין פוס נישט געשטעלט. די שטאָט איז געלעגן פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. אַרום און אַרום אַ געדיכטע פינצטערניש און אַ טויטע שטילקייט, און נאָר דאָס וואָיען פון די שאַקאַלן האָט איבערגעריסן פון צייט צו צייט די שטילקייט פון דער נאַכט. מיט אַמאָל האָב איך דערזען אַ סטאַדע בייזע הינט, וועלכע האָבן בילנדיק, זיך דערנענטערט צו מיר, און אַרומגערינגלט מיר אַרום פון אַלע זייטן. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט אַז פון צווישן די בלינדיקע הינט גנבעט זיך צו מיר איינער אַ שווייגנדיקער. ער האָט נישט געבילט, נאָר שטיל זיך געדרוקט אַלץ נענטער און נענטער צו מיר... איך האָב אַרויסגענומען מיין „פאַראַבעלום״ — וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט מיט זיך — און אַריינגעלייגט אין אים זיבן קוילן... אין דעם מאָמענט — איז פון קיינעם קיין געדאַכט נישט געבליבן און איך האָב ווייטער געשפרייזט צווישן די פינצטערע גאַסן פון דער שטאָט.

פלוצלינג בין איך געבליבן שטיין פאַרגאַפט!

פון אַ זייטיק געסל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַס ליכט און צו מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן אַ שטילער געזאַנג. איך האָב זיך פאַרקירעוועט אין געסל און זיך דערנענטערט צו דעם הויז, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ליכטיקער שטראַל און דערהערט אַ געזאַנג:

חד גדיא, חד גדיא
נאם קאָזאָטשקו ביעליאָנאָטשקו נאַש באַטיושקאַ קופיל
נאַליטשנימי דווּגריוועני נאַ רינקע זאַפלאַטיל
חד־חדיא, חד־גדיא...״

איך בין געוואָרן צעמישט, אַ שווייס האָט מיר אַרויסגעשלאָגן אויפן פנים.

חד גדיא... פסח... יידן... כ׳האָב שטיל אָנגעקלאַפּט און געבעטן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין. ביים טיש איז געזעסן אין אַ היסב־בעט אַן אַלטער מאַן מיט אַ זילבערנער באָרד און אין אַ ווייסן קיטל, אַן עלטערע פרוי, אַן אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי, אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווייס טיכל — אַלע זענען געזעסן און געפראַוועט דעם סדר, געלייענט די הגדה אויף רוסיש...

— זדראַסטוואויטיע בראַטצי — האָב איך זיי באַגריסט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע מיט אַ פולן האַלדז פון טרערן. היינט איז יום־טוב — איך בין אויך אַ ייד!..

זיי זענען אַלע פאַרוווּנדערט און איבערראַשט געוואָרן פונקט ווי אליהו הנביא אַליין וואָלט פאַר זיי פּלוצלינג דערשינען. צו זייער פרייד איז בישט געווען קיין גרענעץ.

— ברוך הבא בשם ד׳ — האָט מיך באַגריסט דער אַלטער מאַן, געלויבט איז דער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב, וואָס האָט דיר געבראַכט אונטער מיין דאַך אין דער איצטיקער שעה! זעץ זיך מיין זון צום טיש — דו ביסט אונדזער גאַסט!

מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר. אויפן טיש האָט זיך באַוויזן שעפּסן־פליישׁ, רייז, ווײַן, מצות, גראָבע און שוואַרצע...

— אויב אַזוי — האָט דער אַלטער פייערלעך אויסגערופן:

— נאַטשניאָם ס׳נאַטשאַלאַ! — וועלן מיר לכבוד דעם טייערן אומדערוואַרטעטן גאַסט אָנהייבן נאָך אַמאָל פון אָנהייב, מיר וועלן זאָגן נאָך אַמאָל די הגדה.

און אַלע האָבן מיר אָנגעהויבן צו זאָגן די הגדה מיט גרויס התלהבות — זיי אין רוסיש — און איך אין עברית. ווען מיר האָבן דערגרייכט צו די ווערטער „לשנה הבא בירושלים" — האָבן זיך אַלע פייערלעך אויפגעשטעלט אויף די פיס, זיך געדריקט איינער דעם אַנדערן די הענט, זיך געקושט און איבערגעחזרט דריי מאָל מיט אַ הויכער שטימע:

לשנה הבאה, בירושלים, לשנה הבאה בירושלים... ביי אַלעמען אין די אויגן זענען געשטאַנען טרערן.

און ווידער האָבן אַלע אין כאָר געזונגען: „קאָזאטשקו ביעליאַנאָטשקו נאַש באַטווישקאַ קופּיל, נאַליטשנימי נאַ רינקע דוווי גריוועני זאַפּלאַטיל"... חד־גדיא, חד־גדיא.

ס׳האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט מיינע וווּנדערבאַרע גאַסט־געבער. זיי האָבן מיר באַגלייט מיט האַרציקע ברכות און מיטגעגעבן צום אָנדענק אַ הגדה אין דער רוסישער שפּראַך, וועלכע איך האָב זוכה געווען צו ברענגען אין אונדזער לאַנד אַן אָנדענק, וואָס איז מיר טייער און הייליק ווי סימבאָל פון די יידישע הערצער וואָס — ווו זיי זאָלן נישט זיין — לעכצן זיי און בענקען נאָך ציון...

## דער אראבישער „יידישיסט״

דער צווייגאָרנדיקער (קומותיים) אויטובוס פון „דן״, וואָס קורסירט פון פתח־תקוה קיין תל־אביב איז פול געפּאַקט; די פתח־תקוהער קינדער, וואָס לערנען אין די תל־אַביבער שולן האָבן שוין פאַרנומען אַלע זיץ־פּלע־צער, און פוילן זיך מקיים זיין די מצווה פון „מפני שיבה תקום״!

אויף דער ערשטער תחנה לעבן גבעת השלושה איז אַריין אין אויטאָ־בוס אַן אַלטער אַראַבער, אַ הויכגעוויקסיקער, אין אַ גרויסער ברייטער אַבאַיע, מיט אַ ווייסער באָרד, מיט אַ הויכן שטעקן אין האַנט, אַ פּאַטריאַר־כאַלישער טיפּ, פּונקט ווי איינער פון די ישמעאלים פון דער מאַמעס טייטש־חומש. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, קיין פרייער פּלאַץ איז נישטאָ, און קיין בעלנים אויף אָפּגעבן אַ פּלאַץ צום זיצן זעט זיך אויך נישט! און לאָזן שטיין אַזאַ פּאַטריאַרכאַלישן זקן — האָב איך אויך נישט געקענט ביי זיך פועלן. האָב איך זיך אויפגעהויבן און אָפּגעגעבן אים מיין פּלאַץ.

אַ דאַנק, עפענדי, אַ גרויסן דאַנק, האָט ער מיר באַדאַנקט אין יידיש, צו־לייגנדיק די האַנט צום שטערן און צום האַרצן.

ס'האָט אויסגעזען עקזאָטיש; אַן אַלטער אַראַבער — אַ זקן מופלג רעדט יידיש!

— ווי קומט עס צו אייך, האָב איך אים געפרעגט, צו רעדן יידיש?!

— יאָ, האָט ער מיר געענטפערט, איך רעד נאָר יידיש, קיין עברית קען איך נישט!

— וואָס הייסט, פאַרוואָס, ווי אַזוי? — האָב איך זיך פאַרוואונדערט.

— יאָ, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, יידיש איז אַן אַלטע שפּראַך, שוין אַלט 70 יאָר... אין מלעבעס! (פתח־תקוה) — עברית — אַ נייע שפּראַך, ערשט פאַר 30 יאָר געבראַכט אין תל־אביב פון מאסקוב (מאָסקווע)!

פון מיין דורכרעדן זיך מיט אים איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער שטאַמט פון אַמאָליקן אַראַבישן דאָרף יהודיה און אין די יונגע יאָרן האָט ער גע־אַרבעט אין די יידישע פּרדסים און געווען אַ בן־בית ביי די פתח־תקוהער קאָלאָניסטן און אַזוי איז „יידיש״ ביי אים געבליבן די צווייטע מוטער־שפּראַך...

איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. עס האָט געשפּראָצט אַ „מאַסיוועד״ רעגנדל — פון די רעגנס וואָס ברענגען ברכה און שפע. פוןביידע זייטן פון כביש האָבן זיך געשפּרייט אָפּגעפּרישטע אויפגעמונטערטע פּרדסים באַלאָדענע מיט צייטיקע גאָלדענע פּרוכט, זיך געחנדלט און גע־גרינט פאַראַקערטע און פאַרזייטע פעלדער און גערטנער.

# ווינטער אין ישראל

שיין, וווּנדערבאַר שיין איז דער ווינטער אין ישראל. די לופט איז ריין און פריש. די זונען־שטראַלן ווייך און מילד. די בוימער־פלאַנצונגען און געוויקסן צערטלען דיין אויג מיט זייער פרעכטיקייט. די וואָלקנס, וואָס האָבן אַ גאַנצן זומער זיך אַרומגעבלאָנקעט איבערן הימל פוסטן־פּאַס, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען גאָרנישט פעאיק אַרויסצוגעבן פון זיך אַ טראָפּן וואַסער, האָבן איצט באַוויזן, אַז זיי זענען אויך נישט קיין בעז־דיעטניקעס און קענען אויך די מלאכה פון דונערן און בליצן מיטן גאַנצן טאַראַראַם, נישט ערגער ווי ביי לייטן. אָבער אָט האָט אַ שיין געטאָן די זון — און שוין ווידער טרוקן, ווידער פרילינג, ווידער ווי גאָר נישט געוועזן.

ווו עס איז יאַנואַר־פעברואַר — דאָ איז מאַי! — ווו מען איז אויפגע־דרייט אין דרייען פון קעלט, מען פרירט אין די גאַסן, אין די הייזער — דאָ איז אַ ליבע וואַרעמקייט, מען דאַרף נישט זאָרגן וועגן אַ וועגעלע האָלץ. אָרעמע לייט דאַרפן נישט אָנקומען צו קיין „קרבן עצים". דאָ פאַרזאָרגט אַלעמען דער ישראלדיקער נדבן און פילאַנטראָפּ ר' זונדל!.. די ישראלדיקע זון שיקט אַריין אירע שטראַלן און דערוואַרעמט אָן אַ גראָשן געלט אַלעמען גלייך דעם גביר און דעם אָרעמאַן. מען דאַרף נישט „פאַלעוועןʺ אין די אייוונס, הייצן אין די פּעטשערעס, פאַררוקן דעם „וואַרעמעסʺ — דער פּרימוס, די פּתיליה, קיניגט אין די קיכן פון ישראל, אויף אים ווערן געקאָכט די בעסטע פּאָטראַוועס, אויף אים ווערן געבאַקן די פיינסטע טאָרטן און דעלי־קאַטעסן. מען טוליעט זיך נישט אין קיין פוטערס, פעלצן און פּאַטשיילעס. אַ לייכטער סוועדער, אַ לעדערנע קורטקע, אַ גומענער מאַנטל באַשיצן פון ישראלדיקן ווינטער. אין די גאַסן שפּאַצירט מען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ, מיט אָפענע הערצער. אין די גאַזאַז־קרעמלעך פאַרקויפט מען גאַזאַז און מיץ פון מאַראַנצן. די קרעמערקעס און פאַרקויפערינס אין מאַרק „חוקעןʺ נישט אין די הענט און זיצן נישט אויף קיין פייער־טעפּ — זיי דאַרפן נישט קיין פייער־טעפּ, די ישראלדיקע ווייבער.

שיין, וווּנדערבאַר שיין איז דער ווינטער אין ישראל. אין דער אַלטער אַמאָליקער היים ברענט אַ פראָסט, עס קלינגען גלעקלעך, עס טראָגן זיך שליטלעך; דאָ לויפן ווי טייוולאָנים די אויטאָס, די מאָטאָציקלען.

שיין, וווּנדערבאַר שיין איז דער ווינטער אין ישראל! נעכטן האָבן גע־בראַזט, געשטורעמט און געריסן קאַלטע ווינטן, עס האָט געפּליצט און געגאָסן — היינט איז שוין ווידער העל, מילד וואַרעם, קינדערלעך שפּאַ־

צירן מיט זייערע לערערינס אין די גאַסן, אַנדערע פאָרן אויף טיולים. אָט איז אַריינגעפאָרן אַן אויטאָבוס געפּאַקט מיט גליקלעכע קינדערישע פּנימלעך, זיי פאַרהילכן די לופט מיטן געזאַנג: „הבאנו שלום עליכם, הבאנו שלום עליכם"...

אין אויג גיט אַ גלאַנץ אַ טרער, און עס דוכט זיך, עס וועט נאָך זיין גוט, עס וועט נאָך זיין גוט!..

## ס'טאָגט שוין...

„עס טאָגט שוין, עס טאָגט שוין... — „אודה לאל לבב חקר ברון יחד כוכבי בקר!"

די מלאכי השרת זינגען נאָך פרימאָרגן־שירה פאַר דעם וועלט־באַשעפער, די שטערן זענען נאָר וואָס פאַרשווונדן פון דעם נאַכטהימל, עס הויבט נאָך אָן צו שאַריען אויף טאָג — און אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון שעפער פון „ציון הלא תשאלי לשלום אסיריך", — יהודה הלוי, נומער 45 — רודערט זיך שוין. עס לויפן די שמשים, עס שפּרייזן שטרענג די פּאָליציי פונקציאָנאַרן, עס איילן די פקידים, עס גייען שטאָלץ מיט דיקע טעקעס אין די הענט די אַדוואָקאַטן, עס זעצן זיך אויס פאַר דער גאַס לעם דער וואַנט פון בית־המשפט די שרייבער פון די בקשות, באַשיידן מיט שטילע צניעותדיקע טריט קומען אָן די שופטים. די טירן און טויערן פון בית־המשפט ווערן געעפנט און די זאַלן, וואָס זענען פאַרפּוצט מיט דעם עמבלעם פון מדינת ישראל, די מנורה אויף די ווענט, ווערן אָנגעפילט מיט קהל, מאָנער און געמאָנטע, באַשולדיקער און באַשולדיקטע, עדות און סתם צו־הערער.

אין אַ באַשטימטן מאָמענט רופט אויס דער שמש שטרענג און הויך אויפן קול: „בית המשפט!" און דער גאַנצער קהל שטעלט זיך אויף מיט יראת הכבוד אויף די פיס. עס עפנט זיך אויף אַ זייטיקע טיר און עס קומט אַריין דער שופט און פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויף אַ הויכער שטול אונטער דעם עמבלעם פון מדינת ישראל, ביי אַ גרינעם טיש, אויף וועלכן עס ליגן צוויי ביכער, דער תנ"ך און דער קאָראַן. עס קוועלט אָן דאָס האַרץ אָנקוקנדיק מיט די אייגענע אויגן ווי עס איז מקויים געוואָרן דער פסוק „ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה"...

צו דער געביידע פון בית־המשפט הויבן אָן אָנקומען און שטעלן זיך

אָפּ פּאָליציי־אויטאָמאָבילן מיט פּאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, וואָס ברענגען פון בית־הסוהר די אַרעסטירטע צו אויספאָרשונג. פון אויטאָ שפּרינגען אַראָפּ אַ פּאָר פּאָליציאַנטן און הייבן אָן אַראָפּפירן די באַשולדיקטע, איינציקווייז מיט געקייטלטע הענט און פּאָרווייז געקייטלטע איינע צו די אַנדערע, אָפּטמאָל איז דער אַרעסטאַנט געקייטלט צום שוטר. זיי לויפן דורך פּאַרשעמטע צום אַריינגאַנג פון בית המשפט. זיי שעמען זיך פאַר זיך, פאַר אונדז און פאַר דער מדינת ישראל. עס ווערט מיר אומעטיק, עס קומט מיר אויפן געדאַנק עדלשטאַטס ליד:

„ווי קען איך, ברידער, פריילעך זינגען
ווען איך הער, אַז קייטן קלינגען
און טרויעריק זינגט דער נאַכטיגאַל".

אָבער געזעץ איז געזעץ, מען זעט באַשיימפּערלעך, אַז יש דין ויש דיין במדינת ישראל, אַז עס הערשט זיכערקייט און גערעכטיקייט, חוק ומשפט, חוק ומשפט אין דער מדינת ישראל.

## נישט אויסגעהאלטן

מיין פריינד ס. ע. האָט געשטאַמט פון אַ מיוחסדיקער רבנישער פאַמיליע, אָבער אַליין איז ער געווען פריידענקעריש געשטימט — ווייט פון יידישקייט, פון יידישער טראַדיציע. און נישט קיין וווּנדער. ער האָט אין חדר ווייניק געלערנט און אַלס אַ קינד פון 8 יאָר איז ער אָנגעקומען אין צוגרייטונגס קלאַס פון דער מלוכהשער גימנאַזיע.

גרויס איז געווען דער גליק פון די עלטערן צו זען זייער זון אין דעם גימנאַזיסטן־מונדיר מיט די זילבערנע קנעפּ, אין דעם גימנאַזיסטישן היטל מיט די ווייסע קאַנטן און מיטן „גערבל" אין מיטן. אָבער שוין דעם ערשטן שבת איז די שמחה פאַרשטערט געוואָרן. דאָס ייִנגל האָט זיך אומגעקערט פון גימנאַזיע מיט אַ געוויין: — טאַטע, מען הייסט מיר שרייבן אום שבת.

— וואָס? מען הייסט דיר שרייבן אום שבת? — האָט זיך דער פאָטער צעשריגן און דערלאַנגט דעם ייִנגל צוויי פּעטש!..

— גזלן, האָט זיך אַריינגעמישט די מוטער, פאַרוואָס שלאָגסטו דאָס קינד, פאַרוואָס קומט אים צו פּאַטשן — ער איז דאָך אַ טייער קינד — ער וויל נישט שרייבן אום שבת!..

— וואָס אַ יונגאַטש קען — האָט זיך געקאָכט דער פאָטער — ער וויל כ׳זאָל אים הייסן שרייבן אום שבת?!.. אַז מען הייסט אים שרייבן — זאָל ער שרייבן, האָבן זיי אַ שוואַרץ יאָר, — אָבער איך זאָל אים הייסן? דאָס וועט ער ביי מיר נישט פועלן!..

ווען ער האָט געענדיקט די גימנאַזיע האָט ער שטודירט אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין טיף רוסלאַנד, אין סיביר, געלעבט צווישן גויים, זעלטן געקומען אין באַרירונג מיט יידן. זיך אַנטוויינט און אָפּגעריסן פון יידישע מנהגים, פון יידישע זיטן, פון דער יידישער שפּראַך. נאָך דער מלחמה איז ער מיטן שטראָם געקומען אין מדינת ישראל, זיך איינגעאָרדנט, געאַרבעט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, געווען באַליבט פון חברים און פריינד.

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער אַוועקגעפאָרן אויף אַ טיול אין אַמעריקע זען זיך מיט קרובים, וועלכע געפינען זיך דאָרט. עס איז אָבער קוים פאַרלאָפן אַ חודש — ווי דער מענטש האָט זיך צוריקגעקערט קיין ישראל און ס׳איז נישט פאַריבער קיין וואָך — ווי דער מענטש איז געשטאָרבן. אַלע האָבן זיך געוואונדערט און נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה פון זיין שנעלן אַוועקגיין פון דער וועלט. פאַר אַלעמען איז דאָס געווען אַ רעטעניש: דער מענטש איז געווען אַ געזונטער און פול געווען מיט לעבן און לוסט!.. אָבער גראָד די טעג איז דאָס רעטעניש דורך זיינעם אַ נאָענטן פאַמיליע־פריינט אויפגעקלערט געוואָרן:

ער איז געקומען קיין אַמעריקע און האָט דאָרטן געטראָפן זיין איין און איינציקע שוועסטער פריש, געזונט און מונטער — נאָר... אויפן האַרצן האָט זי געטראָגן אַ גאָלדענעם צלם! (האָט חתונה געהאַט מיט אַ פרומען קריסט).

אַז ער האָט דאָס דערזען — איז ער געפאַלן אין חלשות! ביי דעם רוסישן אינטעליגענט, דעם פריידענקער און אַטעאיסט, איז קאַליע געוואָרן דאָס בלוט. ער האָט זיך דערפילט שלעכט. גלייך זיך צוריקגעקערט קיין ישראל און שנעל אַוועק פון דער וועלט פון פאַרדראָס, ווייטיק און צער! זאָל אים די ערד גרינג זיין!

# לא ינום ולא יישן...

זיי האָבן אַרויסגעשפּראָצט אין די גאַסן, אויף די וועגן, אין די פּאַר־וואָרפּענע געסלעך. אַזוי ווי די „נסתּרים", זענען זיי מיט מיט אַמאָל נתגלה געוואָרן. זיי רעגולירן די באַוועגונגען, פּאַטרולירן די גאַסן, האַלטן אָפּן די אויגן אויף אַלעמען און אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום.

אַ שוטר — אַ שיינער, העלדישער יונג שטייט אויף זיין פּאָסטן. ער באַמערקט: איך קוק זיך איין אויף אים.

— וואָס קוקסטו אויף מיר? — פרעגט ער מיך פאַרוואונדערט.

— איך קוק, זאָג איך, אויף דיינע עפּאָלעטן! דו פּאַסט פּאַר אַ קצין, — ווו זענען דיינע שטערנס?

— אויפן הימל! — ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל.

— ס'שאַדט נישט, — דערמונטער איך אים. איך בין זיכער, אַז ביי אַזאַ יונג ווי דו — וועלן מיט דער צייט אויף דיינע עפּאָלעטן אויך אַראָפּ־פאַלן אַ פּאָר שטערן, נאָר סבלנות!..

אויף אַ קרייץ־פּונקט פון צוויי קאָכעדיקע גאַסן, ווו דער דורכגאַנג איז פאַרבונדן מיט סכּנות נפשות שטייט אַ שוטר און רעגולירט די באַוועגונג מיט שיינעם געשמאַק און טאַקט.

איך בין פאַרבייגעגאַנגען נעבן אים, ווען ער האָט פריי־געמאַכט דעם וועג פאַר פוסגייער און נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטאָן.

— דו דערמאָנסט מיר טאָסקאַנינען! — זאָג איך צו אים.

— וואָס פאַר אַ טאָסקאַניני? — קוקט ער מיר אָן...

— עס איז געווען, דערציייל איך אים, אין די צייטן פון מאַנדאַט אַ שוטר תנועה, וואָס איז געשטאַנען אויפן קרייץ־פּונקט פון הרצל און דרך יפו—ת"א און רעגולירט די באַוועגונג מיט אַזאַ געפיל און ריטם, פּונקט ווי אַ דיריגענט דיריגירט מיט אַן אָרקעסטער און האָט באַקומען דעם נאָמען טאָסקאַניני! מענטשן פלעגן שטיין שעהן לאַנג און אָבסערווירן אים!..

דער שוטר איז צופרידן פון מיין פאַרגלייך — און סאַלוטירט מיר.

אויסער שוטרים, באַמערקן זיך פון צייט צו צייט, אויך פּאָליציי־אָפיצירן אין דער באַגלייטונג פון סערזשאַנטן (סמלים), וועלכע אינספּעק־טירן די גאַסן און גיבן זיי צו מיט זייערע פּערזענלעכקייטן דעם קאָלאָריט פון גרויסשטעטישקייט און רופן אַרויס ביי דעם אזרח דאָס געפיל פון סדר און זיכערקייט, פון דרך ארץ און מלכות.

נישט ווילנדיק שווימען אַרויס אין דיין זכרון די פּאָליציי־פונקציאָ־נערן פון גלות, דער פּחד פאַרן „מעשענעם קנעפּל”, פאַרן „רויטן קאָלנער”, וואָס האָבן אויף דיר שטענדיק געקוקט מיט חשד און פּלעגן נישטערן און זוכן, כאַפּן דיר עפּעס ביי אַן עבירה — און ביזט קיין מאָל נישט געווען זיכער מיט דיין פרייהייט!

— דו ווייסט וואָס דאָס איז? — פלעגט דער אוריאַדניק קלאַפּן מיט דער האַנט אויפן עפּאָלעט פון זיין מונדיר, — דאָס איז טורמע, אַרעס־טאַנטסקע ראָטעס, קאַטאָרגע, סיביר, סאַכאַלין, „בערעגיס!” — זיי פאָרזיכטיק...

און ווי גוט איז דיר אַז דו ביזט ביי זיך אין דער היים, אין דיין אייגענער מדינה, און די פּאָליציי איז דיין פּאָליציי, וואָס שטייט אויף דער וואַך צו היטן דיין לעבן, דיין פאַרמעגן, דיין זיכערקייט, דיין מדינה, און אַז די פּאָליציאַנטן און די אָפיצירן זענען דיינע, דיינע עלטערן, דיינע קינדער און ווי גליקלעך ביזטו צו פילן דעם „לא ינום ולא ישן שומר ישראל און שוטר ישראל!

# גני תקוה

אויף די ווילדע, פאַרלאָזענע, שטחים צווישן די פּרדסים אין דער געגנט פון דער אַלטער מאַמע פון די קאָלאָניעס פּתח־תקוה, איז אויסגעוואַקסן אַ נייער ישוב, וואָס שפּרודלט מיט לעבן, וואַקסט, גרינט און אַנטוויקלט זיך קולטורעל און עקאָנאָמיש. „גני־תקוה” — אַזאַ איז דער נאָמען פון דעם ישוב, וואָס איז איצט אַלט געוואָרן צען יאָר.

די דאָזיקע „היסטאָרישע” דאַטע איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד דורך די אָרטיקע איינוווינערס, וואָס האָבן זיך צוגעבונדן מיטן גאַנצן לעבן צו דעם דאָזיקן פּונקט. דער פאָרזיצער פון דער מועצה ה׳ ש. ח. דובין איז פול מיט ענערגיע. ער רוט נישט און טוט אַלץ, אַז דער ישוב זאָל זיך נאָך מער אַנטוויקלען. גני־תקוה איז דאָך זיין ליבלינג. ער האָט געגרינדעט און געבויט דעם דאָזיקן פּונקט.

— „זדיעס בודיעט גאָראָד זאלאָזשאָן” — דאָ וועט אַ גרויסע שטאָט אויסוואַקסן — זאָגט (מיט דער שפּראַך פון פּיאָטר דעם גרויסן) — סאָלאָ־מאָן דובין. עס וועלן נאָך אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל אויפשטיין קאָנ־סטרוקטיווע מפעלים און ס׳וועלן זיך מערן קוואַלן פון פּרנסה און אויפן אָרט

פון די שוועדישע צריפים וועלן אויפשטיין פּרעכטיקע ווילעס און בתים משותפים. דאָס איז דער טרוים נישט נאָר פון סאָלאָמאָן דובין נאָר אַפילו פון די קליינע קינדער אין גני־תקוה.

און איצט וועגן סאָלאָמאָן דובין — דער יו״ר פון דער מועצה פון גני־תקוה. אין דער פאַרמלחמהדיקן פוילן — אַז מ׳פלעגט פאָרן קיין ווילנע פלעגט מען אין ראַדיוס פון הונדערטער מיילן אַרום הערן דעם נאָמען סאָלאָמאָן דובין. טאָמער איז אַ ייד אַריינגעפאַלן אין גוישע הענט, דורכ־געפאַלן לעבן אַ גרענעץ, צוליב סאָלדאַטשינע, מיליטער־דינסט, אַן עבירה, אַ בלבול — פלעגט מען גלייך לויפן קיין מאַלאַדעטשנע־ווילייקע צו דובי־נען. דובין איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „שעדעם פּרעזעסאָוו״ — (7 מאָל יו״ר). ער איז געווען דער פּרעזעס פון דער קהילה, פון באַנק, פון דער פּאָזשאַרנע־קאָמאַנדע, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פון „יעקאפּא״, פון סוחרים־פאַריין, פון דער גמ״ח־קאַסע. דער שרייבער פון די שורות האָט אַליין געזען, ווי דער ווילנער וואָיעוואָדע האָט געפירט אונטערן האַנט דובינען.

אין דער צייט פון צווייטן וועלט־קריג איז דובין אַלס גרויסער אינ־דוסטריעלער פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר מיט דער גאַנצער פאַמיליע, קיין קאַזאַכסטאַן. דאָרט איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ קאָלכאָז. אַלס קאָלכאָזניק איז אים אויסגעקומען מיט אָקסן אַרויספירן וועגענער היי פון די ברייטע סטעפּעס. איין מאָל האָט אים אין מיטן וועג פאַרכאַפּט אַ בוראַן — אַ שניי־שטורעם — און ער איז געבליבן מיט די אָקסן אין אַ ים פון שניי. אין קאָלכאָז האָט מען אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם. — „איך האָב געלאָזט די אָקסן אַליין זוכן דעם וועג (דערציילט דובין), געגאַנגען נאָך זיי, געזונגען די התקוה און געקומען בשלום אַהיים״. — אָט די התקוה — דער גלויבן אין דעם ציוניסטישן אַרבעטער־אידעאַל שטאַרקט אים צו פירן גני־התקוה אויף אַ ברייטן שליאַך לטובת די איינוווינער, דער מדינת ישראל און דעם אידעאַל פון מיזוג גלויות צו וועלכן ער שטרעבט מיט זיין גאַנצן האַרצן.

## א שרייבערישע מחלה...

איך בין געגאַנגען מבקר חולה זיין מיינעם אַ פריינד, וואָס ליגט שוין אַ חודש צייט קראַנק (ס'איז אַ חרפה צו דערציילן), אויף אַ שרייבערישער קרענק. דערזעענדיק מיך האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט:

— גוט, זאָגט ער, וואָס איר זענט געקומען. אַ דאַנק. מיר דוכט זיך, אַז איך וועל זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן וועט מיר לייכטער ווערן!

— בבקשה, ענטפער איך אים, איך בין גרייט אויסצוהערן אייערע רייד, אָבער מיט איין תנאי, איר זאָלט זיך נישט אויפרעגן און זיין רויק, וועט דאָס זיין בעסער פאַר אונדז ביידן!

ער האָט זיך אויפגעזעצט, אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבן צו דערציילן:

— ווי איר זעט מיך — בין איך שוין אין לאַנד פינף און צוואַנציק יאָר. אין מיין אַלטער היים בין איך געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ אָרטיקער צייטונג, געשריבן דערציילונגען, לידער, פעליעטאָנען. פיל פון מיינע שאַפונגען פלעגן ווערן איבערגעדרוקט אין פאַרשידענע אויסלענדישע צייטונגען. טאָמער פלעג איך אָנמערקן פון אויבן „נאָכדרוק פאַרבאָטן" — פלעגט מען עס איבערדרוקן מיטן „נאָכדרוק פאַרבאָטן". דער טאָג, ווען ס'פלעגט דערשיינען מיינס אַן אַרטיקל אין צייטונג — פלעגט זיין אַ יום־טוב אין שטאָט. קומענדיק אין לאַנד, האָב איך פאַרעפנטלעכט מיינע שאַפונגען אין פאַרשידענע צייטשריפטן און אַרויסגעגעבן ביכער אין ליד און אין פראָזע און זוכה געווען צו באַגייסטערטע אָפּשאַצונגען. אין דער שכונה ווו איך וווין האָבן זיך אַלע צו מיר באַצויגן מיט רעספּעקט ווי צו אַ שרייבער און גערופן מיר: „הסופר"...

דערווייל האָט גאָט געהאָלפן — ס'האָבן אָנגעהויבן דערשיינען ליטעראַרישע לעקסיקאָנען, וועלכע באַהאַנדלען די באַדייטונג פון יעדן שרייבער און דיכטער און גיבן אַ ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון זיינע ווערק. מיט גרויס אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף די דאָזיקע ביכער און אַז אַזאַ ווערק איז דערשינען, בין איך מיט אימפּעט געלאָפן זוכן אַזאַ בוך כדי נאָכזען צי האָט מען מיר חס וחלילה נישט מקפח געווען מיט דער צאָל פון די שורות אַנטקעגן אַנדערע שרייבערס... אָבער ווי גרויס איז געווען מיין שטוינונג, ווען איך האָב מיין נאָמען דאָרט אינ־גאַנצן נישט געפונען. איך האָב געבלעטערט, געבישטערט און געזוכט — אָבער נעבטיקע טעג! ס'איז מיר געוואָרן פינצטער אין מיינע אויגן — אָבער פאַרפאַלן. איך האָב זיך געטרייסט: איך בין נישט דער איינציקער

וואָס מ׳האָט אים דורכגעלאָזן און כ׳האָב אַראָפּגעשלונגען דעם ביטערן פּיל! אָבער אַז ס׳איז באַשערט אַ צרה קומט זי פון אַן אַנדער שפּאַרונע. גראָד האָט פּאַסירט אַז דער לעקסיקאָן האָט פאַרבלאָנדזשעט צו מיינעם אַ שכן, וואָס זיין ווייב רייסט זיך אַרום מיט מיין ווייב, זיינע קינדער שלאָגן זיך אַרום מיט מיינע קינדער און אַליין איז ער מיר אויך אַ קנאַפּער גוטער פריינד. און אָט טרעפנדיק מיך אויף די טרעפּ אין בית משותף, האָט ער מיר דאָס מאָל פריינטלעך און האָפערדיק באַגריסט און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל! — איר האָט געזען דעם לעקסיקאָן פון זמיר? אַ וווּנדערבאַר בוך, אויסערגעוויינלעך!

פאַרשטייט איך דאָך וווּהין ער צילעוועט מיט זיינע שבחים און גיב אַ זאָג צו אים:

— וואָס האָט איר דאָרט אַזוינס געפינען אויסערגעוויינלעכס? — ווי לאַנג זייט איר דאָס געוואָרן אַ ליטעראַטור־קענער?

— וואָס הייסט ווי לאַנג? און ווי לאַנג זייט איר דאָס געוואָרן אַזאַ שעקספּיר? אומגליקלעכער שמירער וואָס איר זייט! פון אייער נאָמען איז דאָך אין לעקסיקאָן אַפילו קיין לאַפּקע נישט דערמאָנט!

— אידיאָט! עם הארץ!

— גראַפאָמאַן, פאַרטאַטש, איך שלאָג דיר אַרויס די גלעזער פון די שפּאַקולן!..

★

דאָס איז דער ערשטער אַקט, און נאָך דעם קומט נאָך אַ צווייטער...

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער. איך קום אַריין צו מיינע באַקאַנטע. אַ פריילעכע געזעלשאַפט זיצט און רייבט אַ קאָרט. דערזען מיך — פּונקט ווי זיי וואָלטן דערזען משיחן. מ׳האָט שוין מיך אויסגעקוקט, קוים דערלעבט זען; — ברוך הבא, דער גרויסער שרייבער קומט; עס קומט דאָך דיר אַ מזל־טוב!

— וואָס פאַר אַ מזל־טוב? — פרעג איך פאַרוווּנדערט.

— גיי אַריין אין צווייטן צימער. דאָרט אין ביכער־שאַנק וועסטו געפינען די נייעסטע אַנטאָלאָגיע פון דרורי, דאָרטן איז פאַראַן וועגן דיר אַ גאַנץ בלאַט!

וויל איך דאָך נישט גיין, שווערן זיי מיר מיטן לעבן, אַז זיי נאַרן מיר נישט אָפּ, אַז דאָרטן איז דאָ אַ גאַנץ בלאַט וועגן מיר!

האָב איך זיך געלאָזט איינרעדן, אַריין אין צימער, אָפּגעזוכט די

אַנטאָלאָגיע, אויפגעמישט מיין „אות" אוןווירקלעך געפונען אַ גאַנץ ביבליאָגראַפיש בלאַט וועגן מיר אָנגעשריבן אויף אַ בויגן פּאַפּיר און אַריינגעלייגט אין בוך!.. דאַרף איך דיר דערציילן ווי אַזוי עס האָט מיר געשמעקט אָט דער בלוטיקער שפּאַס? עס האָט מיר אַ שטשעמע געטאָן אין האַרצן און בין נאָך קראַנק ביזן היינטיקן טאָג!

— גייט שוין, גייט, האָב איך באַרויקט מיין פריינד, צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן זיך נעמען צום האַרצן; איר דאַרפט זיך נוקם זיין אָן זיי און אַליין אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע, און זאָלן זיי צעפּלאַצט ווערן די ליידאַ־קעס, זייער טריפהנעם נאָמען נישט דערמאָנען און זאָלן זיי וויסן ווי צו שופך דמים זיין יידישע שרייבער און דיכטער.

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווי עס פּאַסט פאַר גוטע פריינד.

## אל תבטחו בנדיבים

די טעג האָב איך זיך צופעליק געטראָפן מיטן שרייבער ס. ע. ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט מיר. — איך האָב גראָד געלייענט, זאָגט ער, אין די „לעצטע נייעס" אייער אַרטיקל „די שרייבערישע מחלה" — איז דאָס מיר געווען זייער נאָענט צום האַרצן. איך אַליין, זאָגט ער, האָב לעצטנס געהאַט אַ ענלעכע איבערלעבונג — וואָס אויב איר האָט געדולד, וואָלט איך עס אייך גערן דערציילט.

— בבקשה, זאָג איך, אָט לאָמיר זיך צוזעצן דאָ אין די שדרות — און לייגט אַרויס וואָס איר האָט אויפן האַרצן, גייט אַרויס מיט לשון!..

האָבן מיר זיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין שדרות רוטשילד, אין שאָטן פון אַ בוים, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוואָקסן. מיין פריינד האָט מיט אַ טיכעלע אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין שטערן און אָנגע־הויבן צו דערציילן:

— ווי אייך איז באַקאַנט, האָב איך דאָ נישט לאַנג אַרויסגעגעבן מיין בוך „מנוחה ונחלה". ווי דער מנהג איז, האָב איך דאָס בוך פונאַנדערגע־שיקט אין די רעדאַקציעס, צו שרייבער און קינסטלער. — שטעלט זיך פאָר, אַז נאָר איינצלנע חברים און פריינד האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם בוך און זיך געצאַצקעט מיט אים. (זאָלן זיי זיין געבענטשט!). דער גרעס־טער טייל שרייבער — האָבן אַפילו נישט געפונען פאַר נייטיק צו באַשטע־

טיקן דאָס דערהאַלטן. זיי האָבן אים צוגענומען ווי אַ חוב, וואָס קומט זיי, פאַר וועלכן מ׳דאַרף אַפילו נישט באַדאַנקען!

איינער אַ גרויסער שרייבער, — אַז איך האָב אים געטראָפן און געפרעגט, אפשר וועט ער אָנשרייבן אַ פאָר שורות וועגן מיין בוך — האָט ער געענטפערט — אַז ער שרייבט נישט וועגן קיין לעבעדיקע שרייבער! אַ צווייטער — האָט מיר יאָ געענטפערט און געשריבן, אַז ער איז אַנטציקט פון דעם דיקן פאַפיר — ווי פאַרמעט און פון דעם לוקס־איינבונד...

אַ דריטער — אַז איך האָב אים אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן, געפרעגט צי ער האָט דערהאַלטן מיין בוך און צי איז ער געניגט צו געבן אַן אָפּ־האַנדלונג וועגן אים — האָט גלייך אַוועקגעלייגט דעם טרייבל און אָפּגעהאַקט דעם געשפּרעך...

אַ רעדאַקטאָר פון אַ געוויסער העברעישער צייטונג — אַז ער האָט מיך דערזען — האָט ער אויסגעטאַרטשעט אויף מיר אַ פּאָר אויגן, פונקט ווי איך וואָלט אים געקומען שעכטן:

— וואָס, שוין ווידער אַ בוך?!

איך בין געוואָרן אַזוי מטושטש, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו שטאַמלען:

— אַנטשולדיקט, דאָס בין נישט איך... נישט איך... און זיך אַרויס־געשאַרט פון קאַבינעט... וואָלט דאָס מיר אַלץ נישט געאַרט, ווען נישט די שבחים און כיבודים, וואָס איך האָב זיי איינגעטיילט אין מיין בוך, וואָס איך האָב פאַרגעסן דעם געבאָט אַל תבטחו בנדיבים — אָט דאָס קען איך זיך נישט שענקען! אָ, ווי צופרידן איך וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט אויסרייסן די בלעטער מיט די שבחים, אויף די מענטשן, וואָס האָבן מיר אַזוי אַנטוישט...

— איר ווייסט, מיין פריינד, האָב איך אים איבערגעריסן — איר דערמאָנט דאָך מיר אַ מעשה, וואָס האָט פאַסירט אין אונדזער שטעטל: איין מאָל, אלול־צייט, ווען אַלע פאָרן אויף קבר־אָבות איז צום בית־עלמין צוגעפאָרן אין אַ קאַרעטע אַ רייכע פרוי און דערלאַנגט דעם שמש אַ צעטל — אַ רשימה פון אירע קרובים און פריינד, ער זאָל זיי מאַכן אזכרות. דער שמש איז געגאַנגען פון קבר צו קבר און געמאַכט די אזכרות. ער איז געווען זיכער, אַז פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט וועט ער כאַפּן אַ דריי־רובל־דיקע! אָבער ווי גרויס איז געווען זיין פאַרדרוס, ווען נאָך אַלעמען האָט אים די פרוי דערלאַנגט אַ האַלבן קערבל — זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַליאַסקע, און פאַרשוווּנדן... דער שמש האָט געמיינט — ער וועט דאָס נישט אויסהאַלטן...

אָבער וואָס האָט גאָט געטאָן ?

עס איז נישט אַריבער קיין פּאָר מינוט — זי איז ווידער דאָ, געקומען צו פליען מיט דער קאַליאַסקע !

— ר׳ שמש, זייט אַזוי גוט — כ׳האָב פאַרגעסן ביי אייך דעם צעטל, זייט אַזוי גוט, גיט מיר דעם צעטל, די רשימה פון מיינע פאַרשטאָרבענע קרובים !..

— וואָס ? — האָט זיך דער שמש צעקאָכט : דעם צעטל ? — איך גיי שוין און מאַך אָפּ אויף צוריק ביז איין אזכרה ! עס זאָל פון זיי קיין זכר נישט פאַרבלייבן ! פאַר אַ האַלבן רובל האָט איר געוואָלט אַזוי פיל אזכרות...

— ערגערט זיך נישט, מיין פריינד, האָב איך אים באַרויקט, גאָט וועט געבן, איר וועט אַרויסגעבן אַ צווייטע אויפלאַגע — וועט איר אָפּמאַכן די אַלע שבחים און כיבודים, עס זאָל פון זיי קיין לאַפּקע נישט בלייבן און דערווייל זייט געזונט און שרייבט ווייטער, שלום !..

## פון מיינע ערשטע באַגעגענישן

דאָס איז געווען אין דעם האָניק־חודש, אין דעם ערשטן חודש פון מיין קומען אין לאַנד, מיינע ערשטע איינדריקן. אַלץ האָט מיר אויסגעזען ניי און עקזאָטיש. פון יעדער זאַך בין איך נתפּעל געוואָרן, ביי יעדער באַגעגעניש מיט אַ ישראלדיקע פּערזענלעכקייט, שרייבער אָדער דיכטער פלעג איך ווערן איבערראַשט. מיין פאַנטאַזיע האָט באַקומען פליגלען, זיך אָנגעכאַפּט אָן יעדע מינדעסטע אַסאָציאַציע, און געשאַפן פאַרגלייכונגען. און אַט אַזוי איז אין מיין פאַנטאַזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן דער באַקאַנטער אַרבעטער־פירער בערל קאַצענעלסאָן אין אַ ארץ־ישראלדיקן קאַרל קאַוטסקי און אים צו לאַנגע יאָר דער פּועל־ציוניסטישער מנהיג זרובבל אין אַ פרידריך ענגעלס, זלמן רובאַשאָב אין אַ פערדינאַנד לאַסאַל, אַברהם שלאָנסקי אין אַ העברעאישן יעסענין. איך בין געווען געריַרט פון דער איידלקייט פון יעקב פיכמאַן, פון דער פּשוטקייט פון דוד שמעוני, פון דער גוטסקייט און ליבלעכקייט פון אשר באַראַש, כולם זכרונם לברכה וחבל על דאבדין ולא משתכחין.

נישט ווינציקער בין איך געווען אַנטציקט פון די העברעאישע דיכטער נתן אַלתרמן און יעקב אורלנד און פון די יידישע פּאָעטן יוסף פּאַפּערניקוב און יעקב־צבי־שרגל.

פּאַפּערניקוב האָט דעמאָלט געוווינט אַן איינזאַמער, אַ עלנטער, איינער

אַליין אין אַ בודע אויף אַ דאַך פון אַ מויער לעבן ים. איך פלעג בלייבן אַן פיס אַרויפקריכנדיק צו אים, און אַראָפגייענדיק פון אים בין איך געווען שיכור פון זיינע לידער:

„פון סעווילי־ע ביז גראַנאַדע
ווו אין דער שטילקייט פון די נעכט
קלינגען פלעגט די סערענאַדע
און אַ ריטערלעך געפעכט״

— — — — — — — — —

„זאָגט מיר פריילעכע מאַטראָסן,
קאַפּיטאַנען אַלט געניטע —
פאַר וואָס ווען ס׳גייען אָפּ די שיפן
רעווען זיי ווי אָקסן
פאַר דער שחיטה?״

איך בין נאָך היינט שיכור פון זיינע לידער און קען זיך נישט אויס־ניכטערן פון זיי ביזן היינטיקן טאָג.

און יעקב־צבי שרגל — אַ האָרעפּאַשניק, געזאַפּט שטויב אין די לונגען און געפּאַקט ים־גראָז אין די מאַטראַצן — און פון מאַטראַץ צו מאַטראַץ אָנגעשריבן אַליין אַ ליד אָדער אויסגעהערט און רעדאַגירט אַ ליד פון אַ חבר, פון אַ פריינד.

עס ליגן מיר נאָך איצט אויפן גומען די זיסע שורות פון זיין „אין בלויען ליכט״ אָבער ציטירן בעט זיך ביי מיר זיין פון פעלז אויסגעהאַ־מערטער ליד „וויי און גלויבן״:

„צווישן כעלם און לובלין
די ערד וואָס די רוצחים האָבן געלעסטערט
צווישן וועלדער, פעלדער פול מיט גרינס,
וווינט דאָרט פערל מיין שוועסטער.
זי איז אַ יידענע אַ פשוטע,
אַ שטילע, אַ מאַמע פון קינדער אַכט...״

ס׳איז מיר אָבער אויך באַשערט געווען צו טרעפן אויף מיין וועג שרייבער פון אַן אַנדער קאַליבער, מיט טרוקענע זויערע פנימער, פון דעם סאָרט וואָס מיינען, אַז זיי האָבן שוין די אייביקייט אין בוזעם קעשענע און פאַרמעסטן זיך מיט בייראָן און שעלי, מיט טאָלסטאָי און טשעכאָוו —

אין דער צייט ווען אין דער אמתן זענען זיי ליטעראַרישע אינוואַלידן און קאַליקעס וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו פאַרקויפן. מיט איינעם פון זיי האָב איך געהאַט אַ ביטערן נסיון. איך בין צו אים געגאַנגען עטלעכע מאָל וועגן אַ ליטעראַרישן ענין און יעדן מאָל ווען איך פלעג אָנקלינגען ביי אים אין זיין וווינונג, פלעגט ער עטוואָס עפענען די טיר (נישט אַריינלאָזנדיק אינע־ווייניק) אַרויסרוקן די קאָפּ און אַ זאָג טאָן מיט רוגזה: איך אַרבעט איצט, איך בין פאַרנומען, איך בעט נישט שטערן!..

ס'האָט מיר זייער פאַרדראָסן. אַ מענטש געפינט נישט פאַר נייטיק אַפילו פרעגן, ווער איך בין, וואָס איך בין און פאַרהאַקט די טיר אונטערן סאַמע נאָז! איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און אים אַ זאָג געטאָן: חשובער שרייבער, אפשר קענט איר דעם העלד פון אייער ראָמאַן אָדער דערציילונג אַוועקלייגן שלאָפן אויף אַ פּאָר מינוט און ענטפערן אַ מענטש וואָס קלאַפּט אין אייער טיר?! מער האָט מיין פוס זיין שוועל נישט איבערגעטראָטן.

נאָך איינער אַזאַ שרייבער, אַ מער צוגעלאָזענער און באַרעדטער — אַז איך האָב זיך צו אים געווענדעט מיט אַ בקשה, האָט ער מיר דווקא נישט אָפּגעזאָגט און מיר צוגעזאָגט העלפן און האָט עס פאַרנאָטירט איין מאָל אויף אַ קעסטל פון סיגאַרעטן און אַ צווייטן מאָל אויף אַ ראַנד פון אַן אָוונט־צייטונג...

די פעדער קען אויך נישט פאַרבייגיין איינעם אַ ליטעראַרישן רע־דאַקטאָר זכותו יגון ואנחה, אַ סאַדיסט, אַ קיצלער. ער האָט פאַרקיצלט, דערשטיקט און פאַרטריבן אַ סך טאַלאַנטן מיט זיין צוזאָגן, שלעפּן און נאַרן, און האָט פאַרמיאוסט דעם לעבן פון תלמידי חכמים און סופרים.

פאָרוואָר: דער עולה חדש האָט אַ גוטן זכרון, געדענקט און פאַר־געסט נישט די גוטס און די שלעכטס וואָס איז אים געטאָן געוואָרן ביי זיין שטעלן זיינע ערשטע טריט אין דעם נייעם לאַנד פון זיין האָפענונג און צוקונפט.

# „נחמד"

...מיט דעם מענטשן זאָלסטו רעדן האַרטע דיבורים, אַ זעץ טאָן אין טיש און געבן די שטרענגסטע התראה, — ווייל וויסן זאָלסטו, אַז אָן אַ סקאַנדאַל, וועט אַזאַ בעל־דבר נישט עפענען דעם טייסטער! — אַזוי האָט מיר אינסטרואירט דער ראש המחלקה, שיקנדיק מיר צו אַ חשובן פקיד, וועלכער האָט שוין פון אַ לענגערער צייט באַקומען אַ הלוואה און האָט נישט אָנגעהויבן צו צאָלן אַפילו קיין איין תשלום.

איך בין געגאַנגען דערפילן מיין פליכט.

איך גיי איין מאָל — ער איז נישטאָ. אַ צווייט מאָל — ער איז נישטאָ. אַ דריט מאָל — ער איז נישטאָ. עס קאָכט שוין אין מיר (אַלע שלעכטע צאָלער טרעפט מען קיינמאָל נישט אין דער היים), איך גיי אַ פערטן מאָל... גאָט צו דאַנקען — ער איז דאָ... איך האָב אָנגעקלונגען... אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן האָט געעפנט די טיר, העפלעך מיר איינגעלאַדן אין קאַבינעט. זיך געזעצט ביים שרייב־טיש און געבעטן מיר זעצן זיך אַנטקעגן אים...

איך האָב זיך געזעצט, אָנגעהויבן צו עפענען דעם פאָרטפעל אַרויס־צונעמען די פּאַפּירן און גרייט זיך שוין אַרויסצוגיין מיט מיינע האַרבע דיבורים — ווי פון אַ זייטיקן ווינקל האָט זיך שטילערהייט אַרויסגע־שלייכט אַ גרויסער געלער ראַסאָוועער הונט. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, אַרומגעשמעקט מיך פון אַלע זייטן און זיך אויסגעצויגן אויפן פערסישן טעפּיך ממש ביי מיר אונטער דער נאָז.

— מיין הער, האָב איך געזאָגט, אדוני, אפשר וועט איר זיין אַזוי גוט צונעמען פון דאַנען דעם הונט, איך לייד נישט קיין הינט, איך האָב אַזאַ נאַטור, איך קען זיי נישט פאַרטראָגן...

— אַך, אדוני, איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים, — האָט געענטפערט דער פקיד, — דאָס איז זייער אַ סעריאָזנער הונט, מיט פרעכ־טיקע זיטן, רירט נישט אָן קיין באַשעפעניש, קיין פליג, איר מעגט זיין רויק און זיכער, דאָס איז אַן אַדל. מער נישט, אַ מאָל ער זאָל זען, אַז איר רעגט זיך אויף, איר הויבט אויף אַ קול, אָדער איר מאַכט אַ באַוועגונג קעגן מיר — דעמאָלט איז אייער לעבן אין סכנה!

און דאָס זעלבע פאַרקערט, אַז ער זאָל דערפילן, אַז איך רעג זיך־אויף אויף אייך און הייב אויף אַ שטימע אויף אייך — דעמאָלט... איז אויך אייער לעבן אין סכנה! — אָבער בדרך כלל — איז ער אַ ליבלעכער, אַ שטילער ווי אַ טויב, נישטאָ וואָס מורא צו האָבן!.. אגב איז זיין נאָמען אויך אַ פרעכ־

טיקער — ער הייסט „נחמד״!.. יאָ, מיט וואָס, אייגנטלעך, קען איך אייך דינען?!..

איך... האָב איך אָנגעהויבן צו שטאַמלען, — איך דאַנק אייך זייער פון טיפן האַרצן פאַר די אינטערעסאַנטע אויפקלערונגען וועגן אייער הונט, וואָס זענען געקומען אין דער ריכטיקער צייט! ווייל איך האָב טאַקע געוואָלט מיט אייך רעדן אַ ביסעלע שטרענגע ווערטער. נאָר אַזוי ווי איך זע, אַז דאָ דאַרף מען זיין אַ „ביסעלע״ פאַרזיכטיק — האָב איך שוין מיין פליכט דערפילט... איך האָב זיך העפלעך פונאַנדערגעזעגנט מיטן „בעל דבר״ און מיט האַרצ־קלאַפעניש אַרויסגערוקט זיך פון קאַבינעט. אַז איך האָב זיך געפונען אויפן צווייטן זייט פון דער טיר, האָב איך פרייער אָפּגעאָטעמט.

## דער קאמפאזיטאר

יעקב שלגי איז אַ באַוווּסטער פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר. שוין אַ לענגערע צייט גיי איך צו אים איינמאָנען אַן אַלטן חוב — אָבער צו תכלית איז נאָך זייער ווייט. יעדעס מאָל, ווען איך קום צו אים, גיט ער מיר גוטע האָפענונגען און דערציילט מיר, אַז גאָר אינגיכן וועט ער ווערן אַ גביר, עס איז נאָענט דער טאָג ווען עס וועט צו אים פליסן געלט פון אַלע זייטן, און באַצאָלן אַזאַ חוב וועט ביי אים שפּילן אַ ראָל ווי גאָרנישט. ער וועט פייפן אויף אַלע בענק און וועט האָבן „אין דר׳ערד״ אַלע בעלי חובות!!!

— פון וואַנען און פאַר וואָס וועלן צו אים שווימען געלט?

— וואָס הייסט פאַר וואָס? — פאַר סחורה!.. ער האָט נישט לאַנג געשאַפן אַ גאַנצן ריי ווונדערבאַרע מעלאָדיעס צו די לידער פון די גרעסטע יידישע און העברעישע דיכטער. באַלד ווי זיי וועלן זיך באַווייזן אין ראַדיאָ, אין „קול ישראל״, וועט ער פאַרטרונקען ווערן אין אַ ים פון ישראלדיקע פונטן!.. די זאַך איז נאָך אַפילו אין די גרענעצן פון אַ סוד, וואָס קיינעם דערציילט ער נישט — נאָר מיר איז ער דאָס מגלה: ער האָלט ביים שאַפן אַ הימן פאַר מדינת ישראל!..

— היינט — זאָגט ער, — אַז מיר האָבן ב״ה זוכה געווען צו אַן אייגענער מדינה, קענען מיר זיך נישט באַנוגענען מיט דעם גלות־הימן; מיר דאַרפן האָבן אַ הימנון, וואָס זאָל מוטיקן און קרעפטיקן אונדזער גייסט, אָנצינדן אונדזער ווילן זיך מקריב צו זיין פאַר אונדזער פרייהייט און זעלבּ־שטענדיקייט פון מדינת ישראל! — און איך מאַך טאַקע פרוון אין דעם גייסט.

נאָך דער דאָזיקער פייערלעכער דערקלערונג, האָט מיין בעל־חוב זיך גלייך אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנאָ אַוועקגעלייגט אַ מוסטער פון אַ הימן, וואָס ער גייט שאַפן און טאַקע מיט די ווערטער:

„ישראל, אַת חיינו, מעוז ומיבצר".

— יאָ, זאָג איך צו אים, דאָס איז באמת זייער שיין, הלוואי זאָלט איר מצליח זיין, אָבער דערווייל איז דאָס צוקונפט־מוזיק און אויף אייער חשבון קען מען דאָס נישט אַרויפטראָגן! אייער קאָנטע שרייט געוואַלד און פאָדערט דעקונג!..

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אַ באַליידיקטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ בייזער מינע מיר צוגעוואָרפן: אַט אַזעלכע זענען די ביוראָקראַטן: איך רעד פון מוזיק, פון אַ ישראל־הימן און ער האָט באַר אין זינען דעם חשבון!.. דעם צווייטן מאָל ווען איך בין געקומען צו אים, האָט ער מיר איינגעלאַדן אין זאַל און געזאָגט צו מיר:

— איר זייט דאָך אַ רוסישער ייד, איך וועל אייך זינגען די אַריע „נאַטשעניקא" פון רובינשטיין — דוכט זיך אַ רוסיש קאַוואַלעריע־ליד — און אַז דו דרינגסט אין אים אַריין פילסטו אין אים דעם גאַנצן ציטער, דעם גאַנצן וויי פון דער יידישער נשמה!

— איר ווילט מיר אָפּצאָלן דעם חוב מיט געזאַנגען? איך דאַנק אייך זייער, — אָבער אויב איר ווילט מיר באמת דערקוויקן מיין נשמה, טאָ זינגט מיר בעסער „באַב־על־וואַד", „אורי", „דודו" און אַנדערע ישראל־לידער, וואָס זענען מיר נענטער צום האַרצן.

מיין בעל־חוב האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און געזונגען פאַר מיר די לידער פון מלחמת השחרור מיט אַזוי פיל האַרץ און אַזוי פיל געפיל, אַז טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. איך האָב אים געדריקט די האַנט און פאַרגעסן אינגאַנצן אין מיין חוב.

אָבער אַ חוב לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך ווידער געקומען צו מיין קאָמפּאָזיטאָר. דאָס מאָל האָט ער עפּעס אויף מיר נישט געלייגט קיין שום אַכט, אַזוי ווי ער וואָלט מיר נישט באַמערקט. אין דער אָנוועזנהייט פון פאַרבעטענע געסט, האָט מיין קאָמפּאָזיטאָר אונטער דער באַגלייטונג פון פּיאַנאָ געזונגען פאַרשידענע אַריעס און לידער פון „דעמאָן", פון „יעווגעני אָניעגין", — ער האָט זיך חזניש געציקלט אַ לענגערע צייט, ביז עס האָט מיר דאָס געדולד געפּלאַצט. און ווען ער האָט זיך צעגאָסן אין לענסקיס אַריע:

„וווהין וווהין זייט איר פאַרשווונדן
„פון מיין פרילינג די גאָלדענע טעג
„וואָס גרייט פאַר מיר דער קומענדיקער טאָג"? ..

האָב איך נישט אויסגעהאַלטן, זיך אויפגעהויבן אָן אויפגערעגטער און געזאָגט צו אים מיט כעס:

— איך קען אייך נביאות זאָגן, וואָס דער קומענדיקער טאָג גרייט פאַר אייך! — מאָרגן וועל איך קומען מיט אַ „הוצאה לפועל" און שטעלן אויף ליציטאַציע אייער פיאַנאָ! איר פאַרשטייט!

— אדוני, איז ער אויפגעשפרונגען צו מיר אַ בלאַסער ווי קאַלך, מיט וואָס פאַר אַ טאָן רעדט איר דאָס צו מיר?!.. איר ווייסט, אַז איך בין אַ מוזיקער? טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, שיסט מיר, הענגט מיר — אָבער נישט רעדן מיט מיר מיט אַזאַ טאָן!.. מיט אַזאַ טאָן הרגעט מען מיך!..

ער האָט געגעבן אַ זעץ מיטן פויסט איבערן קלאַוויר און היסטעריש געשריגן:

— נאָר נישט מיט אַזאַ טאָן! איך בין אַ מוזיקער, איר פאַרשטייט!..

מער בין איך שוין נישט געגאַנגען צום קאָמפּאָזיטאָר איינמאָנען דעם חוב.

# דער „מלאך"

ער — אַ פקיד אין איינעם פון די רעגירונגס אַנשטאַלטן. גאַנץ פאַר־טאָג זעט מען אים שוין לויפן צו דער אויטאָבוס־סטאַציע איילנדיק זיך נישט צו פאַרשפעטיקן צו דער אַרבעט.

זי — אין געפּרעסטע, קלאָשאָווע גראַנאַט־הויזן, אין רויטע שיכעלעך, די ליפּעלעך — ווי צייטיקע קאַרשן, די ברעמען — אַ פאַר האַלבע לבנות. די האָר — בלאָנד ווי גינגאָלד — אַ מלאך! גיב איר אַ פּאָר פליגעלעך וועט זי אַוועקפליען!.. און אויף מיר, דעם גובה (מאָנער) פון אַ געוויסער פינאַנץ־אינסטיטוציע איז נגזר געוואָרן גיין מאָנען פון איר דירה־געלט־וועקסעלעך וועלכע ווערן געצאָלט מיט גרויס פאַרשפעטיקונג.

אין די פרימאָרגנדיקע שעהן, ווען דער מאַן איז ביי דער אַרבעט, און די קינדערלעך אין שולע — טרעף איך דאָרט אָפט אַ באַברילטן יונגן מאַן מיט לאַנגע האָר — אַ פילאָסאָף אָדער אַ קינסטלער. יעדעס מאָל וואָס איך דערשיין דאָרט — איז ער נישט שטאַרק צופרידן פון מיין קומען. אַז ער דערזעט מיך ווערט אים אַזוי ווי ביטער אין נאָז.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געטראָפן דאָס דאָזיקע פּאָרל אין גאָר אַן אידילישן צושטאַנד. דער גאָט פון ליבע האָט פאַרשפּרייט איבער זיי זיין ליבקן פליגל און זיי האָבן נישט געהערט מיין אָנקלאַפּן אין טיר, וועלכע זיי האָבן פאַרגעסן צו פאַרשליסן — און נישט געפילט מיין אַריינקומען. אַז זי האָט מיר דערזען, איז זי אויפגעשפּרונגען, געבעטן אַנטשולדיקונג און איז אַרויסגעלאָפן צו די שכנים אַנטלייען אַ פּאָר פונט אויף באַצאָלן דעם וועקסל. איך בין געבליבן איינער אַליין אויג אויף אויג מיטן פילאָסאָף און גלייך האָט זיך צווישן אונדז פונאַנדערגעפלאַקערט אַ געפערלעכע שלאַכט אַ שטומע, אָבער אַ פאַרביסענער געפעכט פון די אויגן און בליקן:

ער אויף מיר מיט רציחה: — בודניק, בטלן — דער טייוול האָט דיך אָנגעטראָגן גראַדע איצט!

איך אויף אים מיט שפּאָט: אַהאַ! אַריינגעפאַלן! שיינער מענטש, קריכסט אין פרעמדע ווייַנגערטנער, וואַרט, וואַרט!...

ער אויף מיר מיט שנאה: שנאָרער, רוקסט זיך ווו מען דאַרף נישט!..

איך אויף צוריק: ינוגאַטש, ס׳שטייט דאָך בפירוש לא תחמוד, לא תנאף! אַ פייער זאָל דיר זוכן!

ער אויף מיר — אומגעדולדיק: פגר־רע, דו טראָגסט זיך אָפּ פון דאַנען, צי נישט? ווי ווערט מען פּטור פון אַזאַ אָנשיקעניש?!..

איך רוק מיך צו גאַנץ רואיק צו דער שטול, מאַך זיך באַקוועם — זעץ זיך ברייטלעך פונאַנדער, פאַרלייג אַ פוס אויף אַ פוס:

— אָט דאָ איז מיין אָרט, דאָ איז מיר גוט, פונדאַנען — ריר איך זיך נישט!..

איך ווייס נישט מיט וואָס דער דועל וואָלט זיך געענדיקט ווען נישט דאָס גבֿרתל, וואָס האָט זיך באַוויזן מיט אַ שמייכעלע און עטלעכע לירות אין האַנט... זי האָט מיר דערלאַנגט דאָס געלט, — איך האָב עס איבערגע־ציילט, און נאָך אַמאָל איבערגעציילט, לאַנגזאַם, נישט געאיילט זיך, אויס־געלייגט די פונטן איינעם אויף דעם אַנדערן, זיך אויפגעהויבן און זיך גע־לאָזט צו דער טיר... איך האָב זיך העפלעך פאַרנייגט פאַר דעם „מלאך״ — און אַריינגעשטאָכן אַ טיפן, לאַנגן באַדייטונגספולן בליק אין פילאָסאָף: — דו וועסט שוין האָבן אַ מיאוסע מפּלה. האָסט געמיינט דו וועסט אָפּנאַרן די וועלט — אָבער בעכטיקע טעג. קיין סודות זענען נישטאָ!.. — און זיך גע־לאָזן ווייטער פאַרצוזעצן מיין בכבודיקע אַרבעט...

## מיינע קינדערלעך, אַז זיי שעכטן...

אַ בעל־חוב פון די נייע עולים — צום פקיד (אויפגערעגט):

— איך האָב באַקומען אַ בריוו פון אַן אַדוואָקאַט, ער דראָעט און קערט די וועלט!..

דער פקיד: אדוני, איר צאָלט נישט אייער הלוואה! איר האָט ביי אונדז באַקומען אַ גאַנץ אָנשטענדיקע סומע און ווי עס ווייזט אויס, האָט אייך דער מלאך אַ פיק געטאָן אין נאָז און איר האָט פאַרגעסן פון דער גאַנצער מעשה, אפילו קיין איין תשלום נישט געצאָלט!..

דער בעל חוב: — די צייט איז מיר איצט שווער. איך האָב איצט נישט קיין מעגלעכקייטן צו צאָלן, איך בעט אָפּוואַרטן אַ געוויסע צייט.

דער פקיד: — וואָס הייסט איר האָט נישט קיין מעגלעכקייטן? אַז מען האָט נישט קיין מעגלעכקייטן — נעמט מען נישט קיין הלוואות. ביי אונדז איז נישט קיין מוסד סאָציאַלי. ביי אונדז, אַז מען נעמט מוז מען צאָלן, עס העלפן נישט קיין מעשיות...

דער בעל־חוב: — אַנטשולדיקט, בעת איך האָב גענומען האָב איך געהאַט אויסזיכטן, אָבער אינצווישן האָט זיך ביי מיר די לאַגע געענדערט!

דער פקיד: — עס טוט מיר זייער לייד, איך קען אייך גאָרנישט העלפן, מיר מוזן אומקערן דאָס געלט אין דער זעלבער קאַסע פון וואַנען מיר האָבן עס גענומען, מיר וועלן די זאַך איבערגעבן אין משפט, אין הוצאה לפועל. מיר וועלן מאַכן אַ פקודת מאסר!..

דער בעל־חוב: — אַ פקודת מאסר? — גייט שוין גייט. יידן וועלן אַריינזעצן אין אָסטראָג, איר מאַכט חוזק, עס כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער!..

דער פקיד: — אדוני, איך מאַך נישט חוזק, איך טרייב נישט קיין שפּאַס, מיר מאָנען אונדזער געלט מיט אַלע געזעצלעכע מיטלען, און אַז מען מוז איינזעצן — זעצט מען איין!

דער בעל־חוב: אַ דערשראָקענער — אוי ווי איז מיר, שמעו שמים, איך בין דאָך אַ שוואַכער מענטש מיט אַ הויכן בלוט־דרוק, מיט אַ שוואַך האַרץ, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן!..

דער פקיד: — שאַט, שאַט, באַרויִקט זיך — אויב איר זייט אַזאַ חלוש, אַזאַ שוואַכער מענטש — וועלן מיר אייך נישט אָנרירן, וועלן מיר אייך לאָזן צורו — מיר וועלן קאַסירן ביי די זשיראַנטן!..

דער בעל־חוב: — איר רעדט דאָך גאָר ווי יענע יידענע!..

דער פקיד: — ווי וועלכע יידענע?

דער בעל חוב: — איר ווייסט נישט ווי וועלכע יידענע? — וועל איך אייך דערציילן: יידן סוחרים זענען אַמאָל געפאָרן דורך אַ וואַלד און פאַר־בלאָנדזשעט טיף אין וואַלד אין אַ שטיבעלע ווו עס האָבן געוווינט יידישע גזלנים — טאַקע אמתע גזלנים, אין שטוב איז קיינער נישט געווען אויסער אַן אַלטע יידענע — די מאַמע פון די גזלנים. אַז די יידן האָבן זיך דערוווּסט פון איר ווו זיי זענען אַריינגעפאַלן — האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען און קלאָגן: וויי איז אונדז, ווינד איז אונדז!..

רופט זיך אָפּ צו זיי די אַלטע מאַמע: — יידעלעך, גאָט איז מיט אייך, וואָס זענט איר אַזוי צעשראָקן — מיינע קינדערלעך אַז זיי שעכטן פּילט מען נישט אַפילו ווי דאָס מעסער גייט איבערן האַלדז!..

דער פקיד: — אָ, איר האָט דאָך גאָר אַ פיינעם מענה לשון — איך וועל אייך וואַרטן 2 חדשים און מער זאָלט איר מיט אַזעלכע מעשיות נישט קומען. איך וויל זען געלט און נישט הערן קיין משלים, שלום!

— שלום... שלום!..

# די מזכירה

ס'האָט זיך מיר גאָרנישט געגלויבט, אַז מ'וועט מיר וועלן אַמאָל אָפּ־זאָגן פון מיין אַרבעט. איך האָב זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט אַז ביי עמעצן קען געבוירן ווערן אַזאַ געדאַנק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב אַזאַ פאַל וואָלט יאָ פּאַסירט, וואָלט איך זיך קעגנגעשטעלט, געקעמפט ווי אַ לייב, כ'וואָלט מרעיש עולם געווען. אָבער אַז די זאַך איז געשען, אַז איך האָב פּלוצלינג אומדערוואַרט באַקומען אַ מעלדונג אַז מ'זאָגט מיר אָפּ פון מיין אַרבעט, האָב איך זיך דערפילט אַזוי שוואַך, אַזוי מוטלאָז און דערשלאָגן אַז דער מינדסטער ווילן פון קעגנשטעלן זיך איז ביי מיר פאַרשווונדן געוואָרן. איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיין טאַטע ע"ה פלעגט זאָגן אין דער צייט פון די אַמאָליקע פּריזיזון, ווען די „נאַוואַבראַנצעס" פלעגן קומען אין קהל סקאַנדאַלעווען, סטראַשען מיט קלעפּ, מיט מסרן, מיט איבערקערן די „סקאָזקע", שמידן די קהלס לייט אין קייטן, פאַרשיקן זיי קיין סיביר. — זאָלן זיי הוליען — פלעגט דער טאַטע זאָגן — איר וועט זען, אַז ווי נאָר מ'וועט אויף זיי מאַכן די ברכה און מ'וועט זיי זאָגן אין פּריסוטסטוואָ: „גאָדיען — פריגיאַט"! (דו טויגסט, דו ביסט צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט) — וועלן זיי ווערן שטילינקע, זיידענע, מען וועט פון זיי קיין פּאַרע נישט הערן.

ס׳וועט ווערן אויס מעשיות... דאָס זעלבע וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט איצט.

אַז איך האָב איבערגעגעכטיקט מיט דער צרה, האָב איך זיך דערמאָנט אַז מ׳דאַרף גיין מיטן אַלטן אויסגעטראָטענעם שליאַך און בין אַוועק אין דער הסתדרות.

איך בין געגאַנגען און געטראַכט — איך האָב שוין לאַנג דעם וועג פאַרגעסן, איך בין אַהין געגאַנגען מיט 25 יאָר צוריק, ווען כ׳בין געקומען אין לאַנד און געזוכט אַרבעט. און איצט גיי איך ווידער אַהין זוכן שוץ און גערעכטיקייט. ס׳ווייזט אויס, אַז אויף דעם וועג וואָס מ׳גייט איינמאָל, גייט מען נאָכאַמאָל.

אין משרד פון הסתדרות הפקידים, האָב איך צופעליק קיינעם נישט געטראָפן. אַ יינג מיידעלע, אַ מזכירה, איז געזעסן ביי דער שרייב־מאַשין און געשריבן. איך האָב זיך געזעצט אַ פאַריאַושטער, אַ פאַרטרויערטער און גע־וואַרט, ביז ס׳איז מיר נמאס געוואָרן וואַרטנדיק. אַן אומעט האָט אָנגעפילט מיין נשמה, דאָס מיידעלע האָט, ווייזט אויס, באַמערקט מיין מצב־רוח און האָט מיר געזאָגט: — ווער ווייסט צי דער מזכיר וועט שוין היינט קומען, אפשר קענט איר מיר זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, וועל איך אים איבערגעבן!

מיט אַ געבראָכענער שטים האָב איך דערציילט מיין ווייטיק: — איך בין אַ פקיד אין אַ מוסד שוין 25 יאָר און אָט האָט מען מיר פּלוצלינג אומ־דערוואַרטעט אָפּגעזאָגט — און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין מיינע אויגן.

— איר האָט עפּעס אַ שריפט. אַ בריוו באַקומען פון עמעצן? — האָט דאָס מיידל געפרעגט. איך האָב אַרויסגענומען דעם בריוו וואָס איך האָב באַ־קומען און דערלאַנגט איר. זי האָט אים דורכגעלייענט און געזאָגט צו מיר:

— איך וווּנדער זיך אויף אייך, איר זייט אַ פקיד 25 יאָר און איר זייט אַזוי נאַיוו... איר זייט אַ חבר אין הסתדרות? — אַוודאי, געוויס — זאָג איך איר.

— איר זאָלט שוין גיין צו דער אַרבעט! — זאָגט זי מיר שטרענג, אַ שאָד יעדע מינוט וואָס איר זיצט דאָ, איר וועט אַוועקגיין פון דער אַרבעט ווען מיר וועלן אייך הייסן און נישט ווען עמעצער אַנדערש! איר קענט גיין, איך וועל שוין אַלץ איבערגעבן דעם מזכיר.

אַז איך בין געקומען אין מוסד האָבן אַלע אויף מיר געקוקט מיט טרוי־עריקע אויגן. ביי אייניקע פון פרויען־פּערסאָנאַל האָבן זיך באַוויזן טרערן, דער פּלאַץ מיינער אויף וועלכן איך בין געזעסן 25 יאָר איז מיר שוין געווען

פרעמד. צום טעלעפאָן אויף מיין טיש האָב איך זיך שוין נישט געוואָגט צורירן זיך, פיל פון מיינע פריינד און באַקאַנטע האָבן מיך באַרואיקט און געטרייסט: — וואָס קען מען טאָן, ס'איז אַ גזירה, אַ געזעץ, דער „גיל הפרישה", מען מוז משלים זיין מיט דער לאַגע, ס'איז נישט צו מאַכן!..

— כ'דאַנק אייך, האָב איך זיי געזאָגט. איר גיט מיר אַן עצה ווי יענע גויים, וואָס זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרעגטשע פון בריק לעבן טייך און זיך איינגעקוקט ווי יאַשקע טרינקט זיך. ער שרייט און בעט זיך: כלאָפּצי ראַטויטשע! (ברידערלעך, ראַטעוועט) און זיי צו אים: — „יאַשקאַ, ביץ ניע פּאַמאָזשע. אָפּושטשיס נאַ דנאָ" (יאַשקע, ס'וועט גאָרנישט העלפן, לאָז זיך אַראָפּ אויפן גרונט)!..

דאַקעגן זענען געווען טרייע גוטע פריינד וועלכע האָבן מיר גע־שטאַרקט און געמונטערט: — לאָז זיך נישט, ברודער, לאָז זיך נישט!.. — נאָך 25 יאָר זאָגט מען נישט אָפּ אַ מענטשן, וואָס האָט דערצו נאָך געגעבן אַ קרבן פאַר דער מדינה! — ס'איז נאָך דאָ אַ הסתדרות, ס'איז דאָ אַ בית־ברנר, ס'איז נאָך דאָ גערעכטיקייט אין מדינת ישראל!

און אַזוי איז געשען:

— מיר וועלן דיך נישט מפקיר זיין — האָט מיר דערקלערט דער פאַר־שטייער פון הסתדרות (און האָט זיין צוזאָג מקיים געווען!).

— איר זאָלט נישט מאַכן אַזאַ שריט. איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צו באַזייטיקן אַ צעבראָכענעם טאַטן! — האָט געוואָרנט מיינע אַרבעטס־געבער דער פאָרשטייער פון משרד הבטחון, פון הנצחת החייל, וועלכער האָט מיר געשיצט אַלס אב שכול. און איך בין ברוך־השם געבליבן אויף מיין אַרבעטס־פּלאַץ ביז היינטיקן טאָג. און ווייל איז מיר צו הערן און דערוויסן זיך, אַז עס ווערט געשאַפן אַ געזעץ, וואָס וועט נעמען אונטער זיינע פליגלען און וועט באַשיצן די אומגליקלעכע עלטערן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע קינדער אין באַפרייאונגס־קריג פון ישראל און וועט פאַרזיכערן זייערע אַרבעטס־פּלעצער כל זמן זיי וועלן קאָנען און וועלן אויספירן זייערע פונקציעס און פאַרדינען מיט כבוד זייער ברויט.

# פון א בריוו...

„... איר פאָרט מיט שיפן, מיט באַנען, פליט מיט עראָפּלאַנען — און מיין האַרץ לויפט אייך נאָך איבעראַל, יאָגט אייך נאָך אין דער גרויסער וועלט.

מיר בענקען נאָך אייך און די קינדערלעך בענקען. די קליינע דורית׳לע (דורית)׳ ווען זי לייגט זיך שלאָפן, נעמט זי אייער בילד, טוליעט עס צו צו איר הערצעלע און אַזוי שלאָפט זי איין. מיר וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט ווען איר וועט זיך צוריקקערן אַהיים. אונדז זענען שוין נמאס געוואָרן די פאַרביקע פּאָסט־קאַרטן פון רוים, פון פּאַריז, פון לאָנדאָן, פון אַמסטערדאַם — די בילדער פון וואַטיקאַן, פון סאָרבאָנע, פון וועסט־מינסטער און פון באַקינהאַם־פּאַלאַץ. מיר וואָלטן שוין וועלן דערלעבן זען פון אייך אַ ווייס פּאָסט־קאַרטל מיט אַ ווייסן הירשעלע פאַר 6 אגורות פון קרית־חיים!

איר שרייבט אונדז וועגן אייער התפעלות פון לאָנדאָן, ווי אַזוי די דאָזיקע ריזן־שטאָט זעט אויס ביי נאַכט. אַז איר וועט, אם ירצה השם קומען, וועט איר זען ווי עס זעט אויס דער אַריינפאָר קיין תל־אביב ביי נאַכט. איך בין דאָ נישט לאַנג, אין אָוונט, געפאָרן פון פתח־תקוה קיין תל־אביב, בין איך פאַרבליפט געוואָרן פון דעם פאַנטאַסטישן באַלויכטונגס־ווערק, וואָס איז אויפגעשטאַנען מיט אַ קורצער צייט צוריק אין דער געגנט פון „עלית״. די, וואָס געדענקען אָט דעם פינצטערן ווינקל, קענען אים היינט גלייכגילטיק נישט פאַרבייפאָרן. — איזה יופי! איזה יופי — רייסט זיך אַרויס אינסטינקטיוו ביי יעדן איינעם.

שילדערנדיק אייערע איינדרוקן פון אייראָפּע, דערמאָנט איר, מיט רעכט, די אָרעמקייט, די בעטלעריי, וואָס איר באַמערקט אין אַנדערע לענדער, די שלעפּערס, וואָס נעכטיקן אין די מעטראָס, אין די אונטערערדישע וואָקזאַלן, נישט האָבנדיק קיין דאַך איבערן קאָפּ... אויך ביי אונדז אויף אַלענבי, אין אונדזער ליבער תל־אביב, פעלן נישט קיין שנאָרערס און בעטלערס, וואָס ליגן ברייטלעך נגידיש־באַלעבאַטיש אויסגעצויגן אויפן טראָטואַר — אָבער...

לאַזאר בראָדסקי איז אַמאָל געפאָרן מיטן קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער די גאַסן פון קיעוו.

— דו זעסט עקסעלענץ — האָט בראָדסקי אים אָנגעוויזן אויף אַ שיכור, וואָס איז געלעגן אין גאַס — ווי ברייטלעך ער האָט זיך אויסגעצויגן !..

— דאַ! (יאָ) — האָט געענטפערט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אָבער ער ליגט אויף זיין אייגענער ערד!..

אפשר וועט איר שוין ענדיקן מיט דעם וואַנדערן איבער די גואישע לענדער און זיך אומקערן אַהיים, וועט איר ערשט איצט דערפילן דעם אמתן טעם פון דעם אייגענעם לאַנד, פון דער אייגענער מדינה!..

## דער גנן פון פתח־תקוה

מיין ברודער משה מיט ליבשאפט

פיר און פערציק יאָר זענען אַריבער זינט דעם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט די וועלט אַריינגעוואָרפן אין אַ יאָרהונ־דערט פון קאָנווולסיע. נאָך היינט שטייען מיר פאַר די אויגן די בילדער פון יענעם טראַגישן אָנהייב, ווי ער האָט זיך ענטפלעקט ביי דער אייזערנער באַן־בריק פון מיין שטעטל.

איין מאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג איז נעבן דער בריק אויסגעוואָקסן אַ רוסישער סאָלדאַט מיט אַ ביקס, אין שפּאָגל־נייע גרינע מלבושים, וואָס זייער פאַרב איז ענלעך געווען צו דער גרינקייט פון פעלד. דער זעלבער האָט זיך אַוועקגעשטעלט היטן די בריק פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט מ'זאָל זי נישט אַוועקגנבענען. אַלעמענס אויגן האָבן מיט שרעק און נייגעריקייט זיך געוואָנדן צו דער זייט פון דער ליניע, אויף די שטילע, רואיקע באַן־רעלסן, אויף וועלכע ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו רודערן... ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ציען לאַנגע צוגן, קוים וואָס די אויג פאַרכאַפּט... עשאַלאָנען... אַלע פינף מינוט אַן עשאַלאָן. פול געפּאַקטע וואַגאָנען... „פערציק מענטשן, 8 פערד". טונקעלע אָפּגעברענטע פנימער, רויטע לאַמ־פּאַסן, פאַרריסענע שטופּרינעס, קאַלמיצקע אויגעלעך, פאַראויריגגלטע אוירען, קאַצאַפּסקע בערד, טאָטערישע פּרצופים, צעקאָכטע יוכעס. אַ היישעריק — אַ מענטשן־היישעריק. די שפּילעריי פון די האַרמאָשקעס, דאָס הירזשען פון די פערד, דער מישמאַש פון געזאַנגען און לידער צוזאַמענ־געפלאָכטן מיטן גערויש און הוק פון די רעדער האָט אויפגעטרייסלט די לופט, אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

„פּישעט, פּישעט צאַר גערמאַנסקי — פּישעט רוסקאָמו צאַרו", האָט זיך

יידן זענען געוואָרן בלאַס, גויים האָבן זיך געצלמט. ס'איז גע־געטראָגן און געקייקלט ווייט...

שען!.. ס'האָט זיך אָנגעהויבן!.. די פרומע קעניגלעך־קייסערלעכע וועלט־שחיטה איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער וועלט.

מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען אין שרעק, געפרעגט איינער דעם צווייטן: וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין?!..

אין יענע טעג איז מיר באַשערט געווען צו פאָרן מיט דער באַן אַ ווייטע שטרעקע. איך בין געפאָרן „אַרויסכאַפּן פון פייער" מיינעם אַ ברודער, וועלכער האָט געדינט אין טיף רוסלאַנד. אין בוזעם־קעשענע האָב איך געהאַט פאַרנייט אַ סומע פון אַכט הונדערט רובל אויף אויסצוקויפן אים פון גוישע הענט. איך בין געפאָרן אין אַ וואַגאָן פון צווייטן קלאַס און אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ שיינער, פאַטריאַרכאַלישער ייד, אין ווייסע מאַנזשעטן, מיט אַ ווייסער, זילבערנער באָרד און די גאַנצע צייט אַריינ־געקוקט אין אַ ספר. אַן אומעטיקער און פאַרמרהשחורהדיקער בין איך גע־זעסן און געטראַכט וועגן דער שווערער אויפגאַבע, וועלכע ס'שטייט מיר פאָר. דער ייד האָט, ווייזט אויס, באַמערקט מיין צושטאַנד און אַ פרעג געטאָן ביי מיר, וווהין איך פאָר און וואָס בין איך אַזוי אומעטיק?! איך האָב אים דערציילט צו וואָס און וווהין איך פאָר. איך האָב אים אויך דער־ציילט, אַז אונדזערע עלטערן געפינען זיך אין ארץ־ישראל און מיר ווילן אויך פאָרן צו זיי.

דער ייד האָט זיך פאַרטראַכט, ווידער אַריינגעקוקט אין ספר און גאָרנישט געזאָגט. ערשט ווען ער האָט באַדאַרפט אויסשטייגן האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט צו מיר:

— יונגערמאַן, איר פאָרט דאָך אין אַ חשובן ענין, זאָל אייך דער אייבערשטער העלפן! נאָר איין זאַך וויל איך אייך זאָגן, און איר זאָלט מיינע ווערטער געדענקען: אין דער תורה הקדושה שטייט דאָך געשריבן „לא תגנוב" — מ'טאָר נישט גנבענען. טאָר מען דאָך נישט, איז נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן! נאָר אין דעם פאַל זאָג איך אייך: אויב איר וועט דעם פעקל נישט קענען קויפן, זאָלט איר אים גנבענען! אָבער אייערער זאָל ער זיין! איך בין אייך מתיר!..

איך בין אָנגעקומען צום ציל, געזוכט פאַרשידענע וועגן, פאַרשידענע מיטלען צו באַפרייען מיין ברודער. אַ חודש צייט זיך געמאַטערט מיט פראָ־טעקציעס צו דאָקטוירים, צו נאַטשאַלסטוואָ, אויסגעפרווט אַלע סגולות פון די צאַרישע צייטן. עס האָט נישט געהאָלפן. דאַן האָב איך זיך דער־מאָנט אין דעם יידנס עצה.

איין מאָל, אין אַ פינצטערן, רעגנדיקן אָוונט האָב איך מיין ברודער

אַרויסגעגנבעט פון קאַזאַרמע, איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער און געמאַכט מיט אים אַ ויברח!..

דער פאָלק, אין וועלכן מיין ברודער האָט געדינט איז ביזן לעצטן סאָלדאַט אומגעקומען, דערטרונקען געוואָרן אין די מאַזורער אָזיע־רעס אין אויגוסט 1914, און מיין ברודער פלאַנצט גערטנער אין פתח־תקוה... ביזן היינטיקן טאָג!

## מאקסים...

צוויי געשטאַלטן — ווי צוויי ליכטיקע שטערן האָבן זיי געלויכטן אויף די פינצטערע הימלען פון דעם רוסיש־פּוילישן יידנטום.

געלויכטן און אָנגעפילט מיט האָפענונג פאַריאושטע און צעבראָכענע הערצער. אַז עס פלעגט זיך אָנרוקן אַ צרה, אַ גזירה, אַן אומגליק ר״ל, אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז כלו כל הקיצין, פלעגט מען לויפן צו זיי זוכן אַן עצה בעטן אַ ברכה.

צוויי פּשוטע גאונים, פאָלקס־צדיקים אָן קוויטלעך, אָן שיריים, אָן פדיונות.

דער סלאָנימער רב און דער חפץ־חיים.

דער סלאָנימער רב ר׳ מרדכילע האָט זיך שטענדיק געפונען אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. פון באַגינען פאַרטאָג ביז שפעט אין דער נאַכט איז זיין געצעלט געווען באַלאַגערט פון אַלע שווערע הערצער, וואָס האָבן געשטראָמט צו אים פון אַרום און אַרום. ער פלעגט אין זיך איינזאַפּן ימען יידישע יסורים און נישט אומזיסט האָבן זיינע אויגן שטענדיק אויסגע־דריקט אַזאַ טיפן צער, אַזאַ אומענדלעכן טרויער. אַלע צרות, וואָס עס האָט אויפגעכאַפּט זיין אויער — האָבן זיך אָפּגעשפיגלט אין די אויגן פון אָט דעם צדיק. פיל פיל וווּנדערלעכע מעשים און נסים דערציילט מען פון ר׳ מרדכי׳לען. אָבער דעם עיקר פון זיין גרויסקייט האָט ער אַרויסגעוויזן מיט זיינע סגולות קעגן די שונאי ישראל. און אין דער אמתן — ער איז געווען דער גרעסטער און פאַרביסנסטער שונא פון די שונאי ישראל און פלעגט פון זיי מאַכן אַ באַרג מיט אַש, שעלטנדיק זיי מיט זיין ריינעם כשרן מויל. אַ סך גזירות און צרות זענען בטול געוואָרן נאָר פאַרן פחד וואָס פלעגט פאַלן אויף זיי, אויף די שונא ישראל פאַר דעם דאָזיקן צדיק.

אין דאָרף באַלאַשי אין דער אומגעגנט פון ווילנע האָט יאָרן לאַנג געוווינט אַ ישובניק מיטן נאָמען ר׳ משה דובין. ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע די מיל, געהאַקט וואַלד און זיך מפרנס געווען מיט כבוד. אַז ער איז געשטאָרבן האָט ער איבערגעלאָזן אַן אלמנה מיט פיר קליינע יתומים. איז זיך מיישב דער עלטסטער פון דאָרף און הויבט אָן צו רודפן די אלמנה, צו טרייבן זי פון דאָרף. ער פאַרביטערט איר דאָס לעבן טאָג און נאַכט מיט מסירות צום איספּראַווניק, צום גובערנאַטאָר! — עס העלפן נישט קיין געבעטן, קיין תחנונים, קיין מתנות־ידן. ער מוז זי אַרויסזעצן פון דאָרף!

עס איז איר — באו מים עד נפש! וואָס טוט מען, ווו טוט מען זיך אַהין מיט די קליינע יתומים׳לעך, אָן אַ געשעפט און אָן פרנסה?..

האָט זי גענומען און אַוועקגעפאָרן קיין סלאָנים צו ר׳ מרדכילען. ס׳איז אַקוראַט געווען די צייט פון ימים נוראים, פון עשרת ימי תשובה. ר׳ מרדכילעס הויף איז באַלאַגערט, פאַרפּאַקט פון הונדערטער מענטשן — אַ יאַריד, אַ גאַנצער יאַריד פון צרות און יסורים: מענטשן מיט פאַרשיי־דענע קראַנקייטן און שוואַכקייטן; יידן וואָס האָבן אויף זיך שווערע משפטים, צרות פון מיליטער־דינסט, פון „נאַוואָסעלעניע", פון גזירות און רדיפות — אַלץ שטראָמט און רייסט זיך צו ר׳ מרדכילען. און פון דעם שטיבל, ווו ער דאַוונט, רייסן זיך און טראָגן זיך די געשרייען און גע־וויינען פון די מתפללים מיט די פאַרביטערטע הערצער, אַז זיי לייגן־איין די הימלען.

ס׳איז געווען אוממעגלעך צוצוקומען צו אים און ערשט נאָר אויפן דריטן טאָג האָט זי זיך קוים דערשלאָגן איבערצושפּרייזן די שוועל פון ר׳ מרדכילעס צימער.

— פון וואַנען ביסטו, מיין טאָכטער, און וואָס האָט דיר געבראַכט אַהער? — האָט ר׳ מרדכילע געפרעגט מיט זיין ציטערדיקער שטימע.

באַגיסנדיק זיך מיט טרערן האָט די פרוי אויסגעגאָסן איר האַרץ פאַרן רב: — רביניו, איך בין אַן אַלמנה מיט פיר קליינע יתומימלעך, אַ גוי, אַ רשע, האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, פאַרפינצטערט מיר דעם לעבן, יאָגט מיר און טרייבט מיר פון דאָרף, וווהין וועל איך גיין? רביניו, האָט רחמנות!..

— אַלמנות און יתומים זענען גאָטס געגערעלער — האָט דער רב אַן אויפגערעגטער אַ זאָג געטאָן.

— ווי רופט מען אים דעם רשע? ווי הייסט ער?

— מאַקסים! — האָט די פרוי געענטפערט.

— מאַקסים?.. — איז דער רב אויפגעשפרונגען אַן אויפגעציטערטער — מאַ־ק־סים? — מכות אים!.. האָט ער מיט כעס אַ טופּע געטאָן מיטן פוס — מכות אים!.. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן קאָפּ פון דער פרוי און געזאָגט: — פאַר מיין טאָכטער אַ היים בשלום, דער טאַטע פון יתומים און דער דיין פון אלמנות וועט דיר נישט פאַרלאָזן!..

די פרוי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, אָבער די צרות האָבן נישט אויפגעהערט. דער גוי האָט נישט גערוט און געזוכט פאַרשידענע מיטלען ווי דורכצופירן זיין זאַך ביז...

איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען מאַקסים האָט געפירט קלעצער פון וואַלד, איז אַראָפּגעפאַלן אַ קלאָץ און האָט אים איבערגעבראָכן ביידע פיס. אַ האַלב יאָר איז ער געלעגן אַ קראַנקער, און אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך אויף קוליעס דערשלעפּט צו דער פרוי און האָט איר אַ קוש געטאָן אין האַנט און געזאָגט:

— לייקאַ (מ'האָט איר גערופן לאה), איך האָב קעגן דיר געזינדיקט, קעגן דיר און דיינע יתומים, זיי מיר מוחל, איך וועל פאַרריכטן מיינע פעלערן און מיינע זינד קעגן דיר!..

און מאַקסים איז געוואָרן אַ חוזר בתשובה, פון אַ שונא געוואָרן דער גרעסטער גוטער פריינד, געהאָלפן און געשטיצט, אויסגעבויט הייזער פאַר דער אַלמנה און פאַר די קינדער און איז געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין פאַר דער פאַמיליע. ער האָט זיך אָבער נישט געקענט באַרואיקן, ביז אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער אַליין אַוועקגעפאָרן צום „הייליקן ראַבין", געפאַלן אים צו די פיס און געבעטן מוחל זיין אים און מבטל זיין די קללה...

## צוויי קעץ אין איין זאק

ווי גוט און ווי לייכט ס'איז צו מאָנען געלט ביי אַ יידן אַן אָרעמאַן, אַן אַרבעטער, אַ בעל־מלאכה, אַ קליין קרעמערל. דו קומסט, רעדסט מיט אים אַ פּאָר האַרבע ווערטער, גיסט אים אַ סטראַשע אַ ביסל — און יענער דערשרעקט זיך נעבעך, ציטערט און באַצאָלט. גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט דעם רייכן. ערשטנס, דאָס אויסגעפינען דעם גביר איז נישט אַזוי לייכט. אָדער ער איז שטאַרק פאַרנומען, אָדער ער עסט שטאַרק, אָדער ער שלאָפט שטאַרק. און ענדלעך אַז דיר איז שוין געלונגען אים צו טרעפן,

מוזסטו זיין זייער פּאַרזיכטיק מיט דיין באַנעמען און ריידן מיט אים, פּונקט ווי דו וואָלסט דאַרפן טרעטן איבער גלאָז, ווייל אויב אַנדערש, קען ער אויף דיר אָנפאַלן און אויסגיסן אויף דיר אַן עמער זידלערייען און באַליידיקונגען.

יאָ, ס'איז שווער ווי קריעת ים־סוף, צו מאַנען געלט ביי אַ גביר!..

— אַזוי האָב איך געטראַכט זיצנדיק ביי דעם קבלן ל. אין זיין אויפנעמצימער ביי אים אין שטוב.

ער איז געלעגן ברייטלעך אויף דער סאָפע און געשלאָפן און איך זיץ און וואַרט ער זאָל זיך אויפכאַפּן און „מיר אויפנעמען". כ'האָב שוין באַוויזן באַטראַכטן אַלע בילדער אויף די ווענט, אָפּשאַצן די מעבל, דעם פּריזשידער, דעם ראַדיאָ (ס'איז שוין ביי מיר אַזאַ געוווינהייט, אַז איך קום אַריין צו אַ בעל־חוב לייג איך אַכט אויף די מעבל און שאַץ עס אָפּ, ס'קען מיר אַמאָל צונוץ קומען — שפּעטער „באחרית הימים"...) און דער אדון שלאָפט נאָך אַלץ.

ס'איז מיר געוואָרן שרעקלעך לאַנגווייליק, אָבער ב"ה; גאָט צו דאַנקען, סוף־סוף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַרויסגעלאָזן אַ ברייטן געגעניץ, זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע און האָט זיך בהרחבהדיק אַוועקגעזעצט אויפן שטול.

— שלום אדוני, האָב איך אים העפלעך באַגריסט, און זיך נידעריק פאַרנייגט — איך האָב דעם כבוד צו ריידן מיטן קבלן ל.?

— איך בין דער קבלן ל.? האָט דער מענטש אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, איך בין — נישט קיין קבלן און נישט קיין בן קבלן, איך בין פּשוט אַ גובה פון דער געזעלשאַפט „הכנסת כלה". איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט אויפן קבלן ל., ביז ס'איז אויף מיר אַ שלאָף אָנגעפאַלן, און צוליב באַקוועמלעכקייט האָב איך זיך אַ ביסעלע אויסגעצויגן אויף דער סאָפע! אויב איר ווילט, קענט איר אויך כאַפּן אַ לייכטן דרעמל! אויב איר האָט נאָר אַ ענין פון געלט מיטן קבלן, קענט איר זיך דערווייל אַ ביסעלע צושפּאָרן. און האָט מיר אַ ווונק געגעבן אויף דער סאָפע.

איך האָב זייער האַרציק באַדאַנקט מיין זאַכלעכן קאָלעגע, און בין געגאַנגען ווייטער ממשיך זיין מיין בכבודיקע אַרבעט.

# ער האט א סאלדאט אין פאלק

יעדן יידן אין דער גאַנצער וועלט איז באַקאַנט דער נאָמען „חפץ חיים" — דער נאָמען פון דעם זעלטענעם גאון און פאָלקס־צדיק, וואָס האָט געלויכטן ווי אַ ליכטיקער שטערן אין די פינצטערע הימלען פון יידישן לעבן אין גלות. גרויס איז געווען די ליבע צו אים פון די ברייטע יידישע מאַסן פאַר זיין פשוטקייט, גוטסקייט און מעשים טובים. אומצאָליקע לעגענדעס וועבן זיך אַרום זיין געשטאַלט. דעם שרייבער פון די שורות איז באַשערט געווען צו זען אים אייניקע מאָל. איין מאָל, ווען ער איז געקומען אין אונדזער שטאָט — און אַלטע יידן מיט גרויע בערד האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד פון דעם וואָגן, און אַליין זיך איינגעשפּאַנט און געפירט אים אין שטאָט אַריין. אַ צווייט מאָל — אין אַ וואַגאָן פון צוג. דעמאָלט האָב איך אַפילו געהאַט די זכיה צו אָפּגעבן אים שלום און ריידן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. איך בין דעמאָלט געפאָרן פון ווילנע. אויף דער סטאַנציע נעבען ראַדין האָב איך באַמערקט אַ גרויסע מאַסע מענטשן. איך האָב זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, וואָס קומט דאָ פאָר אויף דער סטאַנציע — און זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז מען געקומען באַגלייטן דעם חפץ חיים.

דערזעענדיק, אַז מען האָט אים אַריינגעפירט אין אַ וואַגאָן פון דער צווייטער קלאַס — בין איך אַראָפּגעלאָפן צו דער קאַסע, צוגעצאָלט צו מיין בילעט און אַריין צו אים אין צווייטן קלאַס. איך האָב פאַר זיך דערזען אַ קליין גרוי יידעלע מיט אַ שוואַרץ סאַמעטן היטל און אַ פּנים פון אַ מלאך אלקים. מיט אים איז מיטגעפאָרן אַ באַגלייטער — איינער פון די ישיבה־לייט פון דער ראַדינער ישיבה. דער חפץ חיים איז געווען זייער פאַרזאָרגט און נישט אויפגעהערט צו זיפצן.

— וואָס איז ער אַזוי פאַרזאָרגט, און וואָס זיפצט ער אַזוי? — האָב איך געפרעגט דעם ישיבה־בחור.

— פאַרשטייט איר מיר, — האָט מיר דערקלערט דער ישיבה־בחור — ער האָט זיך געבעטן ביי זיינע פריינד און הויזגעזינט, ער וויל נישט פאָרן מיט דער צווייטער קלאַס, מיט פּריצים און אָפיצירן. ער וויל פאָרן אין דער דריטער קלאַס צוזאַמען מיט יידן — אנשי שלומנו. נאָר יענע האָבן זיך איינגעשפּאַרט. דווקא אין דער צווייטער! נו, דערפאַר איז ער זיך מצער. מילא — זאָגט ער — אויב עס איז אים באַשערט צו האָבן יסורים מוז ער שוין ליידן, אָבער פאַרוואָס קומט דאָס מיר, זיין באַגלייטער, צו ליידן?!..

איך בין געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק־אַנשטאַלט פון מיין געבורטס־שטאָט און אָנגעפירט מיט דער אינקאַסאָ און איינמאַנונגס־אָפּ־טיילונג. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָב איך באַקומען אַ פּאָרטפעל פּראָ־טעסטירטע וועקסלען אויף אַ גרעסערע סומע, אונטערגעשריבענע דורך מיינעם אַ באַקאַנטן סוחר. לויטן אויפטראַג האָב איך באַדאַרפט אין פאַר־לויף פון זיבן טעג איינקאַסירן דעם בעטראַג, אָדער אין קעגנפאַל אַרויס־שטעלן אויף ליציטאַציע זיין פאַרמעגן. איך האָב אַרויסגערופן דעם „בעל דבר" און דערקלערט אים דעם ענין.

דער ייד האָט פאַר מיר אָנגעהויבן צו קלאָגן און וויינען. זיין לאַגע איז איצט זייער אַ שווערע. אין דעם מאָמענט האָט ער נישט קיין מעגלעכ־קייט אַפילו טיילווייז צו צאָלן זיינע חובות. ער האָט נישט פון וואַנען דורכצולעבן מיט זיין פאַמיליע און אויב מען וועט אים איצט דריקן וועט מען אים אינגאַנצן רואינירן. ער איז געלאָפן אין דער „פירמע" בעטן, מען זאָל וואַרטן, נאָר יענע האָבן זיך פאַרעקשנט און ווילן נישט הערן.

— איך שלאָף נישט קיין נעכט. איך זוך עצות, מיטלען און זע נישט קיין הילף — האָט דער ייד געגאָסן טרערן, איך ווייס נישט וואָס מען טוט!.. אָט קום איך איצט פון חפץ חיים...

— וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו מיטן חפץ חיים? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך האָב אַ זון ביי אים אין דער ישיבה — האָט מיר דער ייד דערקלערט — האָט ער, דער זון מיינער, מיר געראָטן פאָרן פרעגן אַן עצה ביי אים; האָב איך גענומען און בין אַוועקגעפאָרן קיין ראַדין. געקו־מען צום חפץ חיים — געוואָלט אַריינגיין צו אים, אָבער ווי אַזוי? דער חפץ חיים איז אַלט און שוואַך, מען לאָזט צו אים נישט צו בשום אופן. איך האָב שוין געהאַלטן אומקערן זיך אַהיים מיט גאָרנישט. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? האָב איך געבעטן מען זאָל אים איבערגעבן, אַז איך האָב אַ זון אין דער ישיבה און אָנגערופן זיין נאָמען (דער חפץ חיים האָט גע־קענט אַלע תלמידים וויל־לערנער מיט זייערע נעמען!).

— אָ, דער טאַטע פון יצחק אַמסטיבעווער! מען זאָל אים שוין אַריינ־לאָזן — ער האָט אַ סאָלדאַט אין פּאָלק! — האָט דער חפץ חיים באַפוילן. איך בין אַריין צו אים, דערציילט אים מיין לאַגע, געבעטן אַן עצה.

— וואָס קען איך דיר העלפן? — האָט מיר דער חפץ חיים געזאָגט — דאָס איז דאָך אַ זאַך בין אדם לחברו — אַז מען איז שולדיק דאַרף מען באַצאָלן, אָבער מען דאַרף זיך נישט מתיאש זיין, דער אויבערשטער וועט

העלפֿן, תשועת ד׳ כהרף עין!.. מען דאַרף נישט זיין געפֿאַלן ביי זיך!..
— נו, ווי איז מען נישט געפֿאַלן ביי זיך — האָט דער ייד פֿאַרענדיקט — אַז אָט גייט מען מיר ליציטירן!..

— הער זיך איין, האָב איך זיך אָפּגערופֿן צו דעם ייד, איך וועל דיר עפּעס זאָגן: — איך וועל דיר אויף ליציטאַציע נישט אויסשטעלן! אויב דער חפץ חיים האָט דיר געגעבן אַ ברכה — וועל איך קעגן זיין ברכה נישט גיין. אויב מען וועט דאָס מוזן טאָן — זאָל דאָס מאַכן אַן אַנדערער און נישט איך און זאָל זיין וואָס עס זאָל נישט זיין!..

איך האָב דעם „פּגר" — דעם פּעקל פּראָטעסטירטע וועקסלען — אַריינגעלייגט אין דעם געשוואָלענעם פֿאָרטפֿעל פֿון פּראָטעסטן, וועלכע האָבן נישט געפֿעלט און פֿאַרגעסן פֿון דעם גאַנצן ענין ווי פֿון טויט. נישט איך האָב געמאָנט און נישט מען האָט מיר געמאָנט און אַזוי זענען פֿאַריבער דריי יאָר — ביז אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט זיך באַוויזן דער ייד, וואָס זיין לאַגע האָט זיך מיט דער צייט פֿאַרבעסערט און אויסגעלייזט זיינע וועקסלען.

## א גוי אין תפילין...

אין דער אמתן האָט דער עפּיזאָד וואָס איך קום אייך דערציילן — קיין שום דירעקטן שייכות נישט מיט דעם יום טוב פּסח, נאָר אַזוי ווי מיין פֿאָטער ע״ה פֿלעגט דאָס ליב האָבן צו דערמאָנען און דערציילן ערב פּסח גיב איך עס איבער אין זיין לשון:

— עס איז געווען אַ פּאָר וואָכן נאָך פּורים. אין דער לופֿטן האָט זיך שוין געפֿילט דער אָנקום פֿון פֿרילינג. די זון האָט שוין געשפּרייט וואַרעמע שטראַלן איבער די פֿאַרשנייטע פֿעלדער און לאָנקעס. אָבער דער שליטוועג האָט נאָך געהאַלטן פֿעסט.

צוזאַמען מיטן אַלטן רב ע״ה זענען מיר אין אַ שליטן אַרויסגעפֿאָרן מיט איצע דעם בעל־עגלה איבער די יידישע ישובים קלייבן מעות חטים אויף קמחא דפּסחא פֿאַר די אָרעמע לייט פֿון שטעטל.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ראשית האָבן מיר זיך פֿאַרקירעוועט צו מעניע שוסטיקער, וואָס האָט געהאַלטן פֿון יאָרן לאַנג אין אַרענדע די שוסטיקער מיל ביי דעם פּריץ טאָלאַצקאַ. מעניע שוסטיקער איז געווען פֿון די טייערע יידן, פֿון רבונו של עולמס גוואַרדיע, אַ צדיק תמים, אַ

גרויסער בעל צדקה פון מתן בסתר און אַ ירא שמים. אין די ווינטערדיקע לאַנגע נעכט זיצנדיק אין מיל און מאָלנדיק די פויערישע תבואות, האָט ער קיינמאָל נישט אויף אַ מאָמענט אַרויסגעלאָזן דעם תהילים פון האַנט.

מיר זענען צוגעפאָרן צו זיין שטוב לעבן מיל. מיר זענען אַריינגעקומען אין שטוב און דערזען: אין אַ ווינקל לעבן דעם אויסגעהייצטן אויוון זיצט דער באַקאַנטער פויער סטעפּאַן קאַצאַראָווסקי, — דער סטאַראָסטע פון דער רוסישער פּראַוואָסלאַוונער צערקווע מיט אַ פּאָר תפילין אויפן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויפן האַנט, און מאַטערט זיך כאַפּן אַ דרעמל. מיר זענען נשתומם געוואָרן.

— סטעפּאַן, האָבן מיר זיך אָפּגערופן, וואָס איז מיט דיר? דו ביסט משוגע געוואָרן צי חסר־דעה? וואָס האָסטו אויף זיך אַרויפגעשלעפּט די זשידאָווסקע „באָהאָמאָלנע״?

— אָך, מיינע טייערע פּריצימלעך, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו קלאָגן, — איך בין קראַנק, זייער קראַנק, „ניע נאַ וואָס קאָזשוטשי״ — נישט פאַר אייך געדאַכט, — איך האָב פאַרלוירן דעם שלאָף, קען נישט אַנטשלאָפן ווערן, אַנדרעמלט ווערן, — איך בין געוועזן ביי זנאַכערס — ס׳העלפט נישט; געוועזן ביי טאָטערס, עס העלפט נישט, געוועזן ביי דאָקטוירים — עס העלפט נישט... און אָט האָב איך באַמערקט, אַז אונדזער מענדל ווען ער קומט אויפן פרימאָרגן פון מיל און טוט אָן „די באָגאָמאָלנע״ הויבט ער אָן גלייך צו כראָפּען — אַז דער אויוון קען איינפאַלן — פּרווו איך אויך אפשר וועט עס מיר העלפן... פּאַניע ראבין, האָט ער אָנגעהויבן וויינען, דו ביסט דאָך אַ הייליקער מענטש, ס׳גייט דאָך אייער הייליקער יום טוב פסחא — בעט גאָט ער זאָל צונעמען ביי מיר די מכה און אָוועקגעבן די מצרישע „פּאַראָאָנעס״ (די פרעהס) זיי האָבן שוין באַקומען אַזוי פיל מכות — זאָלן זיי שוין צונעמען מיינע אויך — האָב רחמנות!..

אויף פסח האָט ער אַריינגעשיקט צום רב אַ וואָגן קאַרטאָפל און אַ זאַק ווייץ פאַר די אָרעמעלייט פון שטעטל.

## ווי אזוי איך האב געראטוועט דעם שעפער פון „גענאסייד־געזעץ"

— רפאלקע, פאַר געזונט, זאָלסט זען זיין אַ מענטש!.. אַזוי האָט אַרויסבאַגלייט די מוטער איר קינד, וואָס איז אַרויסגעפאָרן זיך לערנען אין דער גרויסער וועלט.

— איך וועל זיך סטאַרען מאַמינקע, זיי געזונט! האָט געענטפערט דאָס יינגעלע. און דאָס יינגעלע האָט זיך געסטאַרעט און געוואָרן דער איינציקער יידישער פראָקוראָר אין פוילן. האָט איבערגעזעצט דעם סאָוויעטישן, דעם רוימישן און נאַפּאָלעאָנס קאָדעקסן און שפּעטער צום סוף געשאַפן דעם „גענאָסייד"־געזעץ קעגן פאַרניכטונג פון פעלקער. דאָס איז געווען מיין אומפאַרגעסלעכער חבר און פריינד ד"ר רפאל לעמקין ע"ה, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן אין גרויס דחקות און עלנט אין אַמעריקע.

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג איז מיר באַשערט געווען צו ראַטעווען אים פון אַ דייטשן פעלד־געריכט. די מעשה איז געווען אַזוי: רפאל איז דעמאָלט נאָך געווען אַ לערער און איז געגאַנגען צו פוס פון וואָלקאָוויסק קיין סוויסלאטש, דורכגייענדיק מיין שטעטעלע האָבן אים דייטשע מיליטער־פּאָליציסטן פאַרהאַלטן, ווייל ער האָט נישט אַראָפּגעצויגן די „מיטצע" (הוט) פאַר אַ דייטשן וויצע־וואַכמייסטער און דערוויל האָבן זיי זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַז ער טראָגט מיליטערישע שטיבלעטן און לויט די געזעצן פון קריגס־צושטאַנד אין באַזעצטן געביט איבערגעגעבן צום קריגס־געריכט. עס האָט געשמעקט מיט יאָרן „צוכטהויז". אַלס ביר־גערמייסטער פון שטעטל בין איך אַוועקגעפאָרן צום סעקרעטאַר פון קריגס־געריכט וואָס איז אגב געווען מיינער אַ ידיד, געבראַכט אים אַ פּאָר צענדליק אייער פון „מיינע אייגענע הינער" און האָב איבערגעביטן די מיליטערישע שטיבלעטן אויף אַ פּאָר פּשוטע שטיוול — דערנאָך האָבן מיר צוזאַמען גוט אַריינגעגאָסן עטלעכע פלעשער „זעקט", וואָס דער סעקרעטאַר האָט נישט פיינט געהאַט און רעכט צוגעביסן — און דער בחור איז געווען געראַטעוועט.

איך האָב דעמאָלט נישט געטרוימט, אַז איך האָב אַרויסגעראַטעוועט דעם צוקונפטיקן גרויסן געלערנטן און שעפער פון געזעץ, לויט וועלכן מ'דאַרף איצט משפּטן דעם גרעסטן צורר פון דער וועלט־געשיכטע.

# צוויי אורטיילן

מיר זענען געזעסן אין אַ געזעלשאַפט פון געריכט־מענטשן און גע־זעץ־קענער און זיך געביטן מיט מיינונגען וועגן דער אַנגעווייטיקטער פראַגע פון טויט־אורטיילן און וועגן דעם פאָרעם פון אויספירן אַזעלכע אורטיילן. יעדער איינער האָט דערציילט וועגן מאָמענטן, אויף וועלכע ס׳איז אים אויסגעקומען זיך אָנשטויסן אין לעבן אָדער אין דער פּראַקטיק. אויך איך האָב זיך דערמאָנט וועגן צוויי פאַלן, וועגן וועלכע איך וועל דאָ דערציילן:

דאָס איז געווען אין דער אַלטער היים, גלייך ביי דעם ערשטן אַריינ־קומען פון די באָלשעוויקעס און אונדזער שטאָט. אין זאַל פון דעם שטאָטישן קינאָ־טעאַטער איז פאָרגעקומען אַן עפנטלעכער משפּט. ביי אַ טיש, אַ באַדעקטן מיט אַ רויטן געוואַנט, איז געזעסן דער רעוו.־טריבונאַל (רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל) — דריי פּשוטע סאָלדאַטן אין געוויינלעכער מיליטערישער קליידונג, און געמשפּט אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאָלק, אַ גע־וועזענעם צאַרישן פּולקאָווניק, וולאַדימיר אושאַקאָוו. לויט דעם באַשול־דיקונגס־אַקט האָט ער, דער פּאָלקאָווניק, קאָמאַנדירנדיק מיטן פּאָלק אין דער צייט פון צוריקמאַרש, דערלויבט זיינע סאָלדאַטן גראָבן קאַרטאָפל אויף די פאַרלאָזענע פעלדער, ווען ער האָט געהאַט אַן אויפגאַבע צו פאַר־נעמען אַ סטראַטעגישע פּאָזיציע צווישן אַ וואַלד און אַ טייך און פאַרסירן דעם טייך, כדי צוריקשטויסן דעם שונא און אָפּהאַלטן דעם אַנגריף.

ס׳האָבן נישט געהאָלפן זיינע טענות און געבעטן: — חברים ריכטער, די סאָלדאַטן זענען געווען הונגעריק, זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח די פיס צו שלעפּן! איך בעט אייך נעמען אין אַכט — איך האָב מיין בלוט פאַרגאָסן פאַרן פאָטערלאַנד, צוויי מאָל געווען פאַרוואונדעט אין די מאַזורער אָזיערעס, באַקומען אַ געאָרגי־צלם פאַרן פאַרנעמען פּשעמישל. איך האָב אויסגעבילדעט גאַנצע קאַדרן פון טרייע אָפיצירן. איך בעט מיטלייד און רעספּעקט פאַר מיין גרויען קאָפּ, פאַר מיינע גרויסע פאַרדינסטן, פאַר די מעדאַלן, וועלכע איך האָב פאַרדינט!..

מ׳האָט אים אויסגעהערט, אים זיך געלאָזט אויסריידן און מ׳איז אַרויס אויף אַ באַראַטונג, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע פינף מינוט, און מ׳האָט אַרויסגעטראָגן דעם פּסק: דעם פּאָלקאָווניק וולאַדימיר אושאַקאָוו פאַר נישט אויספירן די באַקומענע שלאַכט־אויפגאַבע און דערלויבן זיינע סאָלדאַטן צו גראָבן קאַרטאָפל אין אַ קריטישן מאָמענט — אַנערקענען פאַר אַ

סאַבאָטאַזשניק און פאַרמישפּטן אים צו טויט דורך שיסן. דער אורטייל אונטערליגט נישט קיין שום אַפּעלאַציע.

גלייך אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט מען דעם אַלטן פאַלקאָווניק אַרויסגעפירטביים שלאָס־ברעג צום שיסן. דער ראָטע־קאָמאַנדיר, אַ קאַפּיטאַן, האָט אויסגעסטראָיעט די ראָטע. אַנטקעגן, לעבן אַ בוים, איז געשטאַנען דער אַלטער פאַלקאָווניק מיט אַראָפּגעריסענע עפּאָלעטן און מעדאַלן, שטראָם און בלאָס.

— חברים — האָט זיך געווענדעט דער קאַפּיטאַן צו די סאָלדאַטן — דער מאַן, וואָס שטייט פאַר אייך איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער צו אַ בכבודיקן טויט, נישט ווי אַ פאַרברעכער צום הענגען, נאָר צום שיסן, צו פאַלן ווי אַ סאָלדאַט פון אַ קויל! דערפילט אייער חוב, און שיסט זאַלפּאָם!

— ברידער — האָט זיך אָפּגערופן דער אַלטער פאַלקאָווניק — צילעוועט גוט, נעמט אויף דער „מושקע" — אָט דעם קנאָפּ — און אָנגעוויזן מיטן האַנט אויף אַ קנעפּל פון מונדיר, וואָס לעבן סאַמע האַרץ. איך דאַנק אייך, ברידער, זייט געזונט!

— ראָטאַ, פּייער! — האָט באַפוילן דער קאַפּיטאַן.

די זעלנער האָבן געצילט „גוט". דער פאַלקאָווניק איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט.

*

דער צווייטער פאַל איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון דער פּוילישער הערשאַפט.

דער באַנדיט יאַן זשילינסקי איז געקומען מיט זיין געליבטער צום יידן מאטל ליימעס, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן פערד און געדונגען אים אָפּצופירן זיי אין דעם נאָענטן שטעטל, וואָס ליגט אין אַ מרחק פון 21 קילאָמעטער. אויפן וועג האָט דער באַנדיט געשאָסן דעם יידן אין פּלייצע, אים געהרגעט און אַנטלאָפן מיטן פערד און וואָגן. דאָס מזל האָט אָבער דאָס מאָל נישט צוגעשפּילט דעם באַנדיט, מ'האָט אים געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז מיטן צוג, וואָס איז געקומען פון וואַרשע, פון אַ וואַגאָן פון דער ערשטער קלאַס, אויסגעשטיגן אַן עלעגאַנטער, שלאַנקער מאַן, אין אַ שוואַרצן פראַק, געשטרייפטע הויזן, אין לאַקירקעס און אין אַ צילינדער. מיט אַ טעקע אונטערן אָרעם און אַ פּלעד אויפן

האַנט — האָט ער אויסגעזען ווי אַ שטאַטס־מאַן, ווי אַ פּראָפעסאָר. ער איז אַרויס פון וואָקזאַל, ווו ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ „סלוזשבאָווע" (אַ גרעסערע גלעזל משקה) און געהייסן דעם בעל־עגלה פירן אים אין דער ריכטונג פון דער שטאָטישער טורמע. דאָס איז געווען דער פּוילישער מלוכה־תלין מאַציעוווסקי (אַ געוועזענער סטודענט פון מעדיצינישן פאַקול־טעט, וועלכן מען האָט פאַר שיכרות אַרויסגעוואָרפן פון אוניווערסיטעט). אין זיין טעקע האָט ער פאַרמאָגט אַ שטריק, אַ שטיק זייף און אַ טוץ ווייסע הענטשקעס. אין בוזעם־קעשענע האָט ער געהאַט אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט — דעם אָרדער פון פּוילישן מלוכה־פּרעזידענט דורכצופירן די עקזעקוציע איבער זעלינסקין. (דער תלין איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע נאָר פון מלוכה־פּרעזידענט). אין טורמע האָבן שוין אויף אים געוואַרט דער פּראָקוראָר, דער פאָרזיצער פון געריכט, דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט, דער גלח און דער דאָקטאָר. מאַציעוווסקי האָט זיך געמעלדעט צום פּראָקו־ראָר — דערלאַנגט אים דעם אָרדער פון מלוכה־פּרעזידענט. קיינער האָט אים קיין האַנט נישט געגעבן און קיינער האָט אים נישט באַגריסט. ווען די צוגרייטונגס־צערעמאָניע איז געווען געענדיקט, האָט מאַציעוווסקי אַרויפ־געטאָן דעם פאַרמשפּטן די שטריק אויפן האַלדז, אַרויסגעשטויסן דעם בענקל פון אונטער זיינע פיס — און גלייך אַרונטערגעוואָרפן אונטער זיי די ווייסע הענטשקעס, וועלכע ער האָט שנעל אַראָפּגעצויגן פון זיינע הענט. און נאָך דעם געמאָלדן דעם פּראָקוראָר: ה' פּראָקוראָר, איך האָב דעם כבוד צו מעלדן, אַז דער אורטייל פון קרייז־געריכט איז אויסגעפירט געוואָרן.

זאָל אויך באַמערקט ווערן, אַז לאַנג האָט דער עלעגאַנטער דזשענטל־מאַן אין צילינדער און לאַקירקעס נישט אָנגעצויגן אויף זיין „בכבודיקן" פּאָסטן. ער האָט זיך שנעל אָפּגעטראָגן אַהין, ווו ער האָט עקספּעדירט זיינע „קליענטן". ער איז געשטאָרבן מיט אַ „נאַטירלעכן" טויט, כאַפּנדיק אַ שטויס אין בויך פון זיינעם אַ קליענט, ווען ער האָט אים „באַהאַנדלט". ער האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געקרענקט און זיך אָפּגעטראָגן אַהין, ווו מ„באַדאַרף נישט קיין תליות און תליינים".

## „מיין שטעטעלע בעלז"...

אַ העלער לויטערער פרימאָרגן. די תחנה מרכזית קאָכט און שפּרודלט פון מענטשן און מאַשינען. די באַוועגונג פּולסירט מיט אַ מעכטיקן טעמפּאָ אין אַלע ריכטונגען.

אויף דער פּלאַטפאָרם פון אויטאָבוס נומ. 3, וואָס גייט צו יפו שטייט אַ לאַנגער תור, וואָס וואַרט אויפן אָנקומען פון דער מאַשין. עס באַווייזט זיך אַ יידעלע, אָרדנט איין אויף אַ בענקעלע אַן אַלטן פּאַטעפאָן, דרייט מיט דער האַנט אַ פּלאַטע, וועלכע שפּילט: „מיין שטעטעלע בעלז". דער אַלטער זינגט־מיט, באַגלייט מיט אַ הייזעריקער וויינענדיקער שטימע:

„אוי, אוי אוי בעלז,
מיין שטעטעלע בעלז
מיין טייער היימעלע
ווו איך האָב מיינע קינדערשע יאָרן פאַרבראַכט"...

יעדער וואַרפט אַריין אין טעלער אַ פּאָר פּרוטות, אָבער אָט רייסט זיך אַרויס פון תור אַ הויכער ברייט־בייניקער חברה־מאַן, גייט צו צום אַלטן, נעמט אַרויס דעם טייסטער און דערלאַנגט אים אַ האַלבע לירה. דער אַלטער ווערט צעטומלט, הויבט אָן צו נישטערן אין די קעשענעס קליינגעלט אויף געבן אַ רעשט...

— מען דאַרף נישט, איך וויל נישט קיין רעשט, איך בין אַליין אַ בעל־זער, אַ געבוירענער אין בעלז!..

אַלעמענס אויגן קאָנצענטרירן זיך אויף דעם פּלוצלינגן נדבן, וואָס איז מיט אַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם העלד פון דער מינוט...

— נאַ דיר נאָך אַ האַלבע לירה, אָבער שפּיל און נאָך אַמאָל שפּיל דאָס שטעטעלע בעלז, זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז עס איז געווען אַ שטעטעלע בעלז און נישטאָ מער!..

דער גאַנצער עולם קוקט אָן דעם יונגנמאַן מיט אויגן פון מיטגעפיל און עס דוכט זיך, אַז זיי באַטייליקן זיך אין זיין צער, פּונקט ווי ער וואָלט נאָר וואָס פאַריתומט געוואָרן פון זיין שטעטעלע בעלז...

# דער אלבאם

אין דעם טאָג פון „יום הזכרון לחללי מלחמת השחרור" איז אין „יד לבנים" פון פתח־תקוה דערעפנט געוואָרן אַ פּרעכטיקער בילדער־אַלבאָם מיט ביאָגראַפיעס פון 220 קינדער פון פתח־תקוה, וואָס זענען געפאַלן אין באַפרייונגס־קריג פון ישראל.

אויף דעם ראש־העיר פון פתח־תקוה ה׳ פנחס רשיש איז מקוים געוואָרן דער פסוק פון אור־אַלטן רוימישן דיכטער: „איך האָב אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אַן אייביקן, ער איז שטאַרקער פון אייזן און העכער פון די פּי־ראַמידן". „יד לבנים" הייסט דער מאָנומענט. אַ פּאַלאַץ פון קדושה און גבורה, אַ דענקמאָל פון גייסט פאַר די קינדער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייערע יונגע לעבנס פאַר מדינת ישראל.

אַ וואַנט אויף וועלכער ס׳זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די 220 גבורים. זי רופט אַרויס אַ הייליקן ציטער גלייך ביים ערשטן אַריינקומען אין הויז. פון ביידע זייטן ציען זיך גרויסע זאַלן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך תמיד פאַרשידענע קולטור־ און קונסט־אונטערנעמונגען אין די ראַמען פון קולטור און דערציונג פון דער יוגנט אין גייסט פון ליבע און טרייהייט אָן אַ גרענעץ צו דער מדינת ישראל. שטענדיק שפּרודלט דאָרט מיט לעבן און באַוועגונג, וועלכע ס׳ברענגט אַריין אין הויז דער זעלטענער גייסטרייכער און ענערגישער ברוך אורן.

ברוך אורן — דער שרייבער און דערציילער — איז דער אָטעם פון דעם הויז. און ס׳דוכט זיך, אַז ווען די השגחה עליונה האָט באַשטימט, אַז אין פּתח־תקוה זאָל אַנטשטיין אַ „יד לבנים", האָט זי גלייך באַשטימט, אַז ברוך אורן זאָל זיין דער אָנפירער פון דעם הויז...

סיי דער ראש־העיר און סיי דער מנהל פון הויז זענען נאָענט צו די הערצער פון די הורים שכולים. אין יום הזכרון ביי דער פייערלעכער דערעפענונג פון אַלבאָם, ווען די עלטערן בלעטערנדיק אָט דעם מעכטיקן מצבה־פאָליאַנט האָבן דערזעענדיק די געשטאַלטן פון זייערע קינ־דער היסטעריש ספּאַזמירט — איז רשיש געשטאַנען אָן אַ זייט און געוויינט. ביי דעם קבלת פנים אין גן הנשיא אין יום העצמאות זענען מוטערס צו אים צוגעגאַנגען און געדאַנקט:

— אתה יקר לנו, אנו לא נשכח אותך, — מיר ווע‌לן דיך נישט פאַר־געסן.

וואָס נאָך האָבן די אומגליקלעכע מוטערס געקענט זאָגן?!..

# אפגעצאלט א חוב...

מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, איז אין פּתח־תקוה געקומען אַ חלוץ פון פּוילן מיטן נאָמען זעליג פלוסקאָלאַווסקי. ער האָט געשטאַמט פון דעם שטעטעלע בערעסטאָוויץ, וואָס ליגט אויפן וועג צווישן וואָלקאָ־ווויסק און ביאַליסטאָק. געווען אַ זון פון ראש הקהל פון שטעטל. ער איז אָפּגעווען אַ שטיקל צייט אין לאַנד, געאַרבעט פאַרשיידענע אַרבעטן: ביי בנין, ביי דזשאָרעס, אין פּרדסים, ביי כבישים — זיך נישט געקענט איינ־אָרדענען און אַוועקגעפאָרן צוריק קיין פּוילן. דאָרטן, זייענדיק אַן אינטעלי־גענטער בחור (געענדיקט אַ רעאַל־שולע אין וואַרשע), האָט ער אָנגע־שריבן אַ בוך וועגן דעם לעבן פון די חלוצים אין ארץ־ישראל מיטן נאָמען: „ווייסע הענט", אָנגעבנדיק אַלס מחבר ז. סקאלאוו. (פון פלוסקאָלאָווסקי האָט ער אַרויסגעוואָרפן דעם „פלו" און „סקי" — און געבליבן ביים „סקאלאוו"). אַז דאָס דאָזיקע בוך איז אַריינגעפאַלן צו שלום אַשן — איז ער פון אים שטאַרק נתפּעל געוואָרן און האָט אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אים אין וואַרשעווער „היינט", אין וועלכן ער באַצייכנט די „ווייסע הענט" אַלס זעלטענעם ברילִיאַנט אין דער קרוין פון דער יידישער ליטע־ראַטור. דאָס בוך און דער מחבר זענען געוואָרן באַרימט.

צו יענער צייט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון סקאלאוון, אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן: „אין שלאָף דוכט זיך מיר נאָך אַלץ, אַז איך בין אין ארץ־ישראל, און אַז איך כאַפּ זיך אויף צערייסט זיך מיין האַרץ פון בענקשאַפט און פאַרדראָס, פאַרוואָס איך האָב פאַרלאָזן דאָס לאַנד. און אויב אַפילו איך האָב זיך געפּלאָגט די ערשטע צייט — טאָ ווו פּלאָגט זיך נישט אַ גרינער? אָט האָט ארץ־ישראל מיר באַצאָלט פאַר מיינע פּלאָגע־נישן מיט אַ פולער ברייטער האַנט! איך בין געוואָרן אַ באַוווּסטער שריי־בער דורך מיינע „ווייסע הענט". זאָל בליען און וואַקסן א"י און זאָל זיין געבענטשט שלום אַש! אַזוי שרייבן וועגן אַן אומבאַקאַנטן מחבר — קען נאָר אַ ריז, אַ וועלט־מייסטער. ער האָט מיר אָנערקענט פאַר אַ שרייבער און געעפנט פאַר מיר די טירן פון דער יידישער ליטעראַטור!..״

---

מיט אייניקע יאָר צוריק בערך, אין אַ מילדן וואַרעמען ווינטערדיקן טאָג, בין איך לאַנגזאַם געגאַנגען צו דער תחנה המרכזית. לעבן דעם פּלאַץ, ווו עס שטייען די טעקסיס שרות נאָך פּתח־תקוה — איז פאַרביי מיר פאַרבייגעפאָרן און אָפּגעשטעלט זיך אַ קליינער פּריוועט.

פון אים זענען אויסגעשטיגן צוויי עלעגאַנטע דאַמען. איינע אַן עלטערע און די צווייטע אַ יינגערע, און נאָך זיי פון דעם געזעס וואָס לעבן נהג איז אַרויסגעקומען לאַנגזאַם אַ הויכער, מאַסיווער אַלטער מאַן מיט אַן אַנט־בלויזטן גרויען קאָפּ. איך האָב זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן: שלום אַש! איך האָב אים דערקענט לויט זיין בילד. איך בין צוגעגאַנגען צו די דאַמעס, געפרעגט צי ס'איז דערלויבט מיט אים רעדן אַ פּאָר ווערטער. — ער איז נאָך זייער שוואַך, נאָך דער קראַנקייט — האָבן זיי געענטפערט, אָבער דאָך — פּרובירט!

איך בין צוגעגאַנגען צו אים, באַגריסט אים מיט דער ברכה: ברוך רופא חולי עמו ישראל און געפרעגט צי וועט ער מיר דערלויבן זאָגן אים אַ פּאָר ווערטער?

— בבקשה, ביטע זייער, איך הער! — האָט ער געענטפערט.

— פריינד אַש — האָב איך געזאָגט — איך וויל אייך צאָלן אַ חוב פון פאַר פינף און צוואַנציק יאָר! דאָס יידישע פאָלק האָט אַ גוטן זכרון און פאַרגעסט נישט! איך וויל אייך דאַנקען פאַר די פּאָר שורות, וואָס איר האָט אָנגעשריבן וועגן דעם בוך פון מיין חבר ז. סקאַלאוו — „די ווייסע הענט". איר האָט זיך איינגעקויפט מיט דעם אַ סך עולם־הבא. ווען די טמאים וואָלטן אים נישט פאַרשניטן — וואָלט מיט אים געקלונגען אַ וועלט!..

— ליידער, ליידער — האָט ער אַ זיפץ געטאָן און דערלאַנגט מיר ביידע הענט!..

## די ערשטע נאַכט אין פּתח־תקוה

ס'איז שוין שפּעט אין דער נאַכט, אָבער איך קאָן נישט איינשלאָפן. מיין ערשטע נאַכט אין ארץ־ישראל, מיין ערשטע נאַכט אין פּתח־תקוה.

דורך די אָפענע פענצטער פון מיין צימער דערטראָגן זיך צו מיר געזאַנגען — נייע אומבאַקאַנטע פאַר מיר געזאַנגען, חלוצישע לידער, וואָס זענען פול מיט מוט, ענערגיע און גבורה.

יונגוואַרג, חלוצים גייען אַרום איבער די גאַסן פון דער קאָלאָניע און זינגען ביז פאַרטאָג. זיי שפּאַצירן פראַנק און פריי, פּונקט ווי די גרויסע זילבערנע לבנה איבער דעם אויסגעשטערנטן און לויטערן ארץ־ישראלדיקן הימל.

איך טראַכט — זיי זינגען ווייל זיי זענען יונג, ווייל זיי זענען פריי, ווייל זיי זענען אין זייער לאַנד. איך קוק אַרויס אין גאַס, פאַרלעך, פאַר־לעך אַרומגענומען, שטאַרק אַרומגענומען, שיר־השירימדיק — שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני.

גרויס איז דער כוח פון דער ליבע אין ארץ־ישראל. איך טראַכט, אַ שאַד וואָס איך בין געקומען אַזוי שפּעט. ווען איך קום אַ ביסל יונגער, וואָלט איך אויך פאַרזוכט דעם טעם פון ארץ־ישראל...

ביסלעכווייז ווערן די געזאַנגען שטילער, די פאַרלעך פאַרשווונדן, איך שלאָף איין... אָבער נישט באַוויזן איבערצוכאַפּן דעם ערשטן דרעמל — אַ יאָמער, אַ קלאָגעריי, אַ מאַסן־היסטעריע, אַ יללה... איך שפּרינג אַראָפּ נישט טויט נישט לעבעדיק פון מיין געלעגער — וואָס איז געשען? אַ שריפה... אַן אָנפאַל?!

— שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, באַרויִקט מיך די מאַמע, דאָס איז גאָרנישט — דאָס וואָיען די שאַקאַלן אין די נאָענטע פּרדסים!.. מען זאָגט, גיט צו די מאַמע, דאָס קלאָגן זיי אויף חורבן בית־המקדש!

וועגן די שאַקאַלן האָב איך שוין גראָד געהערט — נאָך בייטאָג האָט די מאַמע אַלץ געקרעכצט און געזיפצט. זיי האָבן ביי איר באַגינען די הינער פון שטייג אויפגעגעסן.

— הא, זאָג איך, דאָס זענען די שאַקאַלן, וואָס שלעפּן ביי דיר די הינער פון שטייג? צו ערשט קלאָגט מען אויף חורבן בית־המקדש, דערנאָך פאַרבייסט מען מיט אַ הינדל. גאָרנישט קיין נאַרישע חיות ביי אייך, כ׳לעבן פרומע נשמות, גאָר פיין!..

באַרויִקט זיך פון די שאַקאַלן, מאַך איך צו די אויגן און מיר דוכט זיך, אַז איך דרעמל שוין ווידער. מיט אַמאָל הער איך ווידער ווילדע קולות. פּונקט ווי מען וואָלט געזעגט מיט אַ טעמפּער זעג אין אַ דעמבענעם קלאָץ, אָדער געסקראָבעט מיט אַ האַק־מעסער אַ פאַרטריקנטע מולטער.

וואָס שוין ווידער פאַר אַ קאָנצערט? — שריי איך אַ צעטומלטער.

— שלאָף, שלאָף — באַרויִקן מיך די שטוביקע — דאָס ריטשעט אַזוי דער אייזל...

— אַהאַ, זאָג איך, דאָס איז דער אייזל, נישקשה פון אַ שטים!.. כ׳האָב זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט אַז משיחס רייט־פערד זאָל האָבן אַזאַ טרר־קענעם הוסט, אַזאַ קאָקליוש...

לאַנג־לאַנג וואַרף איך זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. אין קאָפּ מישן זיך מיר פאַרשיידענע געדאַנקען און בילדער פון אַזויפיל איבער־

לעבונגען אין אַזאַ קורצער צייט. עס פלאַנטערט זיך מיר דער ים, די שיף, אַ גרויסע ווייס־בלויע פאָן, וואָס פלאַטערט הויך הויך. פּועלים, וואָס שטייען אויף רושטאָוואַניעס און זינגען. אַראַבער אין ברייטע פלודערן מיט „קעזן", וואָס באַמבלען זיך פון הינטן, שאַקאַלן וואָס גריזשען אַ הינדל און קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש, און משיח, וואָס שלעפט זיך אויף אַן אייזל אַ הוסטער און קען זיך נישט דערשלעפן...

ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן, ווען איך בין רעכט איינגעשלאָפן. געשלאָפן לאַנג און זיס, ווי עס שלאָפט איינער, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגע וואָגלענישן אומגעקערט צו זיין אייגענעם בעט, צו זיך אַהיים, צו זיך אַהיים.

## די מאמע

מיט פופציק יאָר צוריק איז פתח־תקוה נאָך געווען אַ קליינער אָרע־מער ישוב. וועגן תל־אביב האָט מען נאָך אַפילו נישט געחלומט.

ווען אונדזער פאַמיליע איז געקומען און זיך באַזעצט אין פתח־תקוה, איז אויף די תושבים געפאַלן אַ פחד: „ווי, ס'איז געקומען אַ ייד פון רוס־לאַנד, געבראַכט אַזאַ גרויסע פאַמיליע (זעקס קינדער) עס וועט דאָך ווערן אַ יקרות אויף טאָמייטעס, אויף זיתונעס, אויף „סיטשקע"!..* — וואָס וועט דאָס זיין? וואָס וועט דאָס זיין?!..

דער טאַטע האָט פאַרן ביסל געלט, וואָס ער האָט געבראַכט, געקויפט אַ באַיאַרע בשותפות מיט נאָך אַ יידן, אויסגעבויט אַ ברונעם מיט אַ מאָטאָר אויף צו שעפּן וואַסער און אָנגעקלאַפּט אַ גרויסן צעטל, געשריבן מיט זיין פּרעכטיקער האַנטשריפט: „הוי כל צמא לכו למים!" די מאַמע איז אַוועק־געפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד ברענגען די איבעריקע קינדער, וואָס זענען דאָרטן פאַרבליבן. דערווייל איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און זי איז שוין דאָרט געבליבן שטעקן. פאַר איר אַוועקפאָרן האָט זי מיט־גענומען פון ר' שמעון בר־יוחאיס קבר אַ שטיינדל און אויפגעהאַנגען אויפן האַלדז אַלס אַ סגולה אויף קומען צוריק און אָפּברענגען דאָס שטיינדל אויף דעם זעלבן פלאַץ פון וואַנען מען האָט עס גענומען. זענען דורכגעגאַנגען אַרמייען און פאַזיציעס, רוסישע קאָזאַקן און דייטשע טויט־קעפּ

* סיטשקע — פאַלאָווינעס פון וואָס מען זעגט האָלץ צו הייצן.

און שוואַרצע הוזאַרן, פּאַזנאַנטשיקעס און האַלערטשיקעס, רויבער פון פאַרשיידענע פעלקער — און די מאַמע האָט נאָר געהיט און געציטערט פאַר דעם שטיינדל אויפן האַלדז, מען זאָל עס, חלילה, נישט אַוועקרויבן. דערווייל האָט די פאַמיליע אין דער צייט פון דער מלחמה געליטן דחקות. קיין באַלעבאָסטע איז אין שטוב נישט געווען און דער טאַטע איז געווען פאַרנומען און פאַרטאָן מיט מצוות. אָדער עס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, אָדער עס איז געשטאָרבן אַ ייד. ער איז געווען אַ מוהל און אַ חברהמאַן אין חברה־קדישא — האָבן אים קיין מצוות נישט געפעלט. די נויט איז געווען גרויס און קיין פרוטה אין קעשענע איז נישט געווען. ער פלעגט זאָגן: „אַ מאָדנע זאַך ווי די צייט לויפט — אַלע טאָג איז פרייטיק און קיינמאָל איז נישטאָ אויף שבת!"

ער איז געווען אַ גרויסער בעל־בטחון. ווען די קינדער פלעגן אָנהויבן שטאַרק צו פאָדערן פון אים ער זאָל גיין זוכן אויף דער הוצאה, פלעגט ער זאָגן: „איר וועל גיין פריער אין שול דאַווענען — מתפלל זיין — אפשר וועט גאָט טאָן אַ נס..."

און קומענדיק אין שטוב צוריק, פלעגט ער טאַקע דערזען — אַז דער נס איז געשען! ער פלעגט טרעפן אַ רויטן צעטל — אַן אָנזאָג פון פּאָסט־אַמט, אַז עס איז אָנגעקומען געלט פון די קינדער אין אַמעריקע. גרויס איז געווען די שמחה און דאָס גליק.

ווען די מאַמע איז געקומען צוריק — האָט די שטוב אויפגעלויכטן — — דער טאַטע איז געווען אַ טרוימער — אָבער די מאַמע איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש און האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון לאַנד — „ארץ ישראל — איז אַן אַרבעטס־לאַנד, האָט זי געזאָגט, אַלע דאַרפן אַרבעטן און אַריינבררענגען אין שטוב — און דאָס איז די מזל ברכה!" די מאַמע האָט אַריינגעבראַכט פרייד און ליכטיקייט. תורה און עבודה און דער טאַטע פלעגט זאָגן: „ארץ ישראל איז אַ מאַמע, אָבער די מאַמע דאַרף אויך האָבן אַ מאַמע!"...

# אליהו גאלאמב און דאס ליד „ראטא"
# פון מאריה קאנאפניצקא

צווישן די באַרימטע נעמען, מיט וועלכע אונדזער געבורטסשטאָט וואָלקאָוויסק שטאָלצירט און גרויסט זיך, פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ דער נאָמען פון אונדזער בן־עיר אליהו גאָלאָמב — דער זון פון נפתלי און עטקע גאָלאָמב. מיט דער דאָזיקער פאַמיליע זענען מיר געווען אויפגע־לעבט און באַפריינדט דאָס גאַנצע לעבן, אַפילו קיין ארץ־ישראל זענען זיי אויך געפאָרן צוזאַמען — מיין פאָטער ע״ה מיט נפתלין — דעם פאָטער פון אליהו. איך געדענק ווי דער טאַטע האָט געשריבן: „קומענדיק קיין ארץ־ישראל זענען מיר (דער טאַטע נפתלי און ליבער שערשעווסקי), גע־גאַנגען איבער די קאָלאָניעס זוכן אַ פּאַסיקן אָרט אויף באַזעצן זיך. מיר זענען געגאַנגען צופוס. אַלע וועג־ווייזער האָט אונדז געפירט אַ האַלב־בלינדער אַראַבער. און אָט זענען מיר צוגעקומען צו אַ וואָדי ווו ס'איז גע־ווען שווער דורכצוגיין, האָט אונדז דער אַראַבער אַריבערגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס. האָט דער טאַטע געפרעגט: ווי וועט עס אויסקומען מיט דעם פּסוק, ווו ס'ווערט געזאָגט, אַז דער וואָס גייט פיר איילן אין א״י, באַקומט ער דערפאַר עולם הבא — טאָ ווי וועט עס זיין מיט די פיר איילן, וואָס דער אַראַבער האָט אונדז אַריבערגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס? צי וועט מען דערפאַר געבן עולם הבא?"

ר' בנימין, האָט געענטפערט נפתלין, מיר ווילן שוין האָבן אין א״י עולם הזה, עולם הבא האָבן מיר שוין גענוג!

נפתלין האָט זיך נאָך דעמאָלט נישט געחלומט, אַז ער וועט זוכה זיין צו האָבן אַ זון אַ נאַציאָנאַלן פירער, וואָס וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, אַ זון וואָס וועט זיין דער נישט־געקרוינטער פעלדמאַרשאַל פון דער יידישער „הגנה", (שוץ־אַרמיי) אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1913 האָט אליהו געענדיקט די יפוער גימנאַזיע. אין א״י איז דאַן קיין היכשול נישט געווען און מען האָט געמוזט פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. די וועלט איז געווען אָפן. מען האָט געקענט פאָרן קיין בערלין, פּאַריז אָדער אין דער שווייץ. אָבער אַ געוויסע קליינע אידעאַליסטישע גרופּע צווישן וועלכע עס זענען געווען אליהו, דב הוז, און צו לאַנג יאָר משה שרתוק (שרת), האָבן באַשלאָסן נישט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זיי זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די קאַריערע־זוכער, וואָס לויפן אַוועק אין די אויסלענדישע אוניווערסיטעטן און געפאָדערט פון ערשטן „מחזור"

צו ווייזן אַ ביישפּיל פאַר די קומענדיקע „מחזורים״, אָנצוצייכענען אַ וועג פון קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט פאַרן פאָלק און לאַנד. פון די צוויי טוץ תלמידים, וואָס האָבן דעמאָלט געענדיקט די גימנאַזיע, האָבן זיבן מסכים געווען מיט אליהו גאָלאָמב און האָבן אויפגעשטעלט די „הסתדרות״. אליהו איז געווען זייער מדריך, דער וואָס האָט זיי געוויזן די ריכטונג, באַשטימט דעם וועג, דער פירער און וועגווייזער פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

מיט דער צייט האָט זיך זיין טעטיקייט פאַרצווייגט און אויסגעברייטערט אין פאַרשידענע געביטן פון אַלגעמיין נאַציאָנאַלער באַדייטונג. זיינע לייסטונגען אין צעמענטירונג פון דער הגנה, האָבן באַפעסטיקט זיין פּאָזיציע אַלס נאַציאָנאַלן פירער, וועלכן דער גאַנצער ישוב האָט געשעצט און געאַכטעט. ער איז געווען דער מוח, דאָס האַרץ און די האַנט פון דער יידישער שוץ־אַרמיי — פון דער פאַראייניקטער יידישער קראַפט, וואָס דאַרף שטיין אויף דער וואַך פון ישוב און פון אַלע פאָלקס־אינטערעסן.

טראָץ דעם אַלעס איז אליהו שטענדיק געווען פשוט און צניעותדיק, שטיל ווי אַ טויב. אין דער רוסישער בלוזע מיטן פּאַס, האָט ער מיר דערמאָנט דעם רוסישן „נאַראָדאָוואָליעץ״ — דעם רוסישן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן סטודענט, דעם גייער אין פאָלק. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין געבורטסשטאָט וואָלקאָוויסק און שטענדיק אַרויסגעוויזן צוגעבונדנקייט צו אירע מענטשן. גרויס איז געווען זיין פרייד ווען ער האָט געזען זיינע לאַנדסלייט פלאַסטערן דעם שאָסיי חיפה—סעדזשערא, האַקן שטיינער אין בית־שאן און בויען די אייזן־באַן־ליניע סרפנד—לוד.

ביי זיינע אָפטע באַזוכן אין אויסלאַנד, פלעגט ער זיך פון מאָל צו מאָל אַראָפּכאַפּן קיין וואָלקאָוויסק צו באַגעגענען זיך מיט יוגנט־פריינד און חברים, און אייניקע אַרויסהעלפן ווען זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישׂראל. צום לעצטן מאָל האָב איך אים אָפּגעוואַרט אויפן וואָלקאָוויסקער וואַקזאַל דעם 30־טן אַפּריל 1934. זיין ערשטער פאַרלאַנג איז געווען צו פאָרן קיין מאַטשולנע, אַ הויפל, ווו זיין פאָטער האָט געהאַלטן די וואַסער־מיל אין אַרענדע, איידער ער איז אַוועק קיין ארץ־ישׂראל. מיר האָבן גענומען אַ בעל־עגלה און זיך געלאָזט אין וועג. פון ביידע זייטן פון דעם נישט־געפלאַסטערטן וועג האָבן זיך געשפּרייט גרענעצלאָזע פעלדער און לאַנקעס און בליענדע גערטנער און סעדער פון דער געבענטשטער פוילישער ערד. ס׳האָט געשפּריצט אַ מאַיאָווער רעגנדל און די לופט איז געווען פול מיט בשמים־ריחות און דופטן.

— אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע! — רופט זיך אָפּ אליהו.

— און ווי ס׳שמעקט! רוף איך זיך אָפּ.

— יאָ, ס׳שמעקט מיט יידיש בלוט, — רופט זיך אָפּ אליהו.

אַנטקעגן אונדז איז אָנגעקומען מיט געזאַנג אַן עקסאַדראָן קאַוואַלעריע פון 3טן שיסער־פּאָלק, וואָס סטאַציאָנירט אין וואָלקאָוויסק. זיי האָבן געזונגען מאריא קאָנאָפּניצקיס ליד „ראָטא״.

„נע דאָמי זשעמי סקאָנד נאָש רוד״

„ניע דאָמי פּאָגזשעשטש מאָווי״.

איך האָב עס פאַרטייטשט אליהון — „מיר וועלן נישט אָפּגעבן די ערד פון אונדזערע אבות, מיר וועלן נישט לאָזן באַגראָבן אונדזער שפּראַך!״

אליהו האָט אָנגעשטרענגט די אויערן, געוואָרן בלאַס און זיך צוגעהערט צום געזאַנג...

— איך בעט דיר, זעץ מיר דאָס איבער אויף עברית, דאָס פּאַסט אויף פאַר אונדז, האָט אליהו מיר געבעטן. איך האָף נאָך אַמאָל צו דערפילן דעם דאָזיקן ווונטש!

## איינער פון דער צווייטער עליה

מיין ברודער אהרן קליר — מיט ליבשאַפט.

„...מ׳דאַרף זיך נעמען צום וואַנדערשטאָק! דאָ זיצן מיר אַזוי ווי אויף אַ באַרג פון „פּריסאק״ (גליענדיקע אַש). און „פּריסאק״ האָט אַ טבע, אַז ס׳איז שטיל — איז שטיל, אָבער אַז ס׳הייבט אָן צו בלאָזן אַ ווינט — הויבן אָן צו פליען פונקן אין אַלע זייטן און מען קאָן נישט וויסן. אין ווּעמענס שייער דער פונק וועט זיך אַריינכאַפּן״.

אַזוי האָט דער טאַטע געזאָגט מיט פופציק יאָר צוריק, גענומען און פאַרקויפט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט און זיך אָוועקגעלאָזט קיין אַדעס. דאָרט האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. אין דער שיף זענען געפאָרן קריסטלעכע פּילגרימען און אַלטע יידן, וואָס זענען געפאָרן שטאַרבן אין הייליקן לאַנד און באַגראָבן ווערן אויפן הר הזיתים.

ווע ער איז געקומען אין לאַנד, האָט ער איר געפונען פוסט און ווּסט, חרוב און פאַרלאָזן, אויף אַלץ האָט זיך געשפרייט גאָטס קללה, זומפּן און מדבריות, פיבער און טראַכאָמע, זאַמדן און ווילדע גראָזן. פתח תקוה איז

נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינער יישוב און אַן אָרעמער, און וועגן תל־אביב האָט מען נאָך נישט געחלומט.

און אָט פּאַמעלעך הייבן אָן גרינען יידישע פּרדסים, איינער נאָך דעם אַנדערן, ווי הינדעלעך, הייבן זיך אָן אויסצופּיקן יידישע ישובים אין דרום, שומרון, און עמק, און אין גליל. תל־אביב הייבט אָן זיך פונאַנדער־בויען און פונאַנדערבליען. שיפן הייבן אָן ברענגען נישט נאָר מאַנאַכן און מאַנאַשקעס און אַלטע יידן, וואָס קומען שטאַרבן אין ארץ ישראל — נאָר אויך חלוצים, מיט אַ שטאַרקן ווילן צו בויען דאָס לאַנד!

פלעגט זיך דער פאָטער אַנטציקן פון יעדן נייעם הויז, וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרן — מה טובו אוהליך יעקב!

זיין האַרץ פלעגט פול ווערן פון שמחה פון יעדן פּרדס, וואָס איז פאַרפלאַנצט געוואָרן; ער פלעגט זיך פרייען אויף יעדן דונאַם וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן, אויף יעדן נייעם עולה וואָס איז געקומען — ברוכים הבאים, ברוכים הבאים!

— **ברוך השם, ברוך השם,** פלעגט ער זאָגן מיט התפעלות, מיר האָבן אַ גרויסן זכות וואָס מיר האָבן דערלעבט צו זען די אתחלתא פון דער גאולה, ווייל איז די אויגן, וואָס זעען דאָס!

און די התלהבות האָט אים באַגלייט שטענדיק: ווען ער האָט געזען, אַז קינדערלעך גייען דורך דער גאַס מיט ליד און געזאַנג, אַ קבוצה יונג־וואַרג מאַרשירט: שמאל־ימין, שמאל־ימין, אָדער חלוצים טאַנצן „הורה" אין שייער, פלעגן פון זיינע אויגן פליסן טרערן פון פרייד. טאָמער פלעגט ער הערן אַ ייד טוט אַ קרעכץ, פלעגט ער אים זאָגן: ר' ייד, איר האָט פאַרדינט אַן עבירה! אַ ייד טאָר נישט קרעכצן אין ארץ ישראל, אין יעדער צייט און ביי אַלע אומשטענדן דאַרף אַ ייד זיך פרייען, וואָס ער האָט זוכה געווען צו לעבן אין ארץ ישראל!

הס וחלילה! פאַר אים אין זיינע אויערן האָט מען נישט געטאָרט רעדן קיין שלעכט וואָרט אויף ארץ ישראל. רעדן שלעכט אויף ארץ ישראל איז ביי אים געווען ערגער ווי חילול השם. ארץ ישראל — פלעגט ער זאָגן, — איז כמים הפנים לפנים, ווי אַ שפּיגל; ווי דו קוקסט אויף אים, קוקט ער אויף דיר. דער וואָס האָט ליב דאָס לאַנד, האָט דאָס לאַנד אים ליב און פאַרקערט: ארץ ישראל איז אַ מאַמע וואָס שפּייזט אַלע קינדער, וועמען מערער און וועמען ווייניקער, און מיר וואָס האָבן זיך אַנגעגעסן און אַנגעזעטיקט מיט „כינין" ווילן נישט הערן קיין שלעכט וואָרט אויף אונדזער טייער לאַנד!

דער פּאַטער האָט געהאַט אַ פּרדס אין פּתח תקוה און געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן איינגעפירט יידישע אַרבעט — „עבודה עברית". ער האָט ליב געהאַט די חלוצים און זיין שטוב איז געווען שטענדיק פאַר זיי אָפן און זיין טיש איז געווען פאַר זיי שטענדיק גרייט. ער פלעגט זיך שטענדיק באַרימען: בערל (כצנלסון) האָט ביי אונדז געגרעפּט, נטע (הרפז) — געוועסערט, האַרצפעלד געפּיאַשירט די ביימער.

ער איז געווען אַ פריינד פון די פועלים. אַ מאָדנע זאַך: דאָרטן, אין גלות, איז ער געווען פון זייערע קעגנער. ער פלעגט שטענדיק מיט זיי מלחמה האַלטן. צו הערשל דעם סטאָלער פלעגט ער זאָגן:

„שפּינאָזאַ האָט געמאַטערט דעם מוח יאָרן־לאַנג ביז ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און דו ביסט איבער נאַכט, אויפגעשטאַנען פון שלאָף אַנגעטאָן אַ בלוזע מיט קוטאַשן, פאַרלאָזן אַ קוטשמענע — און נישטאָ קיין גאָט!

מיט שמואל־פּסחקען דעם גאַרבער, וואָס איז געווען פון די „גלאַוונע" חברה־לייט, האָט ער געהאַט אַן אַנדערן וויכוח: איין מאָל האָט ער אים געטראָפן אין גאַס און באַמערקט ווי אַ פלאַש בראָנפן סטאַרטשעט אַרויס ביי אים פון איין קעשענע, און אַ שטיק קאָלבאַס פון דער אַנדערער.

— עהע, שמואל־פּסחקע, האָט דער טאַטע געזאָגט, ווי עס ווייזט אויס ביז וואָס און ווען, ביז רבינו קאַרלס נבואה וועט מקוים ווערן, — מאַכט מען דערוויייל אַ שנעפּסל און מען פאַרבייסט מיט אַ קאָלבאַס! גאָר פיין! יידיש און חסידיש!..

ריכטיק ווי גאָלד! אמת ויציב, ענטפערט שמואל־פּסחקע, היינט „גיסן" מיר אַריין ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיר מאַכן די אמתע „ליאַמע", מיר האָבן היינט אַ שטיקעלע יום־טוב!

— וואָס פאַר אַ יום־טוב אויף אייך? — פרעגט דער טאַטע.

— פאַרשטייט איך מיר, ענטפערט שמואל־פּסחקע, היינט האָבן מיר יאָרצייט! יאָרצייט נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטן!

— אָ, זאָגט דער טאַטע, זייער פיין! נישטאָ וואָס צו רעדן, אָבער אויב אַזוי איז נאָך אַלעקסאַנדער דעם דריטן שיכורט איר מן הסתם אַ גאַנצע וואָך, ווען פאַלט אויס זיין יאָרצייט?!

— חס וחלילה, — ענטפערט שמואל־פּסחקע, — נאָך אַלעקסאַנדער דעם דריטן מאַכן מיר גאָר קיין יום־טוב נישט!

— נו, אויב אַזוי זענט איר דאָך „יונגאַטשעס" — זאָגט דער טאַטע. נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטן וואָס איז געווען אַ מלך צדיק, געשיצט די יידן פון גזירות, געווען דער „צאַר אָסוואָבאָדיטיעל", פּראַוועט איר אַ

יום־טוב, און אויף דעם צורר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, וואָס איז געווען אַ רשע, וואָס האָט געמאַכט די גזירות פון „נאָוואָסעליעניע״ און „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי״, מאַכט איר קיין שום יום־טוב נישט!..

— אַי, רב בנימין, — ענטפערט שמואל־פּסחקע, — איך וווּנדער זיך אויף אייך איר זאָלט פרעגן אַזאַ שאלה. אַלעקסאַנדער דעם צווייטן האָבן מיר דאָך געהרגעט, די רעוואָלוציאָנערן, מאַכן מיר אַ יום־טוב, אָבער אַלעקסאַנדער דער דריטער איז דאָך געשטאָרבן מיט זיין אייגענעם טויט, ווי אַלע שטאַרבן, טאָ וואָס איז דאָ צו פייערן?!..

דאָס איז אַלץ געווען דאָרטן, אין גלות, אָבער דאָ, אין ארץ ישראל, קוקט ער אויף זיי מיט אַנדערע אויגן. אַז ער הערט די פרומאַקעס רופן זיי „פושעי ישראל, מחללי שבת, גוים״, איז ער מלמד זכות אויף זיי; זיי זענען משיחס סאָלדאַטן, זיי בויען דאָס לאַנד און זענען זיך מוסר נפש פאַר אים!

אַז שמואל־פּסחקע איז געקומען קיין ארץ ישראל און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ מפקד אין דער הגנה, פלעגט אים דער טאַטע איינלאַדן שבת אויף קידוש.

דער טאַטע פלעגט מאַכן קידוש און פלעגט זאָגן: „געלויבט דער אייבערשטער, וואָס מיר האָבן מיט דיר זוכה געווען נעמען אַ ביסעלע „ראשונער״ אין ארץ ישראל, אין פּתח־תקוה. לחיים שמואל־פּסח — און יברכך אלהים וישמרך עם כל חברי ההגנה!

אים איז טייער געווען יעדער און אַלע וואָס לעבן, שאַפן און בויען דאָס לאַנד. ער האָט נישט געוואָלט וויסן יענעמס פאַרגאַנגענהייט, יענעמס עבר. ער האָט געמעגט קומען פון סיביר, פון סאַכאַלין, פון קאַטאָרגע — אַבי ער בויט דאָס לאַנד, זאָל ער זיין געבענטשט!

און אַז הערשל דער סטאָלער איז געקומען קיין ארץ ישראל אין פּתח תקוה האָט זיך דער טאַטע אין אים נוקם געווען. אַז מען האָט אים גערופן מל זיין זיינס אַ קינד, איז ער געגאַנגען אַ קוק טאָן דאָס קינד, צי מען קאָן אים מל זיין, און אַרויסגייענדיק פון שטוב, האָט ער שטילנקערהייט, מ׳זאָל נישט הערן, צוגעקלאַפּט אַ מזוזה צו דער טיר...

ער איז יאָרן־לאַנג געווען מוהל און האָט אַריינגעבראַכט אין דעם ברית פון אברהם אבינו דריי דורות: טאַטעס, קינדער און קינדס־קינדער. אשכנזים, ספרדים און תימנער.

די תימנער, די דאַרע און האָרעפּאַשנע, האָט ער ליב געהאַט אהבת נפש. די גרעסטע סכנות און געפאַרן פלעגן נישט פאַרמיידן פון אים צו גיין צו זיי מקיים זיין די מצוה פון ברית מילה. אין די צייטן פון דעם

ערשטן וועלט־קריג פלעגט ער אונטער אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן רייטן אויף אַן אייזעלע אין מחנה־יהודה מל צו זיין זייערע קינדער. ער פלעגט מיט זיך מיטנעמען נישט נאָר באַנדאַזשן און רפואות פאַר דעם ניי־געבוירענעם קינד און פאַר דער געווינערין — נאָר אויך אַ ביסל קאָניאַק פאַר דעם בעל ברית אַליין, וואָס איז געווען שטאַרק אָרעם און האָט נישט פאַרמאָגט אַפילו אַ ביסל קאָניאַק. ער פלעגט באַוווּנדערן די צערטלעכקייט און זאָרג מיט וועלכע די צווייטע פרוי באַציט זיך צו דער געווינערין אין די הייזער ווו עס זענען דאָ צוויי פרויען.

צייטנווייז פלעגן אויך אַראַבער ברענגעען צו אים מל זיין זייערע קינדער.

האָט איינמאָל פּאַסירט, ער האָט מל געווען אַ 12־יאָריקן אַראַבישן יינגל — אַ זון פון אַ מוכתר — און אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער „רך־הנימול" האָט דערזען דעם מוהל זיינעם אין גאַס — האָט ער אויף אים געוואָרפן שטיינער.

מיט זיינע ליבלעכע גוטע אויגן, מיט זיין הדרת־פּנים האָט ער דער־מאָנט די תנ"כישע אבות. ביז ניינציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער געהאַלטן פעסט דעם מוהל־מעסער אין זיין האַנט, וועלכע האָט נישט קיין ציטער געטאָן. אַז ער פלעגט אויף אַ ברית אָנטאָן אויף זיך דעם טלית, מאַכן די ברכה און מקיים זיין שנעל אין פלינק די מצוה פון ברית מילה, פלעגט זיך דוכטן, אַז ער איז מיט אַמאָל יינגער געוואָרן און אַז נישט קיין זקן פון ניינציק יאָר, נאָר אַ יונגערמאַן פון 30 יאָר שטייט פאַר דיר. אַז ער פלעגט זאָגן די תפילות „הוא רחמן, הוא ירחם את אבי הילד, את הרך הנימול, בדמיך חיי" — פלעגן פון אַלעמענס אויגן רינען טרערן. ער האָט געהאַט אַ זיס־האַרציק קול און געווען אַ זעלטענער בעל־תפילה, אַז ער פלעגט דאַווענען פאַרן עמוד אין מיטן וואָך, פלעגט דוכטן, אַז ס'איז יום־טוב! יאָרן־לאַנג האָט ער באַצויבערט דעם עולם מיט זיין זיסן דאַווענען מיט זיין ריכטיקן אויסדרוק פון די ווערטער, און אַז מען האָט דעם ערשטן מאָל געמאַכט אין פתח־תקוה אַ קבלת פּנים פאַרן באַראָן ראָטשילד מיט דער באַראָנעסע — האָט מען אים מכבד געווען צו זאָגן הנותן תשועה לכבוד די הויכגעשטעלטע געסט. דאָס איז געווען איינער פון די שענסטע מאָמענטן אין זיין לעבן. עפּעס אַ קלייניקייט? ער האָט זוכה געווען צו זאָגן „הנותן תשועה למלכים וממשלה לנסיכים" — נישט לכבוד אדוננו הקיסר ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָביטש און דער קייסערינע אַלעקסאַנדרא פיאָדאָ־ראָווּנאַ — נאָר הוא יעזור ויגל וינשא למעלה אדוננו השר הצדיק רבי

עדמאַנד בנימין בר יעקב והשרה הצדקנית אדלה בת ר׳ שמואל זאב ירום הודם!.. און אַז ער איז דערגאַנגען צו די ווערטער בימיו ובימינו תיוָשע יהודה וישראל ישכון לבטח... האָט ער זיך צעוויינט פון גרויס אויפ־רעגונג און התפעלות ווי אַ קינד...

ער האָט ליב געהאַט אַ גוט וואָרט, אַ שיינעם וויץ.

דאָס איז געווען אין די צייטן פון די ערשטע מועצות אין פתח־תקוה. דעם ערשטן פידל האָבן, פאַרשטייט זיך, געשפּילט די איכרים — די פּרדסנים. די אַרבעטער־פאַרשטייער איז נישט לייכט געווען צו קומען צום וואָרט. און אָט איז איינער פון זיינע זין געווען דעמאָלט דער פאַרשטייער פון די אַרבעטער אין דער קאָלאָניע, אַ בחור אַ „שייגעץ״, וואָס פלעגט זיך שטענדיק אַרומרייסן און מלחמה האַלטן מיט די בירגערלעכע פאַר־שטייער אין דער מועצה — וועגן עבודה עברית. ווען ער, דער אַלטער טאַטע, פלעגט זען, אַז דער זון קלייבט זיך אויף אַ ישיבה אין דער מועצה, פלעגט ער זאָגן צו אים: אהרון! דו גייסט דאָך אויף אַ ישיבה דאָרט מיט די פּרדסנים, זע פאַרגעס נישט מיטנעמען מיט זיך אַ האַנטעך!..

— וואָס פאַר האַנטעך? — האָט דער זון געפרעגט פאַרוווּנדערט.

— איך וועל דיר דערציילן — האָט דער פאָטער געזאָגט. אין אַ שטעטל איז אַמאָל געקומען אַ מגיד. נאָך מנחה איז ער אַרויף אויף דער בימה זיך אַוועקגעשטעלט און געבעטן אַ יינגעלע זאָל אים דערלאַנגען דאָס האַנטעך, וואָס הענגט דאָרט ביים אַריינגאַנג נעבן האַנטפאַס. דאָס יינגעלע האָט אים דערלאַנגט דאָס האַנטעך און דער מגיד האָט גענומען זיך צובינדן שטאַרק מיט אַ קנופּ צום עמוד. זענען אַרויפגעגאַנגען צו אים די מתפּללים און פאַרוווּנדערט געפרעגט:

— ר׳ מגיד, וואָס באַדייט דאָס? וואָס בינדט איר זיך צו צום עמוד? וואָס טוט איר?

— אָט, האָט דער מגיד געענטפערט, איך טו דאָס גלאַט אַזוי זיך, טאָמער חלילה געפינט זיך, אל תפתח פה לשטן, אַ יונגאַטש, אַן עזות פּנים, וואָס וועט וועלן מיר אַראָפּוואַרפן פון דער בימה!..

— ר׳ ייד, האָבן אָנגעהויבן צו טענהן צו אים די יידן, וואָס רעדט איר, גאָט איז מיט אייך, פאַרוואָס זאָלן זיי אייך אַראָפּוואַרפן, וואָס פאַלט אייך איין אַזאַ זאַך?

— לאָזט מיך, לאָזט מיך, — האָט געענטפערט דער מגיד — איך ווייס וואָס איך טו, ס׳איז ביי מיר קיין נייעס נישט, ווו איך קום ב״ה וואַרפט מען מיך אַראָפּ פון דער בימה!..

אויך אין זיין טיפן עלטער האָט אים זיין גוטער הומאָר נישט פאַרלאָזט. נאָר ווען ס׳איז געקומען די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע איז פון זיין פנים פאַרשוווּנדן דער ליבלעכער שמייכל, אַ טרויער האָט זיך פאַרצויגן אויף זיינע אויגן. ער פלעגט נישט אויפהערן צו טענהן: רחל מבכה על בניה — און ווו איז ושבו בנים לגבולם?! ער האָט געוואָלט דערלעבן זען די מפלה פון צורר און פלעגט האַלטן אין איין מתפלל זיין „אל נקמות הופיע״!..



**ר׳ בנימין קליר**
איש העליה השניה
אביו של המחבר

# וואס געווען – איז געווען

# געווען אמאל א שטעטל

צום אָנדענק פון שטעטעלע אַמסטיבאָווע, וואָס איז פאַרשניטן
געוואָרן דורך די טריפענע נאַציס, ימח שמם וזכרם.

דאַכט זיך אַלץ ווי געווען, ווי ס'וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט אין מיין אַמאָליקער שטעטל: די זעלבע הילצערנע הייזער מיט די לאַנגע שייערן, די זעלבע איינגעבויגענע צוימען אַרום די גערטנער, דער זעלבער ברוק אויף דער איינציקער גאַס. אמת, דער ברוק האָט נאָכגעלאָזן. אויף אים איז קענטיק, אַז ער האָט געשפירט אויף זיך די רעדער פון דער גרויסער וועלט־מלחמה.

די לופט איז ריין און לייכט. מיט דער זעלבער טאָרבע טרייבט דער פאַסטעך דורכן גאַס די סטאַדע שאָף יעדן פרימאָרגן אין פעלד אַריין אומע־טיקע און שווייגנדיקע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ — און קערן זיך אום פאַרנאַכט צוריק מיט אַ ברייטן און פריילעכן „מע־מע״ זאַטע און צופרי־דענע. אַ שטיפערישער ייִנגל לויפט דורך די טשערעדע און באַקומט מיטן בייטש פון פאַסטעך. אַלץ ווי אין אַמאָליקע יאָרן — וועלט בלייבט וועלט, אַזוי ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט אין מיין אַמאָליקער ליבער שטעטל!..

אַלטע באַקאַנטע... די זעלבע... די זעלבע... מער נישט די קעפּ זענען גרויער געוואָרן און די ציינער שיטערער. שפּאָגל נייע זקנים, וועלכע זענען דוכט זיך, גאָרנישט לאַנג געווען יונגע און מיטעלע מענטשן. די צייט טוט אויך איר זאַך. דערפאַר איז אָבער אויפגעוואַקסן אַ פרישער דור, פון די, וואָס דו האָסט איבערגעלאָזן אין די וויקעלעך — יונגען שטאַרקע און מונטערע. מיידן — פול מיט רייץ און חן, אַז ס'וואָלט זיך וועלן אומקערן אין זייערע יאָרן און כאַפּן מיט זיי אַ שפּאַציר הינטער די „מאָהילקעס״ אין די וואָרעמע פרילינגס־אָוונטן...

אָט איז פיניע, אָט איז שימחה, אָט איז נחמן — דוכט זיך, ווי לאַנג זענען זיי געקראָכן איבערן פלויט פון גלחס סאָד געריסן עפּל פון די ביימער, אָדער געשפּילט אין קאָרטן אין ווייבערשן בית־המדרש — און אָט זענען זיי שוין — רב פנחס, רב שמחה, רב נחמן... אָט איז רחלה די קאַ־קעטע! — מיט די רויטע בעקעלעך מיט די לאַנגע צעפּ... נעכטיקע טעג! זי איז נישט אַנטלאָפן מיטן אָרגאַניסט און זיך נישט געשמדט! אומזיסט

פלעגט ער אָפּזיצן גאַנצע נעכט ביי איר אויפן בריקל און שפּילן אויף דער גיטאַרע לידער פון בענקשאַפט און ליבע — זי איז געבליבן אַ כשרע יידישע טאָכטער, אַ קינדלערקע, מיט אַ מאַן אַ חלוש און גרויסן קבצן, לא עלינו!..

שאַ! — די אַלטע געליע — זי איז דאָ! זי לעבט, ווי איך בין אַ ייד!.. אויף צופּיקעניש דעם מלאך המות, אַן איינגעבויגענע אין דרייען גייט זי מיט אַ שטעקעלע... זי וויל שטאַרבן — זאָגט זי, נאָר זי קען נישט... אין שטעטל לאַכט מען: מען זאָגט זי איז אַ „נעלם" — אַ דורכגעלאָזענע ביים מלאך המות אין „סקאַזקע". זי האָט מיר נישט דערקענט און אַז איך האָב איר געזאָגט ווער איך בין — האָט זי אָנגעהויבן צו זיפצן: אַי־אַי־אַי — סאַראַ גוטע פריינד געווען, ביזט שוין אויך, זאָגט זי, גרויז געוואָרן!..

דוכט זיך אַלץ ווי געווען, אַלץ ווי געווען! די זעלבע שטילקייט, די זעלבע רואיקייט. ערגעץ־ווו קערן זיך אפשר אום וועלטן, עס גייען אויף און עס גייען אונטער מדינות, עס קערן זיך איבער ממשלות — אָבער דאָ אין שטעטעלע הערשט דער האַר פון שטילקייט, פון רואיקייט, פון זיסן דרעמל. עס דוכט זיך, אַז דאָ האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט געענדערט און וועט זיך קיינמאָל גאָרנישט ענדערן...

ס'איז פרילינג. דעם גלחס פרוכט־גאָרטן האָט זיך פונאַנדערגעבליט, די קאַרשן־ביימער פאַרפוצן זיך אין גירליאַנדעס פון בליעכץ. נאָר־וואָס איז געגאַנגען אַ וואַרעמער פרילינגס־רעגנדל, אַ בשמים־לופט דערקוויקט די נשמה. דאָ גאַס איז ליידיק: די גויים — אין די פעלדער; די יידן — אין די גערטנער, שטל רואיק.

מיט אַמאָל דערשיינען און באַווייזן זיך אויפן האָריזאָנט פון דער אָפּגעשטאָרבענער גאַס צוויי חשובע געשטאַלטן: גרישקאָווסקי — דער שרייבער פון שטעטל און איוואַניוק — דער לערער פון דער שקאָלע. זיי גייען ביידע פון קיווס שענק און שטעלן דראָבנע טריטעלעך. זיי האָבן שוין געמאַכט אַ התחלה, באַוויזן אַריינצוכאַפּן עטלעכע רעכטע „אליהו הנביא"־כוסעס און זענען שוין, מיט גאָטס הילף, אַ ביסל „פאַרשניאַזשקעט". זיי שפּרייזן ביידע אַרומגענומענע, געאָרעמט און סאַפּען שווער, און לויט דער ריכטונג ווי זיי פאַרנעמען זיך ביידע, קען מען פעסטשטעלן אויף זיכער, אַפילו נישט מיט קיין באַוואָפנטן אויג און אָן אַ קאָמפּאַס, אַז זיי שווימען צו פישלען דעם טראַקטירשטשיק און פון דאָרטן וועלן זיי שוין מאַכן די רייזע גלייך אונטער די טישן פון טראַקטיר.

אויף מענדל הערשלס בריקל זיצן די אייביקע קיביצער — די עשרה

בטלנים פון שטעטל, וואָס האַלטן זיך אין איין גריבלען אין פּאָליטיק און פילאָזאָפירן ווי צו פאַרריכטן די וועלט.

און פון אשר דעם פּאַטשטער טראָגט זיך שוין דער געזאַנג פון שיר השירים. עס דערנענטערט זיך דער פּסח און אשר גרייט זיך און ציקלט זיך מיט זיין שטימע אין די פּסחדיקע תפילות, באַצייטנס. דער פּסחדיקער דאַווענען פאַרן עמוד געהערט צו אים, ס'איז זיין חזקה. דער אמת איז, אַז פון פורים אָן האַלט ער אין איין שווענקען און ווייכן די האַלדז מיט גאָגל־מאָגלען, אָבער ווער קען נאָך „דערלאַנגען" אַזאַ דאַווענען ווי אשר?.. די ניגונים פון זיינע תפילות טראָגן זיך שוין איבערן שטעטל און דו פילסט שוין אין דער לופט דעם טעם פון פּסחדיקן מעד, פון כרעמזלעך, פון קניידלעך און פון געבדזן־שמאַלץ...

## דער אלטער רב

ס'איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דער רב האָט אַמאָל געהאַט אַ שוואַרצע באָרד, פונקט ווי עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן אַז פאַר אים איז געווען אַן אַנדער רב. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער זעלבער רב איז שטענדיק געווען, אַז ווען גאָט האָט געגעבן די תורה, האָט ער צוזאַמען מיט איר געגעבן אויך דעם רב.

און נישט קיין וואונדער, ער איז געווען פון די עלטסטע מענטשן פון שטעטל. גאַנצע דריי דורות זענען דורכגעגאַנגען דורך זיינע הענט — געווען סנדק ביי זיידעס, טאַטעס און אייניקלעך, און אַז עמעצער פלעגט דערציילן, אַז ער געדענקט נאָך, ווען מען האָט דעם רב גענומען, אָדער באַרימען זיך, אַז ער איז געחתמעט אויף דעם רבס כתב — פלעגט עס קלינגען ווי אַ לעגענדע.

רואיק און שטיל, ווי דאָס וואַסער אין טייכל, איז געפלאָסן די צייט. באַרמאַל און פּינקטלעך, ווי דער אַלטער שאַפּע־זייגער, איז געגאַנגען דעם רבס לעבנס־שטייגער. צו דער זעלבער צייט אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און פאַרטיפט זיך מיט די בלויע שפּאַקולן אין די דיקע ירושלמיס. געדאַוונט שחרית, מנחה און מעריב, געשטאַנען און אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה, זיך צוגעשפּאַרט נאָכן עסן, זיך דורכגעגאַנגען שפּאַצירן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די צייט גייט נאָך דעם רב, נישט דער רב נאָך דער צייט.

געפירט די רבנות מיט אַ לייכטן געמיט, געפּסקנט שאלות, שטענדיק

מקיל געווען, נישט געמאַכט קיין געשעפטן פון קליייניקייטן, דורכגעפירט די שווערסטע דין־תורות, שטענדיק דערפירט צו אַ שלום. נישט געאיילט זיך מיטן דין, און טאָמער האָט אַ מאָל געטראָפן, אַז איינער אַ בעל־דבר, אָן עזות־פּנים האָט צום רב אַ זאָג־געטאָן: — „רבי, אַ דין וויל איך פון אייך, איך דאַרף נישט האָבן אייער יושר... יושר האָב איך אייגענעם" — איז דער רב געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אַ געשריי־געטאָן: יונגאַטש, איך פלעט דיר באַלד דעם קאָפּ — און אַ כאַפּ געטאָן זיך צו אים מיט דעם נאָזטיכל...

צוויי מאָל אין יאָר האָט דער רב געזאָגט דרשות פאַרן עולם: שבת הגדול און שבת־תשובה. אין די דרשות פלעגט ער זאָגן מער תורה, פּלפּול, ווי מוסר (מוסר האָט ער איבערגעלאָזן פאַר די מגידים). טאָמער פלעגט ער יאָ אַמאָל מוסרן דעם עולם — איז עס געווען מילד, ווייך, נישט ליב געהאַט צו סטראַשען (ער איז געווען אַ קלוגער און געוווּסט, אַז מיט סטראַשונקעס מאַכט מען גאָרנישט). ער פלעגט אויך אַמאָל מאַכן אַ הספד, נאָר אויך אין די הספדים פלעגט ער זיך סטאַרען נישט צופיל מצער זיין דעם עולם, געזשאַלעוועט די מענטשן, געזאָגט מער לכבוד המת.

אויפעברויזט האָט ער נאָר איין מאָל, ווען ער האָט מספּיד־געווען ר' יצחק אלחנן... דעמאָלט, דערציילט מען, זענען מענטשן געפאַלן צו דר'ערד פון געוויין, ווייבער זענען געפאַלן אין חלשות.

אויך תשעה־באב, ווען לויט זיין חזקה הויבט ער אָן מיט זיין ציטערדיקער שטימע זאָגן „ארזי הלבנון", פלעגט אַ ציטער דורכגיין דורכן לייב און דער עולם פלעגט פאַרגיסן טייכן טרערן...

דער רב האָט פיינט געהאַט געלט און כבוד. קיינעם נישט געחנפעט, אַפילו דעם שענסטן, דעם רייכסטן בעל־הבית. געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות. אין דער גאַנצער געגנט האָט מען אים געשעצט פאַר זיין חכמה, פּשוטקייט און פריינטלעכקייט, פאַר זיין בקיאות און אויסערגעוויינלעכער התמדה.

די איינציקע וואָס איז געווען מיט אים אומצופרידן איז געווען — די רביצן, אַ יידענע אַ צדקנית, וואָס האָט אָבער געשטאַמט פון יחוס און גבירים, און געזען אַ בעסער לעבן!

— בטלן, בטלן — פלעגט זי שטענדיק קלאָגן — וואָס וועט דאָס זיין פון דיר? ווען דו וואָלסט געווען אַ שפּיגל־פאַלצער אין אַ לעדער־פאַבריק, ווי גוט עס וואָלט מיר געווען!..

שכירות האָט דער רב גענומען פון דער „קאַראָבקע", דריי רובל אַ

וואָך. דאָס געלט פלעגט אויסצאָלן דער רביצן דער חוכר ר׳ יאַנקל־זרח. האָט איר זיך תמיד געדוכט, אַז דער „גאַנצער קלאָג״, דער גאַנצער שול־דיקער אין איר אָרעמקייט איז יאַנקל־זרח, און זי פלעגט שטענדיק פאַר יעדן איינעם נישט אויפהערן שעלטן אים:

— אַז קיין גוטס זאָל נישט זיין יאַנקל־זאָרושקען...

אין דעם דאָזיקן פּזמון האָט זי זיך שוין איינגעוווינט, אַז אָפּט מאָל רעדנדיק אַפילו מיט יאַנקל־זרחן אַליין, פלעגט זי פאַרגעסן מיט וועמען זי רעדט, און אַ זאָג־טאָן צו אים:

— אַז וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מיין קינד, קיין גוטס זאָל נישט זיין יאַנקל־זאָרושקען !..

אויסער שכירות האָט נאָך די רביצן געהאַט אַ גאָרטן, אין וועלכן זי פלעגט אַליין האָרעווען טאָג און מאַכט און אויסגיסן גאַנצע ברינעמער וואַסער, און אַ קו, וועלכע זי פלעגט היטן ווי דאָס אויג פון קאָפּ.

מ׳דערציילט, אַז איין מאָל האָט די בהמה אַריינגעכאַפּט עפּעס אַ גרעזל און קראַנק געוואָרן — איז די רביצן אַריינגעפאַלן מיט אַ געשריי צום רב:

— געוואַלד, גזלן, וואָס זיצסטו? ווי איז מיר, די בהמה איז דאָך אויס מענטש !..

אויף דעם האָט איר דער רב מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— געוואַלד, געוואַלד, ראַניע, ווען וועסטו שוין ווערן אויס בהמה?..

אויסער די ד׳ אמות פון בית הרב און ביהמ״ד פלעגט דער רב אין ערגעץ נישט גיין. טאָמער פלעגט מען דעם רב דערזען אַמאָל גייענדיק פאַמעלעך מיטן שטעקן אין שטעטל — האָט דאָס שוין עפּעס באַדייט: אָדער אַ ברית, אַ פדיון הבן, אַ חתונה, אָדער חלילה אַ חולה מסוכן, — דער רב גייט מבקר חולה זיין.

מער נישט, זומער נאָכמיטאָג־צייט, אין אַ גוטן וועטער, פלעגט דער רב שפּאַצירן יעדן טאָג אין מיל אַריין הינטערן שטעטל צום איידעם, טרינקען טיי פון טייך־וואַסער.

ער פלעגט זיך אַזוי שפּאַצירן אין מיל אַריין און פלעגט שטענדיק באַגעגענען אַנטקעגן איבערן וועג, אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ ברייטן שטרויענעם הוט — דעם אַלטן פּאָפּ, פירנדיק פון פעלד מיט זיינע גוטע פערד הויכע פורגאַנעס מיט היי, קאָרן, האָבער, גערשטן...

דער רב איז געגאַנגען טרינקען טיי פון טייך־וואַסער — און דער פּאָפּ האָט געפירט פולע פורן מיט גאַרבן...

און אָט אַזוי פּופציק יאָר...

דער רב האָט געקוקט אין מזרח־זייט און דער פּאָפּ — אין מערב־זייט. נישט קיין גוט־מאָרגן, נישט קיין גוט־יאָר...

פופציק יאָר האָבן זיך צוויי וועלטן צוזאַמענגעטראָפן און אויסגעמיטן איינע די אַנדערע אויף דעם שמאָלן וועגעלע צווישן די פליטן פון די גערטנער, וואָס פירן צו דער מיל און צו דעם פּאָפּס פעלדער, ביז...

ביז דער אַלטער משה דער שניידער, וואָס האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, און אויף דער חתונה איז געקומען דער רב און אויך דער פּאָפּ, פאַר וועלכן דער אַלטער משה האָט יאָרן־לאַנג געניייט.

ערשט דאָ, ביי איין טישל, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די אַלטע פּאָר אומבאַקאַנטע באַקאַנטע און צום ערשטן מאָל זיך דערלאַנגט די הענט.

— נו, סקאָזשיטיע ראַבין — האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן דער פּאָפּ — פופציק יאָר, אַז מיר לעבן צוזאַמען אין אַזאַ קליינעם שטעטל, און צום ערשטן מאָל טרעפן מיר זיך...

דער רב האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס מ'האָט געזאָגט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ...

✶

אַז דער רב איז נפטר געוואָרן — האָט זיך געדוכט, אַז די אייביקייט איז געשטאָרבן. מענטשן האָבן אַ קרעכץ־געטאָן:

— נישטאָ קיין אייביקייט אויף דער וועלט.

צווישן אַלע וואָס זענען געקומען מספּיד זיין דעם רב, איז געווען אויך דער אַלטער פּאָפּ. זיין הספּד איז געווען אַ רירנדער:

— דאָס איז געווען אַ הייליקער מענטש — עס וועלן שוין מער אַזעלכע מענטשן, אַזעלכע יידן נישט זיין, איך וואָלט געבעטן, אַז זיין פּאָר־טרעט זאָל מען אויסהענגען אין בית־המדרש...

געווייגלעך איז זיין ווונטש נישט דערפילט געוואָרן.

# ר׳ לייב דער ראש־הקהל

... — אַ ראש הקהל איז געגליכן צו אַ וואָגן היי — אַז עס פאָרט אַריין, דוכט זיך ס׳איז עפּעס אַ גרויסע זאַך — ס׳פאַרנעמט אַ פּלאַץ, אָבער באַלד כאַפּט זיך אַרויף אויף אים אַ קליין שייגעצל און וואַרפט אים אַראָפּ!..

אַזוי פלעגט ליב האָבן צו ווערטלען זיך אויף זיך אַליין ר׳ לייב דער ראש הקהל. פופצנדסטווועגן זענען אַריבערגעגאַנגען יאָרן נאָך יאָרן און קיינער האָט אים נישט אַראָפּגעוואָרפן. און טאָמער פלעגט זיך יאָ אַמאָל יאָווען עפּעס אַן עזות־פּנים, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בונטעווען און מרעיש־עולם זיין: — וואָס וועט זיין דער סוף? לייבע עסט אויף די גאַנצע „סמעטענע״ (קהלשע געלטער), און מיר בלייבן ביי אַ פּוסטע לאַדישקע. מיר האַלטן פאַר די הערנער — און ער מעלקט, אַ שיינער תכלית!.. פלעגט לייבע זאָגן: — אָ! אויב ער איז אַזאַ יונגאַטש און פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל חוצפּה, איז ער דאָך טאַקע ווי געבוירן פאַר קהל — דאַרף מען אים מאַכן פאַר אַ קהלס־מאַן, און מען פלעגט אים אַריינעמען צווישן די שבעה טובי העיר.

מיט דער שיטה איז געגאַנגען לייבע און איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין דעם גאַנצן לעבן פאַרבלייבן אויף זיין אַמט. און אין דער אמתן — האָט דען אַן אַנדערער געקענט פאַרבייטן לייבען? ווער האָט נאָך געהאַט אַזאַ פּרעדסטאַוויטעלנעם אויסזען: אַ הויכער, אַ שיינער מיט אַ בלאָנד־קיילעכדיק בערדל און אַ פּאָר גרויסע וואָנצעס, און ווער האָט נאָך געקענט אַזוי גוט די רוסישע שפּראַך? די הלכות פון מיליטער־דינסט, און ווער האָט נאָך געהאַט און געקענט אַוועקלייגן אַזאַ אונטערשריפט אויף אַמטלעכע פּאַפּירן ווי לייבע? — אַן אונטערשריפט, וואָס וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ מיניסטער — אַזאַ פאַרדרייטע און פאַרצויגטע, אַז קיינער האָט איר נישט געקענט נאָכמאַכן און קיינער האָט איר נישט געקענט איבערלייענען. וועגן דער דאָזיקער אונטערשריפט האָט לייבע וואָס צו דערציילן:

איין מאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט ווען אַלע האָבן שוין שטאַרק געשלאָפן, האָט מען אים אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און איבערגעגעבן אַן עקסטרענע טעלעגראַמע פון גובערנאַטאָר. אין דער טעלעגראַמע איז געווען געשריבן, אַז דער ראש־הקהל זאָל זיך אין פאַרלויף פון 48 שעה מעלדן אין גובערנסקע פּראַווּלעניע, כדי צו געבן אַ דערקלערונג וועגן דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן. לייבע האָט געהאַט אַ פאַרשטערטן שבת. נישט געגעסן און

נישט געטרונקען, קוים דערלעבט דעם זונטיקדיקן טאָג, איז ער אָוועקגע־פאָרן אין גובערניע. אַ גאַנצן אָוונט איז ער אַרומגעלאָפן איבער די דירות פון באַקאַנטע באַאַמטע פון גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע, כדי זיך עפּעס צו דערוויסן. אָבער אומזיסט. ער האָט גאָרנישט געקענט דערגיין, ווייל דער תיק איז געלעגן פּערזענלעך ביים גובערנאַטאָר אויפן טיש.

אויף מאָרגן 8 אין דער פרי איז שוין לייבע אין שבתדיקן סורדוט, פאַרקעמט די באָרד, געזעסן מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש אין אויפנאַם־צימער פון גובערנאַטאָר. אָבער מיטן אויפנעמען האָט מען זיך נישט געאיילט. פריער האָט מען אויפגענומען די פּריצים פון דער אומגעגנט, וועלכע מ׳האָט העפ־לעך איינגעלאַדן און געבעטן זיצן, דערנאָך האָט מען אַריינגערופן די פּויע־רים, ערשט נאָך זיי — האָט מען שטרענג אויסגערופן: דער ראש־הקהל פון מ...

לייבע איז נישט טויט און נישט לעבעדיק אַריבער די שוועל פון גובערנאַטאָרס קאַבינעט און זיך טיף פאַרנייגט...

אין אַ גרויסן, פּרעכטיקן, לאַנגן זאַל, אויבנאַן, אונטערן קייסערס פּאָר־טרעט אין אַ גאָלדענער ראַם, איז ביי אַ גרינעם טיש געזעסן אַ מאַן מיט אַ בלאָנדע באָרד, מיט אַ גאָלדענעם קרייץ אויפן ברוסט...

— דאָס ביסטו דער ראש־הקהל פון מ., האָט דער גובערנאַטאָר געפרעגט.

— טאַק טאָטשנאָ, עקסעלענץ, האָט לייבע, מיט אַ ציטערדיקע שטימע, געענטפערט.

— זייט אַזוי גוט און קומט צו נענטער! לייבע איז צוגעגאַנגען צום טיש.

דער גובערנאַטאָר האָט אַרויסגענומען פון אַ טעקע אַ פּאַפּיר, — אַ ראַפּאָרט, וואָס לייבע אַליין האָט צו אים געשריבן — און האָט אים דערלאַנגט.

— ווער האָט עס געשריבן דעם פּאַפּיר?

— איך, אייער עקסעלענץ!

— זייט אַזוי גוט, לייענט איבער די אונטערשריפט.

— לייב ראַזאָבסקי! האָט לייבע מיט אַ ציטערדיקע שטימע איבער־געלייענט זיין אונטערשריפט.

— איך דאַנק אייך זייער... איר קענט גיין... און אויף ווייטער זאָלט איר אַזוי נישט פאַרדרייען אייער נאָמען, איר זייט נאָך דערווייל מער נישט ווי אַ ראש קהל אין מ. און נישט קיין מיניסטער אין פּעטערבורג.

✶

ביי לייבען אין שטוב איז די קאַנצעלאַריע פון דער קהילה. ער שרייבט אַליין און פירט אַליין די ביכער. און ביכער זענען פאַראַן אַ סך. די רשי־מות פון די נכתבים, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רוסי־שער אימפעריע, די שטייערן ביכער, די געלט ביכער. פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט טומלט מען אַ קאָפּ. קיין טענות און קיין תרעומות פעלן נישט. איינער קומט זיך קלאָגן וועגן שטייערן — ס׳פאַרדריסט אים, ס׳טוט אים וויי, דער עיקר נישט אַזוי פאַרוואָס מען האָט אים געשטעלט צופיל, נאָר פאַרוואָס דעם אַנדערן — אַזוי ווייניק... איינער קומט נעמען אַ פּאַס, אָבער דער עיקר לאָזט מען נישט רוען לייבען מיט די פריזיוו־ענינים. מען קומט צו אים פון אַנדערע שטעט, פון דער גאַנצער סביבה.

— איך האָב אַ גוטן בחור, אַ וויל־לערנער, אַ שאָד אים אָוועקצוגעבן פאָניען, גיט אַן עצה, ר׳ לייב.

— מ׳דאַרף גיין מיטן אמתן וועג, מ׳דאַרף שטעלן אַ מלאך! ענטפערט לייבע.

אויף שטעלן מלאכים איז לייבע אַ מומחה. מען קריגט אַ בעל מום, אַ קורצזיכטיקן, אַ בלינדן, אַ געבריכטן. מער חזרט מיט אים איין דעם בעל־דברס נאָמען, דעם איספּראַווניק באַצאָלט מען, די דאָקטוירים באַצאָלט מען, דעם וואָינסקין נאַטשאַלניק באַצאָלט מען און השי״ת העלפט און... מען קריגט אַ בלויען אָדער אַ ווייסן בילעט.

אלא וואָס, די פאָטאָגראַפיע ? — איז, ברוך השם, דערצו אויך פאַראַן אַן עצה: אין אַ זונטיק אָדער אין אַ חגא־טאָג, ווען דער פּרעדסעדאַטיעל גייט אַוועק אין קלוב שפּילן אין קאָרטן און אַריינגיסן, גרייט צו דער סטאָראָזש פון פּריסוטסטווע, איוואַן, די שליסעלעך און נעמט אַרויס פון אַלמער דעם תיק מיט די פאָטאָגראַפיעס, אַ „שטעמפּל שני" פון פּריסוטסטווע איז ברוך השם אויך פאַראַן, און מ׳בייט איבער. מ׳נעמט אַרויס די פאָטאָגראַפיע פון „מלאך" און מ׳לייגט אַריין די ריכטיקע, די אמתע... און אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.

האָט איין מאָל פּאַסירט ווען מ׳איז געזעסן ביי נאַכט אין פּריסוטסט־טווע און געמאַכט די חליפין, האָט מען דערהערט טריט אויף די טרעפּ... מ׳האָט זיך אָפּגעטראָגן און פון גרויס איילעניש האָט מען פאַרביטן די שטעמפּלען, מ׳האָט איבערגעלאָזט דעם פאַלשן און צוגענומען דעם אמתן... און אַזוי איז געשען אַ מין פּאַראַדאָקס, דער פאַלשער איז געוואָרן אַן אמתער און דער אמתער איז געוואָרן אַ פאַלשער...

פלעגט טאַקע לייבע ליב האָבן זיך צו וויצלען און זאָגן: היינט גיי זוך דעם אמת אויף דער וועלט... אָט איז דער אמת געוואָרן אַ שקר און דער שקר — אַן אמת...

מיט איין זאַך איז געווען שלעכט: די צרות המלאכים... די צרות, וואָס מ׳פלעגט ליידן פון די מלאכים... איין מלאך איז זיך אין לעצטן מאָמענט — ווען מ׳דאַרף שוין אַריינגיין אין פּריסטסטווע — זיך מיישב, ער וויל אַ הוספה, אַנדערש, זאָגט ער, שפּילעט ער נישט אָפּ די תחתונים... (אין פּריסטסטווע דאַרף מען זיך אויסטאָן אַ הוילער).

אַ צווייטער האָט פּלוצלינג פאַרגעסן זיין שם, זיין נאָמען, פון גרויס שרעק איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן דער זכרון...

—וואַלערשטיין שמחה יאַקעלעוו! — רייסט זיך דער אוריאַדניק בקולי קולות...

— וואַלערשטיין שמחה, — רופט אויס נאָך אַמאָל אומגעדולדיק דער פּרעדוואָדיטיעל, און קיינער רופט זיך נישט אָפּ...

לייבע לויפט אַרויס אַ צעקאָכטער אין פאָדער־צימער: — שמחה וואַ־לערשטיין! מ׳רופט דאָך דיך, וואָס זיצסטו ווי אַ גולם? אַ פייער זאָל דיך זוכן!

שמחה רירט זיך.

— אָט גייט ער — מעלדעט לייבע — זיך אָנגעטרונקען ווי אַ חזיר...

ס׳פּאַסירט אויך, אַז חברה דערטאַפּן אַ מלאך און מ׳מסרט אים... ס׳ווערט אַ טומל, אַ קאָך איבערן הויף פון פּריסטסטווע. מ׳האָט געכאַפּט אַ מלאך, געכאַפּט אַ מלאך!..

אַזאַ דורכגעפאַלענעם מלאך אַרעסטירט מען און מ׳שיקט אים אָפּ אונטער אַ וואַך אין קהילה, אין שטעטל אַריין, פעסטצושטעלן זיין פּערזענ־לעכקייט... און דאָרט, אין דער קהילה, זענען שוין צוגעגרייט עטלעכע אַלטע יידעלעך און ווי נאָר מען פירט אַריין דעם העכט מיט די אונטערפירערס — לויפן זיי צו צו אים ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, דערלאַנגען אים שלום...

— יאַנקעלע, וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט דער טאַטע, די מאַמע? ביסט שוין דאָ אַזוי לאַנג נישט געווען!..

איינער כאַפּט זיך צו צום קושן: אַי, אַי, סאַראַ גאַסט! וואָס עפּעס מיט פּאַליצייסקע? מ׳האָט אויף דיר חס ושלום געמאַכט עפּעס אַ בלבול, חלילה?

— איר קענט אים? — פרעגט דער פּריסטאַוו — איר ווייסט ווער ער איז?

— וואַשע וויסאָקאָבלאָגאָראָדיע — ענטפערן די יידעלעך — וואָס הייסט צי מיר קענען אים, מיר האָבן אים דאָך אויפגעהאָדעוועט!..

— ער האָט דאָך ביי מיר אין חדר געלערנט — זאָגט דוד־לייב דער מלמד.

— ער האָט דאָך ביי אונדז דעם בית מדרש איבערגעקערט — ענטפערט אברהם־הערש דער שמש. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז עס וועט פון אים קיין לייט נישט זיין, און איצט אָן עין־הרע, אָן עין־הרע...

דער פריסטאַוו באַקומט זיין רחש, דעם מלאך באַפרייט מען, די יידן נעמען צו רובל און אַ טרונק בראָנפן, און זענען גליקלעך... הלואי וואָלט זיי דער רבונו של עולם אַלע טאָג צוגעשיקט אַזעלכע פאַרדינסטן, אַלע טאָג...

✶

דרייסיק יאָר איז לייבע געווען ראש הקהל און דרייסיק יאָר געשלעפט די קהילה אויף זיינע פלייצעס, באַפרייט פון סאָלדאַטשינע, אַרויסגעשלעפט איר פון פאַרשידענע גזירות און צרות. אין שטעטל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ גביר, געזאָגט, אַז ער שאַרט קאַדושקעס מיט גאָלד, אָבער זיינע אַלע פאַרדינסטן, די כשרע און די טריפע, פלעגן אַוועקגיין ביי אים אויף די באַאַמטע, וועלכע פלעגן אים זויגן און סמאָטשקען ווי די פּיאַווקעס. און אויף דער עלטער, ווען ער האָט שוין מער נישט געקענט שלעפן אויף זיך דעם יאָך, און זיך דערוויטערט פון די קהלשע געשעפטן, איז ער געוואָרן אַ יורד... ער איז געבליבן אַלט, שוואַך און אָרעם. און אָט איין מאָל אַ שבת אין דער פרי, נאָכן דאַווענען, איז ער זיך אַזוי געזעסן אויפן גאַנעק פון זיין שטוב און צוגעקוקט זיך ווי יידן גייען פון שול נאָכן דאַווענען. אַלע גייען פאַרביי און קיינער קוקט נישט אין זיין זייט. אָט גייט פאַרביי זיין אַלטער גוטער פריינד ר׳ איטשע דער ווינשענקער.

— איטשע, קום אַהער, האָט ער צוגערופן זיין אַלטן ידיד.

— זע נאָר, גיב אַ קוק, אָט גייען יידן פון שול — אָט דעם, האָב איך באַפרייט פון פּאָניעס הענט, דעם — האָב איך אַרויסגענומען פון אָסטראָג, דעם האָב איך אַרויסגעראַטעוועט פון אַרעסטאַנטסקע ראָטעס — און אָט גייען זיי פאַרביי די אַלע יידן און קיינער זאָגט מיר אַפילו נישט קיין גוט־שבת!..

— איי, ר׳ לייב, רופט זיך אָפּ צו אים איטשע. איר זאָלט עס פרעגן אַזעלכע שאלות? די גאַנצע וועלט האַלט אייך פאַר אַ קלוגן, פאַר אַ חכם, און איר פרעגט אַזעלכע שאלות? ווען איר וואָלט נישט באַפרייט, דעם פון

סאָלדאַטשינע, דעם פון אָסטראָג, און דעם פון אַרעסטאַנסטקע ראָטעס, וואָלטן זיי אַלע אַנטלאָפן קיין אַמעריקע און וואָלטן געווען מענטשן, גבירים, וואָלטן געווּסט פון אַ לעבן אויף דער וועלט — און אָט האָט איר זיי געראַטעוועט, זענען זיי געבליבן אָרעמע לייט, שלעפּערס, אביונים און האָבן אַ פינצטערן לעבן... טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי אייך אָפּגעבן אַ גוט־שבת ?..

לייבע האָט געזיפצט און געשאָקלט מיטן קאָפּ...

אַז ס'האָט נאָך געקענט מיט זיי פּאַסירן, אַז מ'זאָל די אַלע יידן פאַר־שניידן און פאַרברענען לעבעדיקערהייט אין די קאַלך־אויוונס פון טרעב־לינקע — דאָס איז אַפילו איטשע דעם וויין־שענקער אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן...

## נ י ו ט ע

היינט קענען מיר זיך נישט מער. און ווען מיר טרעפן זיך צופעליק ווערן מיר ביידע פאַרשעמט און באַהאַלטן די אויגן איינער פון אַנדערן. אונדזערע געזיכטער שפּיגלען אָפּ דעם היינט, אָבער אין די אויגן איז נאָך געבליבן אַ זכר פון דער פאַרגאַנגענהייט.

ס'איז געווען, דוכט זיך, גאָרנישט לאַנג. זי, אַ גימנאַזיסטין פון לעצטן קלאַס, פריש, יונג און שיין, מיט אַזויפיל חן אין די אויגן, אַז נישט איין מאַנספאַרשוין איז אין איר פאַרליבט געווען און שיעור פאַר איר פון זינען נישט אַראָפּ. ניוטע! עפּעס אַ קליינינקייט: ניוטע! דאָס גימנאַזיסטישע היטעלע פון דער „מאַריינסקער" גימנאַזיע מיטן „גאָלדענעם" הערב איז קאָקעטיש געזעסן ביי איר אויפן קאָפּ פונקט ווי ביי אַן אַמאַזאָנקע. דער לאַנגער צאָפּ האָט זיך געשלענגלט ביז צו דער טאַליע, אין אַלע אירע באַ־וועגונגען האָט זיך געפילט אַ באַזונדער גאוה — אַ באַוווּסטזיין פון איר פּראַכט, שיינקייט און יוגנט.

— ס'איז אַן אומגליק מיט איר — פלעגט יונגוואַרג טענהן — זי ווייסט, אַז זי איז אַזוי שיין... זעלטן אָבער ווער ס'האָט געוואַגט צו ציען אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט. ניוטע גייט מיט קאָנקעס אויפן גליטש, ניוטע שליטלט זיך, ניוטע טאַנצט אויף אָוונט־בעלער, אָבער נאָר מיט יחידי־סגולה, מיט סטודענטן און גימנאַזיסטן, מיט די גאָלדענע און זילבערנע קנעפּ.

ווען ס'פלעגן אָנקומען די זומער־ און ווינטער־וואַקאַציעס און פון

דער גרויסער שטאָט פלעגן אָנקומען די עטלעכע געציילטע סטודענטן און גימנאַזיסטן מיט ניוטען בתוכם, פלעגט זיך אויף דער שטעטלשער יוגנט אָנרוקן אַ מין כמאַרע. די „באַקנעפּלטע״ יונגעלייט פלעגן זיין ביי אַלעמען אין די אויגן די גליקלעכסטע. די קינדער פון אָרעמקייט, פון „עמך״, פלעגן זיך פילן נידערגעשלאָגן. מיט אַ געפיל פון פאַרדראָס, קנאה, פלעגן זיי קוקן אויף די יחסנים, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה עולה לגדולה ווערן און אָנקומען אין די רעגירונגס מיטעלע־ און הויך־שולן.

— אַ גביר האָט מזל — האָט געטענהט נישט איין פּאָטער. אָט האָט קאַצענעלסאָנס זון אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און אָנגעקומען אין פּאָלי־טעכניקום — און מיין שלימזל, אַז ער האָט שוין יאָ אויסגעהאַלטן אַלע עקזאַמענס, דאַרף ער אויפן לעצטן עקזאַמען פאַרגעסן פּיאַטר דעם גרויסנס „יאַרצייט״ און זיך „סרעזשען״ (אונטערשניידן) אויף היסטאָריע.

ווער רעדט — די גבירישע טעכטער האָבן קיין אַנדערע טעמעס נישט געהאַט: יאשא מיילאַכאָוויטשן קליידט די סטודענטן־היטל, מישא שטיינ־בערגן — דער גימנאַזיסטישער מונדיר, אַבראַשע קאַצענעלסאָן — די מאַסיווע פּאָליטעכניקום עפּאָלעטן. מ׳האָט נאָר געטענהט און געחולמט וועגן מונדירן מיט בלישטשנדיקע קנעפּ.

ניוטע איז געווען די גליקלעכסטע, ווי אַ בלום אַרומגערינגלט דורך בינען. איז זי שטענדיק אַרומגערינגלט דורך שטודירנדיקער יוגנט — וועלכע גייען אויס פאַר איר בליק, ניוטע אָבער איז אַ גרויסע איבערקלייבערין:

— די מאַטעמאַטיקער זענען נישט אינטערעסאַנט — פלעגט זי זאָגן מיט אַן אומשולדיקער מינע — די „אינטעגראַלן״ און די „דיפערענציאַלן״ טרייבן אויף מיר אַן אַן אומעט. די מעדיקער — זענען נאָך צו דער־ליידן; אָבער אַמבעסטן געפעלט איר דאָס לעבן פון דער „וואָיענ־שטשינע״: די קאַדעטן, די יונקערס — דאָס איז אַן אינטערעסאַנט פאָלק, — פלעגט זי אָפּט איבערחזרן מיט התלהבות, צוזינגענדיק דערביי:

„אַך ס׳אַ פאַרגעניגן, אַך ס׳אַ פאַרגעניגן איז צו זיין אַ פרוי פון אַן אָפיציר״.

ס׳האָט זיך געדוכט, אַז סוף־סוף וועט זיך ניוטע שמדן און אַנטלויפן מיט אַן אָפיציר.

*

עס געדענקט זיך אַ באַל. אַ סטודענטן־באַל. דער ריח פון אָדעקאָלאָן און פאַרשידענע פּערפומען מישט זיך צונויף מיט די ווייכע קלאַנגען פון מאַזורקע. איבערן זאַל טראָגן זיך און טאַנצן גלענצנדע פּאָרלעך פון סטר־

דענטן, קורסיסטקעס, גימנאַזיסטן און אָפיצירן אין די שיינע אוניפאָרמען און קלינגענדיקע שפּאָרן. ניוטע איז פּרעכטיק, זי איז די קעניגין פון באַל. ווי אַ וויכטיקע פּאָזיציע גייט זי איבער פון האַנט צו האַנט, נאָר אַמ־לענגסטן טאַנצט זי דאָך מיט אַ יונגן קאַדעט מיט קליינע וואָנצעלעך אויפן ראָזן געזיכט. ניוטע איז מיד פון טאַנצן אָבער גליקלעך און צופרידן מיט זיך. ווער האָט באַקומען אַזוי פיל קאָמפּלימענטן, אַזוי פיל „לופט־בריוו" ווי ניוטע? ווער איז נישט געווען פאַרליבט אין ניוטען און ווער פון אירע חברטעס האָט איר נישט מקנא געווען אין דעם דאָזיקן לעבנס־לוסטיקן אָוונט?!..

היינט קענען מיר זיך נישט מער און ווען איך טרעף איר אַ פּאָר־ווערטלעכע אויף איינע פון די זייטיקע גאַסן פון תל־אביב אַן איינגעבויגענע, אַ צעבראָכענע פון די געטאָס און טויט־לאַגערן טראַכט איך: אַ די פּאָר־שאָלטענע שפּיל פון דער צייט, אַ דער אכזריותדיקער יידישער גורל! עס ווילט זיך מיר אַ פרעג טאָן: ניוטע, ווו איז דיין שטאָלץ, דיין גראַציע, דיין לאַנגער צאָפּ? ווו זענען די זילבערנע און גילדערנע קנעפּ?...

## דער סטודענט זאסלאבסקי

איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין וואַרשע, זיך געגרייט צו די עקזאַמענעס און טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין זוברעווען".

מיטאָגן האָב איך געגעסן אויף קאַרמעליצקע גאַס, אין אַ צווייט־קלאַסיקן רעסטאָראַן, ווו ס'פלעגן אַממערסטן קומען קליינע סוחרים, קרע־מערלעך פון דער פּראָווינץ און שטודירנדע יוגנט פון אונדזערע געגענטן, וועלכע פלעגן האַלטן אין איין קנאַקן רוסיש, און אויף דער פראַגע „פון וואַנען זענט איר?" — פלעגן זיי ענטפערן מיט גאוה — איז ראַסײַי — פון רוסלאַנד. — דאָס האָט געהייסן פון פּרוזשענע אָדער סלאָנים...

דער מיטאָג פלעגט זיך אָנהויבן 2 אַזייגער, נאָר איך פלעג ליב האָבן קומען שטענדיק מיט אַ האַלבע שעה פריער. דאָרט פלעגן מיר טרעפן אַ סטודענט פון יורידישן פאַקולטעט, אַ געוויסן זאַסלאַווסקי. שוין נישט קיין יונגער, אין די דרייסיקער, אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער. פלעגט ביז מיטאָג אויסזינגען אַלע יידישע פאָלקס־לידער, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין גאַנג, באַצויבערנדיק אַלעמען מיט זיין שיינער באַריטאָן שטימע און באַזונדערס די מיידלעך, די קורסיסטקעס פון טראַפּס און שימאַנסקעס שולן, די „זובאדראלקעס", ווי מיר האָבן זיי גערופן. זיי פלעגן קריגן פּאָר־

אים די „ביכפּה", און ווי נאָר ער פלעגט אַריינקומען און זיך באַווייזן אין זיין שפּאָגל־נייעם סטודענטן־מונדיר, פלעגט זיך אָנהויבן אַ סדרה:

— זאַסלאַווסקי — „הייסע בעבעלעך"!

— זאַסלאַווסקי — „אַ געזינד זאַלבע אַכט"!

— זאַסלאַווסקי — „עס שיינט די לבנה"!

און זאַסלאַווסקי פלעגט זיך נישט לאָזן בעטן, זיך פונאַנדערלאָזן מיט זיין סאַמעטענעם באַריטאָן:

גייט אַרום אַ גרויסער בחור
און לערנען קען ער גאָרנישט,
ער גייט אַרום פּוסט און פּאַס
און טוט וואָס מען טאָר נישט.
קראַנק איז ער צו האָרעווען
אַזוי ווי איך און צו שרייען אין דער הויך:
„הייסע בעבעלעך,
יידעלעך, הייס, הייס"...

דערנאָך מאַכנדיק אַן ערנסטע מינע, אַ נעם טון, „אַ געזינד זאַלבע אַכט און בעטן נאָר צווייי, און קומט אָן די נאַכט ווו שלאָפן נאָר זיי". אָדער פאַרזשמורענדיק טרוימעריש די אויגן פלעגט ער זיך האַרציק צעגיסן:

„עס שיינט די לבנה,
עס גלאַנצן די שטערן,
די נאַכט שוועבט
אויף באַרג און אויף טאָל"...

און קומענדיק צו „דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פאַר מיר אָפן, איך לייען און לייען עס טויזנטער מאָל", פלעגט ער זיך פאַרגיין אין השתפכות הנפש מיט דער גאַנצער דבקות פון דער יידישער נשמה.

מיט זאַסלאַווסקען פלעגט אויך מיטקומען צום עסן אַ רוסישער סטודענט, אַ פּאָפּס אַ זון, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען אין וועטערינאַר־אינסטיטוט, אַ טיפּישער סעמינאַריסט, אַ פּאָנקע אין אַ רויטער בלוזע, מיט אַ קאָפּ בלאָנדע האָר אונטערגעשאָרן „פּאָ קאַצאַפּסקי", אַ געזונטער חברה־מאַן, אַ „שלינגער" — איינער ביי גאָט! אַ פּאַרציע געהאַקטע לעבערלעך פלעגט ביי אים סטייען אויף אַ צאָן; אַ קאָטלעט פלעגט ער אַראָפּשלינגען ווי אַ פּיל. איך פלעג זיך שטענדיק וואונדערן אויף אָט דעם „אוהב ישראל", אויף דעם ליבהאָבער פון יידישע מיטאָגן, און בין געווען זיכער, אַז קומענ־

דיק אַהיים נאָכן יידישן מיטאָג, פלעגט ער קוים אָפכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַ פונטל „סוכאָפּאַלסקע־קעלבאַסע"...

— פאַרוואָס עסט איר נישט אין „סלאַוויאַנקע"? — האָב איך אים איין מאָל אַ פרעג געטאָן, ווען אים איז גראָד אויסגעקומען צו זיצן ביים טיש לעבן מיר — דאָרט איז דאָך ביליקער!

— זעט איר — האָט ער מיר געענטפערט — מיר זענען מיט זאַס־לאַווסקין „זעמליאַקעס", פון איין שטאָט, איך בין אין וואַרשע אַ פרעמדער, אַ „נאָוויטשאָק", זאַסלאַווסקי איז נישט געוווינט מיט קריסטלעכע עסנס — עסן מיר צוזאַמען. די יידישע מיטאָגן זענען אויך נישט שלעכט.

איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז צום עסן איז געקומען דער וועטע־רינאַר אַליין. זאַסלאַווסקי איז נישט געקומען. געווען קראַנק. די מיידלעך האָבן געהאַט אַ פאַרשטערטן מיטאָג.

— אָן זאַסלאַווסקין איז אַזוי אומעטיק — האָבן זיי געזיפצט.

— אָן די „הייסע בעבעלעך" האָט דער מיטאָג גאָר קיין טעם נישט! — האָט געפסקנט אַ בריסקער קורסיסטקע, וואָס פלעגט זיך באַזונדערס קלעפּן צו אונדזער יוריסט.

— ווייסט איר וואָס? — האָט זיך אָפּגערופן דער וועטערינאַר — איך וועל היינט פאַרבייטן זאַסלאַווסקין — מסכים?!..

— פּאַזשאַלוסטאַ, פּאַזשאַלוסטאַ — האָבן מיר זיך אַלע אָנגעכאַפּט — מיר בעטן!

און אונדזער פּאַנקע האָט אַ דונער געטאָן מיט זיין „פּסאַלאַמשטשיק"־שטימע: „רעוויעלאַ בורא, גראַם גרעמיעל", אַז מיר זענען אַלע געוואָרן אַנטציקט. ביי דער סענטימענטאַלער פּרוזשענער „רוסלענדערין", אַ שוחטס אַ טאָכטער, זענען געשטאַנען אין די אויגן טרערן פון התפעלות. מיר האָבן אים אַפּלאָדירט, און ער האָט געזונגען נאָך און נאָך וועגן סטענקאַ ראַזין, וועגן קאַזאַטשינאַ און מיטגעריסן אונדז אַלעמען צו דער וואָלגע, צו די ברייטע אומענדלעכע סטעפּן פון רוסלאַנד.

ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק!

— איר האָט געראַטעוועט די לאַגע — האָבן מיר אים געדאַנקט שמייכלענדיק, און מיט אַפּעטיט געגעסן דעם מיטאָג, וואָס די בריסקער מיידל האָט שיעור נישט פאַרמשפּט אַרויסצוואַרפן. מיר האָבן זיך געלאָזן אין חקירות, גענומען אַנאַליזירן דעם געוואַלדיקן כוח פון נגינה.

— אַלץ, וואָס קומט אַרויס פון טיפן האַרצן, מאַכט אַן איינדרוק, — האָבן מיר אַלע מסכים געווען — דער עיקר איז האַרץ, נאָר האַרץ, אמתער

געפיל, נישט קיין געמאַכטער, נישט קיין געקינסטלטער. ווען אַ מענטש לעבט איבער דאָס, וואָס ער זינגט...

— און ביי זאַסלאַווסקין — האָט זיך אָפּגערופן דער וועטערינאַר, פאַררויכערנדיק זיין ליולקע — קומט דאָס אַרויס בעסער, כאָטש די לידער, וואָס ער זינגט, קענען נישט זיין ביי אים פון האַרצן, און די געפילן מוזן זיין אַנדערע...

— וואָס הייסט? — פאַרוואָס, ווי אַזוי!? — האָבן מיר אים פאַרוואונ־דערט אָנגעקוקט — מיר פאַרשטייען נישט!

אָבער באַלד איז אונדז אַלץ געוואָרן קלאָר:

זאַסלאַווסקי איז אַ משומד!

דער זון פון אַ בעלאָצערקאָווער מלמד, דער געוועזענער עילוי, דער עקסטערן זאַסלאַווסקי, האָט זיך נישט לאַנג געשמדט, ווי געוויינלעך, צוליב דעם סטודענטישן מונדיר, צוליב קאַריערע... טאַקע דעם וועטערי־נאַרס פאָטער אַליין, דער פּאָפּ האָט אים געשמדט...

ביים טיש איז געוואָרן אַ בית־עולם־שטימונג: מיר זענען געבליבן זיצן ווי פאַרשעמטע. דאָס בריסקער מיידל האָט געהאַלטן אין איין זופּן וואַסער פון גלאָז. ס'האָט אונדז דורכגענומען אַ טיפער פאַרדראוס, נישט דערפאַר, וואָס אַ קליינמוטיקער קאַריעריסט האָט זיך אָפּגעשמדט. דאָס איז פאַר אונדז גאָר קיין נייעס נישט געווען. נאָר מיר האָבן געפילט, אַז עס איז עפּעס פאַרשוועכט געוואָרן, טאַקע דאָ ביי דעם טיש... — „דאָס אַלטיטשקע ביכעלע" איז געוואָרן פאַרשוועכט...

דער וועטערינאַר האָט זיך דערפילט נישט היימלעך, ס'האָט אים אויך עפּעס גענאָגט...

— צום טייוול! — האָט ער זאָג געטאָן, אויפהויבנדיק זיך — ס'האָט זיך אַזוי שיין אָנגעהויבן און אַזוי מיאוס געענדיקט... צום טייוול! כ'האָב אייך די שטימונג קאַליע געמאַכט.

ער האָט זיך מיט אונדז געזעגנט. מער האָבן מיר זיי נישט געזען.

# אשר דער פאטשטער

איבער די גלאַטע אַספאַלטענע כבישים טראָגן זיך און לויפן מיט אַ ווילדן טעמפּאָ אויטאָמאָבילן. עס הערשט די בענזין, עס קיניגט דער מאָטאָר, זעלטן ווען מען טרעפט אַ פערד־און־וואָגן. און אַז מען טרעפט אים יאָ — דוכט זיך, אַז דאָס איז אַן איבערבלייבעניש פון אַן אַלטער אָפּגעלעבטער פערדישער וועלט, וועלכע איז געווען און נישטאָ. אָבער נאָך מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק — אַז מען פלעגט דערזען דורכפאָרנדיק אַן אויטאָמאָביל, פלעגט מען לויפן אים אָנקוקן ווי אַ בייז וווּנדער. פויערים פלעגן דאָס אָנרופן „טשאָרטאָווא פּכאַיקא״ (טייוול־שטופּער).

אויף די וועגן, שליאַכן און שאָסייען האָבן זיך געצויגן פויערשע פורלעך, עס פלעגן זיך שלעפּן יידישע בעלי־עגלות, פּריצישע קאַרעטעס און אַכט פערד האָבן געשלעפּט איין האַרמאַט. די טרייב־קראַפט איז געווען אַ ביסל האָבער און אַ גוטע בייטש. פון צייט צו צייט פלעגט די לופט דורכשניידן אַ קלאַנג פון אַ גלעקל, צוגעבונדן צום דישל פון אַ פּאָר אָדער דריי פערד, געשפּאַנט אין אַ „פּאָטשטאָווע בריטשקע״ — וועלכער פלעגט אָנזאָגן — דרך־ארץ! דאָס פאָרט נאַטשאַלסטוואָ, פאָרשטייער פון מלכות אין זייערע דינסטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

פאַר די דאָזיקע באַאַמטע פון דער רעגירונג האָבן עקזיסטירט אין יעדן גרעסערן דאָרף, שטאָט און שטעטל, ספּעציעלע פּאָטשטאָווע פּונקטן, וווּ זיי פלעגן זיך אָפּשטעלן און בייטן די פערד אויף פאָרצוזעצן די ווייטערדיקע נסיעה.

אין יידישע שטעט און שטעטלעך זענען די דאָזיקע פּונקטן געווען אין יידישע הענט. עס האָבן עקזיסטירט יידישע פּאָטשטערס, וואָס פלעגן אָננעמען ביי דער „קאַזנא״ דעם פּאַדריאַד פון אויסהאַלטן אַ געוויסע צאָל פערד פאַר דעם פּונקט, און דאָס דאָזיקע געשעפט פלעגט איבערגיין פון קינדער צו קינדס־קינדער.

אויך ביי אונדז אין שטעטל האָט עקזיסטירט אַזאַ פּונקט און געהאַלטן האָט אים פון יאָרן לאַנג אָשר דער פּאָטשטער.

אָשר דער פּאָטשטער. אין דער אמתן איז געווען די גאַנצע פּאָטש־טערקע ליפּטשע, זיין שוואַכע אָבער ענערגישע פרוי; דער גאַנצער עול פון געשעפט איז געלעגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס. זי פלעגט זאָרגן פאַר האָבער, היי און שטרוי; זי פלעגט לויפן איבער די שכנישע פויערישע הויפלעך אַנטלייען אייניעם אָדער אַ פּאָר פערד, ווייל לויטן קאָנטראַקט

האָט מען באַדאַרפט האַלטן 8 פערד, אָבער היות די פרייזן, וואָס קאזנא האָט געצאָלט, זענען געווען זייער נידעריקע — האָט מען געהאַלטן נישט מער ווי 4 פערד. פלעגט מען לויפן לייען 2 פערד בשעת הדחק — און מיט 2 פערד פלעגט מען קאָמבינירן... דאָס הייסט פאַרשרייבן אויף די נעמען פון „אייגענע" אדונים, כדי די צאָל פערד זאָל לויטן בוך שטימען. האָט מען טאָקע געקענט הערן ווי ליפּשע דיקטירט:

— אָשר, פאַרשרייב אויפן צדיק אַ פּאָר פערד!..

— אָשר, דעם „בראָנפעלע" האָסטו שוין לאַנג נישט פאַרשריבן...

אָדער: אָשר! היינט קענסטו פאַרשרייבן דעם בלויען קאָלנער...

„דער צדיק", דאָס איז געווען דער פּאָמאָטשניק־איספּראַווניק קניאַ־זשאַכאָווסקי, אַ גוי פון די חסידי אומות העולם, אַ יידישער גוטער פריינד, וואָס איז געווען אַ פירשט נישט נאָר פון זיין שטאַם, נאָר אויך אַ פירשט אין דער נשמה; ער האָט שטענדיק געוואָלט עמעצן העלפן און טאָן אַ טובה; ער האָט געוווסט פון דעם „סוד" און פלעגט שטענדיק זאָגן ליפּ־טשען: פּישי פּישי דושעטשקאָ, ניע זשאַליי! שרייב, שרייב, נשמה מיינע, זשאַלעווע נישט!..

דער בראָנפעלע" — אַזוי האָט מען גערופן דעם שטייער־אינספּעקטאָר זשדאַנאָוו — אַ הויכער ברונעטער קאַצאַפּ — אַ נישט־געזעצלעכער זון פון אַ הויף־פריילין אין פּעטערבורג, וועלכן מ׳האָט פאַרוואָרפן אין דער פּראָ־ווינץ. ער פלעגט קומען איין מאָל אין יאָר רעווידירן די פּאַטענטן — דאָס הייסט אָפּנעמען די פּאָר גילדן, וואָס די קרעמער פלעגן פאַר זיינעטוועגן אויפקלייבן, אויסטרינקען אַ פלאַש בראָנפן אָן צוביסעכץ און אַוועקפאָרן בשלום.

דער „בלויער קאָלנער" — דאָס האָט מען געמיינט דעם אויעזדנעם זשאַנדאַרם, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען אַ שמעק־טאָן אין שטעטל „פּאָליטיש", צי מ׳גראָבט נישט אונטער ניקאָלייס טראָן, צי דער פּוילישער גלח דרשנט נישט „עפּעס" אין דער קירכע, צי בחורים אין בלויע בלוזעס פאַרקלייבן זיך נישט אַמאָל שבת ביי טאָג אויף אַ געהיימע פאַרזאַמלונג אין באַנעטן וועלדל, צי ס׳פאַרבלאָנדזשעט נישט אַמאָל אין שטעטל אַ ביכל אָן אַ „דאָזוואָליענאָ צענזוראָי". אויסער דעם אַלעם האָט אים קיין זאַך נישט אינטערעסירט; האָט מען זיך געמעגט קיילעכען אין מיטן גאַס — פלעגט ער זאָגן, דאָס איז נישט מיין זאַך, דאָס איז די זאַך פון דער עפּנט־לעכער פּאָליציי. זאָלן זיי האָבן מיט דעם צו טאָן. ער איז אין דער נאַטור געווען נישט קיין שלעכטער און נישט קיין נאַרישער גוי. אַז ער פלעגט

דורכפאָרן דורכן שטעטל און פלעגט קומען בייטן די פערד — פלעגט שוין ליפּטשע מאַכן פאַר אים אַ פּיינקוכן אויף אַכט אייער און אָנגיסן אַ גלאָז ווישניאַק פון גרויסן גאַנשער און ער איז געווען דער בעסטער גוטער פריינד. אגב, אַז ער פלעגט נעמען דאָס בוך, כדי פאַרשרייבן זיינע פערד און לויט זיין זשאַנדאַרמערסקן חוש אַ בלעטער געטאָן אויף צוריק — זען ווער ס׳איז דורכגעפאָרן פאַר דער צייט — און אַז ער פלעגט באַמערקן זיין נאָמען זייער אָפט פאַרשריבן, פלעגט ער אַ קוועטש טאָן מיט די פּליי־צעס און זאָגן: טשאָרט יעוואָ זנאַיעט, ביי מיר איז פּונקט ווי מיט יענער חייקען אויפן וואָקזאַל: גאָטס ניסים, איך זיץ און איך פאָר!..

נאָר אויב ליפּטשע איז די אשת־חיל און די פּירערקע פון געשעפט, איז אָשר דער רעפּרעזענטאַנט, דער פאַרשטייער כלפּי חוץ. אַז ס׳פאָרט צו צום גאַנעק פון זיין הויז אַ באַאַמטער מיט אַ פּאָר פערד, גייט אַרויס אָשר מקבל פּנים זיין דעם גאַסט און גיט אָפּ כבוד, יעדן איינעם לויט זיין ראַנגע.

איין מאָל איז צו דער שטוב צוגעפאָרן אַ יונגער באַאַמטער, אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער און נישט באַוויזן נאָך אַראָפּגיין פון בריטשקע ווי ער האָט שטרענג אַ געשריי־געטאָן:

— פערד, די מינוט פערד דערלאַנגען!..

אָשר איז לויט זיין געוווינהייט אַרויס צום גאַסט, צוגעלייגט די האַנט צום „קאָזיראָק" און אַריינגעבעטן אים אין וואַרטע־צימער.

— וואָס גריסטו מיר אויפן מיליטערישן אופן, דו ווייסט, אַז איך בין דער געריכטס־אויספאָרשער?

אָשר איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— ערשטנס, אויב דו ביזט אַ געריכטס־אויספאָרשער, זאָלן פאַר דיר מורא האָבן גנבים, אונטערצינדערס און פאַלשע געלט־מאַכערס, און צווייטנס בעט איך דיר נישט זאָגן מיר „דו", ווייל מיין טאַטע האָט מיט דיין טאַטן קיין חזירים נישט געפּאַשעט. פאַרשטאַנען? אויב דו גלויבסט מיר נישט קען איך דיר דאָס אונטערשרייבן!..

דער „סלעדאָוואַטיעל" האָט זיך גלייך צוריקגעצויגן: — כ׳אַנטשול־דיק זיך, כ׳האָב נישט געוווּסט אַז דו ביסט אַזאַ „ביסטרער".

מיט נייע אָדער צופעליק דורכפאָרנדיקע באַאַמטע, וועלכע קענען נישט אָשרן מיט זיין נאַטור און רירן אים אָן זיין כבוד, קומט אָפט צו אַזעלכע צוזאַמענשטויסן און אַפילו סקאַנדאַלן. ס׳העלפט נישט ליפּטשעס אַריינמישן זיך: גזלן, רוצח, וואָס האָסטו צו מיינע יאָרן, וואָס פאַראַ גע־

שעפּטן מאַכסטו מיט יעדן עשו? אָשר וועט אָבער זיינס נישט דורכלאָזן, דאָס נישט.

— וואָס זאָגסטו — ס'אַרא פאַן־באַראָן האָט זיך דאָ אַראָפּגעיאָוועט, וואָס מיינסטו בין איך דיר עפּעס אַ חיים אָדער אַ שמואליק? אפשר בוקן זיך פאַר דיר? זינגען דיר מה־יפית? אַז איך וועל דיר אַ זינג טאָן מה־יפית, וועסטו גיין צופוס און נישט פאָרן אויף „קאַזיאָנע" פערד. כ'האָב שוין אַ סך אַזעלכע פּריצים געשטעלט אויף די פיס!.. סמאָטרי, בערעגיס פּאַיעזדאַ — זע היט זיך פאַר דער אייזנבאַן!..

אָשר איז ביי זיך שטאַרק תקיף און פעסט, ער האָט ברייטע פּלייצעס אין גובערניע, פאָרט אַן אַלטער „סלוזשאַקע", וואָס דינט קייסער און פאָ־טערלאַנד שוין 25 יאָר. ווען אָשר פאָרט אַהין פירט ער אויך אַ גרויסן לע־בעדיקן העכט פאַר דעם דירעקטאָר פון גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע און אַ גרויסן סלאָי גענדזן שמאַלץ פאַר דעם פּראָקוראָרס ווייב. ס'מאַכט נישט אויס, מ'טרייבט אים נישט אַרויס דערפאַר. און אַ מאָל קומט עס אויך צונוץ...

בדרך כלל איז אָשר מיט דער אַלטער „נאַטשאַלסטוואָ" פון „אויעזד" שטאַרק אויפגעלעבט און באַפריינדעט. מ'טיטולירט איינע די אַנדערע: אָסקאַר אליאשעוויטש, איוואַן איוואַנאָוויטש, אַלעקסיי פּעטראָוויטש. די פריינדשאַפט איז אַן אמתע, אַן איינגעפונדעוועטע, בפרט אַז ליפּטשעס מאַרינאַט און געפּעפּערטע פיש זענען ביי זיי שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן, און ס'טרעפט קיינמאָל נישט, אַז זיי זאָלן אַוועקפאָרן פון איר מיט אַליידיקן מאָגן. אויך ווען אָשר קומט אין שטאָט איז ער זייער גאַסט, ברענגט אַ מתנה פאַר זייערע קינדער, וועלכע ער קען יעדן איינעם מיט די נעמען. און אויך זיי, די קינדער, אַז דערזעען אָשרן, לויפן זיי מיט אַ שמחה אָנזאָגן: מאַמאַ — דיאַדיאַ אָשר פּריעכאַל — מאַמע, דער פעטער אָשר איז געקומען...

נאָר איין מאָל האָט מיט אָשרן פּאַסירט אַ צופאַל, וואָס ער קען דאָס נישט פאַרגעסן, און וואָס האָט אויף אים געמאַכט גאָר אַ באַזונדערן איינדרוק.

ס'איז געווען אַקוראַט פּסחא־צייט — די צייט פון קריסטלעכן פּסח — האָט אים אָנגעטראָפן דער סעקרעטאַר פון דער פּאָליציי און צוגעשטאַנען צו אים ער זאָל אַריינגיין צום אים נעמען „אַ ביסעלע".

מ'האָט גלייך דערלאַנגט צום טיש קעז און פּוטער, אייער און האָניק און אַ גאַנצע פלאַש זיבן־און־פּופציקער און מ'האָט אָנגעהויבן צו נעמען אין מויל: „דאַי באָזשע, איוואַן איוואַנאָוויטש"; „נאַ זדאָראָוויע, אָסקאַר

אַליאַשאָוויטש", „גיב גאָט, איוואַן איוואַנאָוויטש, צו געזונט אָסקאַר אַליאַ־שאָוויטש"...

נאָך דער פּערטער כוסה, ווען די אייגעלעך ביי איוואַן איוואַנאָוויטש האָבן שוין געגלאַנצט, רופט ער זיך אָפּ צו אָשרן: — נו, אָסקאַר אַליאַ־שאָוויטש, זאָג מיר, איך בעט דיר נאָר איין זאַך, דערקלער מיר נאָר איין זאַך: פאַרוואָס האָט איר געהרגעט אונדזער גאָט? וואָס האָט איר געהאַט צו אונדזער כריסטאָס? אָשר איז געוואָרן לכתחילה בלאָס, ווי צעמישט פון דער שאלה, ער האָט זיך אָבער גלייך געפונען און געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— יעי באָגו, איוואַן איוואַנאָוויטש, דאָס האָבן נישט מיר געטאָן, דאָס האָבן די פאַרזאָווער* יידעלעך געמאַכט...

ביידע האָבן שטאַרק געלאַכט פון דעם דאָזיקן ענטפער. די תשובה האָט ביידן הנאה געטאָן, אָבער פון דעם פאַל אָן האָט אָשר פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צו מאַכן וויזיטן ביי זיינע גוישע פריינד. און אַז עמעצער פלעגט אים איינלאַדן אויף אַ שמחה, פלעגט ער זיך אויסדרייען פון דעם:

— איך צו זיי אויף שמחות, זיי צו מיר אויף קוליעס...

אַ גוי בלייבט אַ גוי — פלעגט ער זאָגן, און מער צו זיי נישט געגאַנגען.

## דער „רבי" פון „חברה יושר"

אויפן מיטל־פונקט פון פּאָטשטאָוון טראַקט, צווישן באַראַנאָוויטש און ביאַליסטאָק, ליגט דאָס שטעטעלע אמסטיבאָווע. דאָס גאַנצע שטעטעלע איז באַשטאַנען פון איין איינציקער גאַס מיט אַ פּאָר זייטיקע געסלעך און האָט פאַרמאָגט בסך הכל זעכציק יידישע פאַמיליעס. דאָס שטעטעלע איז אָבער באַרימט, ראשית מיט איר כסא־הרבנות, אויף וועלכן ס'זענען פון אייביקע יאָרן געזעסן גרויסע גאונים און גדולי התורה, און צווייטנס מיט איר „סקאָזקע" — מיט דעם גרויסן צאָל נכתבים — צוגעשריבענע, וועלכע זענען געווען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע און געקומען אין שטעטל נאָר אויף שטיין צום פּריזיוו אָדער אַרויסצונעמען אַ פּאַס.

פינף דיקע בענדער מיט שמות אנשים האָט פאַרמאָגט די אַמסטי־

---

* אַ נאָענט שטעטעלע.

באַוּוער „סקאַזקע״ — און אַז אין גראָדנע איז אָנגעקומען אַלס גובערנאַטאָר דער פירשט אורוסאָוו און האָט זיך באַקאַנט מיט די סטאַטיסטישע ציפערן פון דער באַפעלקערונג פון יעדער שטאָט און שטעטל, האָט ער זיך פאַרוואונדערט פאַרוואָס די גובערניע געפינט זיך אין גראָדנע און נישט אין אַמסטיבאַווע...

צווישן די צוגעשריבענע האָבן זיך געפונען אַזעלכע ענמען ווי נאַחע העלער, אַ באַרימטער וואַלד־סוחר, וואָס אויף אים פלעגט מען זאָגן, אַז ווען מען שרייבט אָן אַ בריוו „נאַחע העלער, אייראָפּע״, קומט אָן דער בריוו אין זיינע הענט; ר׳ דוד פיינזילבער, דער פּאָדריאַטשיק פון בריסקער פעסטונג, אַן אַריסטאָקראַט און תלמיד־חכם; עקיבא רובינשטיין, דער באַרימטער שאַכמאַטיסט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳האָבן אויך נישט געפעלט צווישן די צוגעשריבענע פאַרשידענע שלעק, קבצנים, לצים און גרויסשטאָטישע עזות־פּנימער וואָס אַז זיי פלעגן קומען, פלעגט מען קוים פון זיי פּטור ווערן, קוים דערלעבן צו זען די פּלייצע פון זיי.

ווער געדענקט עס נישט דעם אָדעסער שוסטער? זעקס זין האָט ער געהאַט און אַלע יאָר פלעגט ער ברענגען איינעם פון זיי צום פּריזיוו. מיט אַ האַלב יאָר פריער פלעגט ער שוין אַראָפּקומען אין שטעטל און אָנהויבן דערגיין די קהלס־לייט די יאָרן, נישט לאָזן לייענען שבת אין ספר, סטראַשען מיט מסרן, אויפווייזן די פאַלשע „ליגאָטעס״, איבערקערן די „סקאַזקע״, שמידן אין קייטן און פאַרשיקן קיין סיביר. און אינמיטן נאַכט אַז ס׳פלעגט זיך אים פאַרוועלן עסן, פלעגט ער אַרויסלויפן אויף דער גאַס און שרייען מיט מסוכנע קולות „געוואַלד — פאָזשאַר״! און אַז מ׳פלעגט זיך אויפלויפן איבערגעשראָקענע פון גאַנצן שטעטל, פלעגט ער שרייען: רוצחים, אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין! איך פיר מיינע זין צו דער עקידה און דאַרף אָפּקומען מיט אַ ביסל גרעטשענע גרויפּן און קאַרטאָפל מיט זוער־מילך און לייגן זיך שלאָפן אָן וועטשערע?

אַזוי האָט זיך אויך געפונען צווישן די צוגעשריבענע אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יעקב בער חיימאָוויטש, אַ בן־הרב, וועלכער איז נישט פאַר קיין יידן־געדאַכט אַראָפּ פון דרך הישר און איז געוואָרן אַ גנב. יעדעס יאָר און אָפט מאָל אַ פּאָר מאָל אין יאָר, פלעגט מען אים אַראָפּברענגען אין שטעטל מיטן עטאַפּ, אויף „איינצובירגערן״ אין אָבשטשעסטוואָ, נאָכדעם ווי ער פלעגט אָפּזיצן פאַרשידענע טערמינען פאַר גנבות.

דער רב פלעגט אים שטענדיק מוסרן און אייַנטענהן מיט אים: געוואַלד, יעקב־בערל, ווי פּאַסט עס פאַר דיר? דו שטאַמסט דאָך פון אַזאַ

שיינעם טאַטן, פאַרוואָס זאָלסטו אים מקצר ימים זיין? נעם זיך צו דיין פּאַר (ער איז געווען אַ זייגער־מאַכער) וועסט טאָן אַ שידוך און זיין גליין מיט אַלעמען!..

— רבי, נאַט אייך אַ האַנט אויף מיין חלק עולם הבא מער טו איך דאָס נישט. אויס! זאָל עס ברענען מיט אַ פייער, גענוג... — פלעגט ער אַוועק־גיין אין בית מדרש, פאַרריכטן דעם וואַנט־זייגער, וואָס איז שטענדיק געווען קאַליע, פלעגט באַקומען עטלעכע גילדן אויף דער הוצאה און פאַרשווינדן...

אין אַ יאָר אַרום — ער איז ווידער דאָ מיט אַ פּאָר אונטערפּירערס ביי די זייטן. און אַזוי יאָר איין, יאָר אויס — ביז...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אין „אופּראַווע" אָנגעקומען אַ פּאַפּיר בזה הלשון: „דעם בירגער יעקב בער בר' ישראל חיימאָוויטש אויסשליסן פון די רשימות פון דער יידישער קהלה, ווייל ער האָט אָנגענומען די היי־ליקע פּראַוואָסלאַוויע און באַקומען ביים טויפן דעם נאָמען וואַסילי איוואַ־נאָוויטש חיימאָוויטש"...

אין שטעטל איז געווען חורבן, אַזאַ ווייטיק! ביז אים זענען נאָך אין שטעטל קיין משומדים נישט געווען, ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פורץ גדר געווען.

„אַ יונגאַטש קען, האָט מען גערעדט, אָפּגעטאָן אַלע פּאַדלאָסטן אין דער וועלט און דערנאָך געגומען און זיך נאָך געשמדט אויך!"

פאַרפאַלן. מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פון אים פטור, אָבער ווו? עס גייט איבער אַ שטיקל צייט און עס באַקומט זיך אַ פאָדערונג פון איין אויספאָרשונגס־ריכטער און פון אַ צווייטן, מען זאָל זיי צוווישן געבן וועגן דער „גוטער אויפפירונג" פון דעם נכתב יעקב בער בר' ישראל חיימאָוויטש, וועלכער ווערט באַשולדיקט פאַר אַ גניבה מיט אַן איינברוך...

וואָס וויזט זיך אַרויס? דער ניי־געבוירענער „בעל־תשובה" האָט געביטן די אמונה, אָבער די „פּרנסה" האָט ער גאָר נישט אין זינען צו בייטן, ער גנבעט ווייטער. נאָר אַז ער פאַלט אַריין גיט ער אַן דעם יידישן נאָמען, דעם נייעם נאָמען וואַסילי איוואַנאָוויטש וויל ער נישט „מאַראַיען", וויל ער ניט פאַרפלעקן.

פאַרדריסט עס דעם עולם. אויף אַזאַ חוצפה האָט מען זיך אַפילו פון אַזאַ אויסוואָרף אויך נישט געריכט. אָבער קהל איז נישט קיין פחדן און האָט גלייך אָפּגעענטפערט, אַז יעקב בער בר' ישראל חיימאָוויטש איז אויסגעשלאָסן פון דער רשימה פון דער יידישער קהילה, ווייל ער האָט

אָנגענומען די הייליקע פּראַוואָסלאַוויע, און ער הייסט היינט וואַסילי איוואַנאָוויטש חיימאָוויטש.

אַז דער בעל־דבר האָט זיך דערוווּסט פון דער תשובה, האָט ער גע־קערט די וועלט, געסטראַשעט זיך נוקם זיין אין שטעטל, באַווייזן וואָס ער קען, מאַכן אַ הבדלה איבער איר, אָבער קהל איז נישט נתפּעל געוואָרן און געטאָן זיינס. איין מאָל אַ פרייטיק־צו־נאַכט, ווען דער עולם איז שוין געשלאָפן, האָט מען דערהערט ווי פון דער זייט פון בית־מדרש האָט זיך האַסטיק דורכגעטראָגן אַ פור מיט אַ פּאָר פערד. קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זאָל עס באַדייטן, נאָר אויף מאָרגן, שבת אין דער פרי אין מיטן דאַווענען, איז די זאַך קלאָר געוואָרן: אַז עס איז געקומען צו „ויהי בנסוע הארון” און דער בעל־תפילה איז אַרויף צום אָרון קודש, אַרויסנעמען די ספר תורה, איז ער געבליבן שטיין — דער אָרון קודש איז געווען פוסט. ביי נאַכט האָט מען אַרויסגעגנבעט ביז איין ספר־תורה.

גלייך נאָך הבדלה, האָט מען געשפּאַנט אַ פּאָר פערד, דריי חשובע בעלי־בתים מיט דעם שטרענגן ר׳ מאָטיע ליפשיץ דעם גבאי, האָבן זיך אַוועקגעלאָזן אין שטאָט אַריין, צו ר׳ אלתרקע דעם רבין פון די גנבים. אַלע גנבות, וואָס פלעגן פאָרקומען אין דער געגנט פלעגן דורכגיין דורך זיין האַנט און קיין פאַרבאָרגענע זאַך איז פאַר אים נישט געווען. אַריינ־קומענדיק צו אים אין שטוב, האָבן אונדזערע שליחי־ציבור געטראָפן דעם „רבין” זיצנדיק בריייטלעך אין אַ ווייסן טלית־קטן ביים טיש, פּראַוועודיק מלווה־מלכה מיט זיין קאָמפּאַניע „חברה יושר”. מען האָט שטאַרק געגומען אין מויל אַריין, פאַרבייסנדיק פון אַ שיסל מיט פרישע גריבענעס.

— אָ־וואָ! האָט ר׳ אלתרקע זיך דערפרייט, דערזעענדיק די דעלע־גאַציע — אָ, סאַראַ חשובע געסט, אָן עין הרע! דער גאַנצער אַמסטיבאָוועער קהל איז דאָך דאָ! מאַלעטשקע, דערלאַנג אַ בענקל! וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס אויף אַ פּולע וואָך?

— וואָס פאַר אַ גוטס וועלן מיר זאָגן — האָט ר׳ מאָטיע אַ זעץ געטאָן מיטן שטעקן און זיך צעבייזערט — גאָר קיין גוטס נישט, פּושעי ישראל! ווו זענען אונדזערע הייליקע ספרי־תורות?

— ר׳ מאָטיע — האָט זיך דער „רבי” אָנגעצונדן — וואָס זייט איר אַזוי ראָסטראָיעט? מען האָט ביי אייך דאָס ווייב צוגעגנבעט?..

— די ספרי־תורות זאָלן אונדז זיין! מיר וועלן גיין אין בלוט, פּושע ישראל! די ספרי־תורות זאָלן זיין!

— איך, אַ פּושע ישראל?! — האָט זיך אַ שטעל געטאָן ר׳ אלתרקע,

אַ בלאַסער און אַ צעקאָכטער — איך אַן אַלטער קאַטאַרזשאַן, וואָס האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע טורמעס און געהיט יידישקייט. איך, וואָס כ'בין פופצן יאָר געווען אַ בעל־קריאה, אַ בעל־תפילה און אַ בעל־תקיעה אין דער גרויסער ניערטשענסקער קאַטאָרזשנער טורמע, איך בין אַ פושע ישראל?! איך?! איך האָב נישט פאַר אייך קיין ספר־תורות, גייט צו אייער תנא־ברא, צו ר' וואַסילן, זאָל ער אייך געבן ספר־תורות, מיר גנבענען נישט קיין ספר־תורות. עס פעלט נאָך נישט קיין פערד אויף צו גנבענען פאַר אונדז, ברוך השם! די פערדישע מאַמע איז נאָך נישט געפגרט...

מיט גרויס מי האָט מען באַרואיקט דעם „רבין", דער בייזער ר' מאָטיע האָט זיך געבעטן ביי אים מיט טרערן, בראַטוניו, האָב רחמנות...

דער סוף איז געווען, אַז די צדדים האָבן זיך פאַרגלייכט, „חברה יושר" האָט געקריגן 25 רובל פאַר וואַסילן, מען האָט געטרונקען לחיים און דער „רבי" האָט געזאָגט: גייט געזונטערהייט און דער אויבערשטער וועט העלפן.

אויף מאָרגן אין דער פרי, אַז מען איז געקומען אין בית־מדרש האָט מען שוין געפונען די ספר־תורות אויף זייער שטענדיקן פלאַץ אין אָרון קודש.

## דער לעצטער פון די מאגנאטן

דער גראַף סטעפאַן פאָטאָצקי — דער באַזיצער פון מאיאראט „פאָדראס" איז געווען איינער פון די באַרימטסטע פריצים אין דער גאַנצער געגנט. זיין שלאָס, זיין פראַכטפולער פאַרק, זיינע פאַלאַצן האָבן געשמט איבער גאַנץ פוילן און ווייסרוסלאַנד. און דאָך האָט די מוטער זיינע, די אַלטע גרעפין פאָטאָצקי, נישט אויפגעהערט צו באַדויערן און באַקלאָגן אים:

— מיין אָרעמער סטעפאַנעק — מאָי בידני סטעפאַנעק!..

די אַנדערע זין אירע האָבן פאַרמאָגט צו 300, צו 400 הויפן — און ער נעבעך, איר מוזיניק, האָט מער נישט פאַרמאָגט ווי 163 מאַיאָנטקעס.

דער גראַף סטעפאַן פאָטאָצקי איז געווען אַן אַלטער בחור, קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, ער האָט פיינט געהאַט פרויען. ער האָט זיי פיינט געהאַט בתכלית השנאה. זייער „דוך" נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און טאָמער האָט פאַסירט — אַ פרוי איז דורכגעגאַנגען זיינע פאָקאָיעס — האָט ער

געהייסן וואַשן און רייבן די פּאָדלאָגעס מיט הייסע, זודיקע וואַסער. ער האָט אויך נישט געקענט פאַרטראָגן צווישן זיינע אַדעליקע פריינט קיין דאַן־זשואַנען: „אָט די נואפים — פלעגט ער זאָגן — האָבן געטרונקען ווײַן פון די טופּלעס פון זייערע געליבטע און פאַרשפּילט פוילן״.

דער גראַף איז געווען אַ קאַרגער און אַן אויסגערעכנטער, אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַן אַנטיק פון דער פּוילישער געשיכטע האָט ביי אים קיין געלט שום ראָל נישט געשפּילט. ער איז געווען גרייט אָוועקצוגעבן אַ פאַרמעגנס פאַר אַ ציביק — פאַר אַ טאַבאַק־שקעטעלע פון אַ פּוילישן קעניג, פאַר אַ פּאָדקאָווע פון אַ קעניגלעכן רייט־פערד, פאַר אַ ראָד פון אַ קעניגלעכע קאַרעטע.

האָט איין מאָל פּאַסירט, ער איז געפאָרן פון יאַגד און אַריין אין אַ זומפּ און נישט געקענט בשום אופן אַרויסקריכן. אַלע באַמיאונגען פון זיינע מענטשן און סוויטע האָבן נישט געהאָלפן. ער איז געזעסן אין זיין קאַרעטע און איז געזונקען מיט זיינע פערד אין דער פאַר־פּסחדיקער בלאָטע. האָט גאָט געהאָלפן, עס איז אָנגעפאָרן אלתר דעם רבס — דער וואָלפער בעל־עגלה (זיין טאַטע איז געווען אַ רב און ער אַ בעל־עגלה), אַ ייד אַ גבר פון די „רייפיקע יידן״. ער האָט אַ נעם געטאָן דעם גראַף ווי אַ קינד און אַרויסגעטראָגן אים און דערנאָך אַרויסגעשלעפּט די קאָטש פון „טינטער״. אַ גליקלעכער האָט דער גראַף אים געהייסן קומען מאָרגן אין הויף צו באַפרידיקן אים. אַז אלתר איז אויף מאָרגן דערשינען אין פּאַלאַץ, האָט דער גראַף צו אים געזאָגט:

— נו, פּאָדראַבינעק (בן הרב), איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט און געטראַכט ווי דיר צו באַלוינען פאַר דיין גבורה און העלדישקייט, און זיך דערטראַכט אַ זאַך פאַר דיר, וואָס דו וועסט מיר דאַנקען דעם גאַנצן לעבן פאַר אַזאַ מתנה!

ער איז צוגעגאַנגען צו דער אייזערנער שאַנק, אויפגעשלאָסן אים און אַרויסגענומען אַ סאַמעטענע פּושקעלע און דערלאַנגט אלתרן:

— זע פּאָדראַבינעק, אָט דאָ האָסטו אַ בלאָנדן פּרעכטיקן וואָנס פון דעם באַרימטן קעניק יאַן סאָביעסקי!.. דיר האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט געחלומט אַזאַ גליק, איך גראַטוליר דיר אין נאָמען פון דער גראַפן־פאַמיליע פּאָטאָצקי!..

— ליכטיקער גראַף — האָט זיך אלתר אַ קראַץ געטאָן אין פּאה — איך וויל בעסער אַ קלאַפּטער האָלץ!

— דורען יעסטעשׂ! — האָט זיך דער גראַף צעבייזערט — פאַר־

וואַלטער, גיב אים צען קלאַפּטער האָלץ און באַפריי אים פון צינזש אויפן גאַנצן לעבן.

דער גראַף איז געווען אַ גרויסער פּאַטריאָט. אין אים האָט געצאַפּלט דער גייסט פון פּוילישן אויפשטאַנד און ער האָט נישט פאַרמיטן ביי יעדער געלעגנהייט אויסצודריקן זיין שנאה צו די מאָסקאַלן. צו זיין פאַרוואַלטער פאַטשאַבוט־אַדעלניצקי ווען יענער פלעגט פאָרן אין וואַרשע פלעגט ער שטענדיק זאָגן: זע פאַרגעס נישט זיין אויפן פּאַסקיעוויטש־פּלאַץ און אויס־שפּייען אויפן דענקמאָל פון דעם פאַררעטער! (גראַף פּאַסקיעוויטש, אַ פּוי־לישער גענעראַל, וואָס האָט פאַרראַטן פּוילן. די רוסן האָבן אים געשטעלט אַ דענקמאָל און די פּאָליאַקן ווידער האָבן זיך נוהג געווען פאַרבייגייענדיק אים, אויסצושפּייען).

ווען עס האָט זיך געבויט די אייזן־באַן־ליניע, וועלכע איז פאַרבייגע־גאַנגען דורך דעם יידישן שטעטל ראַש, האָט מען אויסגעבויט אַ סטאַנציע מיט אַ וואָקזאַל, אָבער אַ נאָמען האָט מען געגעבן דער סטאַנציע נישט אויפן נאָמען פון שטעטל, נאָר אויפן נאָמען פון הויף „פּאָדראָס״. צו דער דער־עפענונג פון דער סטאַנציע האָט מען דעם וואָקזאַל אויסגעפּוצט מיט רוסישע נאַציאָנאַלע פענער און עמבלעמען, און מען האָט אויך איינגעלאַדן דעם גראַף. ער האָט אָבער די איינלאַדונג נישט אָנגענומען. איך קען לייענען „פּאָדראָס״ נאָר אויף פּויליש, האָט ער געענטפערט. און אויב איך וועל דער־לעבן אַז אויפן וואָקזאַל וועט פלאַטערן די פּוילישע פאָן, וועל איך דעמאָלט קומען.

יעדעס יאָר פלעגט דער גראַף אַריינשיקן אין שטעטל אַ צעטל אויף מעות־חיטין אויף פסח, קאַרטאָפל — אויף סוכות און האָלץ — חנוכה־צייט; ער האָט געהאַלטן די יידן פון שטעטל פאַר אָרעמע־לייט, אויסער יאַנקל לאַמיזדע דעם אנוטשניק וואָס פלעגט קלייבן שמאַטעס אין די דערפער. אויף אים האָט ער זיך איינגעבילדעט אַז ער איז אַ גרויסער גביר און פלעגט שטענדיק טענהן:

— ער איז דאָך אַ קרעז (אַ גרויסער גביר, אַן עושר), ביי אים אויפן בוידעם וואַלגערט זיך דאָך גאָלד, ער איז רייכער פון מיר, ער דאַרף מיר שיקן מעות־חיטין!..

ווען דער גראַף איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר איז געגאַנגען פון שטעטל אַ דעלעגאַציע באַגריסן אים: דער אַלטער רב, דער ראש הקהל און דער גבאי פון שול, אַז מען האָט געמאָלדן דעם גראַף, אַז עס איז געקומען

אַ יידישע דעלעגאַציע, האָט ער געהייסן זיי איינלאַדן אין אויפנאַמע־זאַל און אַרויסגעגאַנגען זיי מקבל־פּנים זיין.

— ברענג אַן אַלטע פלאַש ווין — האָט ער באַפוילן דעם דינער זייבעם.

דער דינער האָט גלייך אַרויפגעבראַכט פון קעלער אַ הונדערט־יאָריקע פלאַש ווין אויף אַ גילדענער טאַץ מיט גילדענע בעכער.

מען האָט אָנגעגאָסן די בעכער און מען האָט געוווּנטשן דעם גראַף אַריכות־ימים. ר' לייב דער ראש הקהל האָט פאַרקאַשערט די וואָנצעס און האָט אַראָפּגעשלונגען דעם ווונדערבאַרן ווין, דאָס זעלבע דער גבאי פון שול ר' מרדכי־אריה, וואָס איז געווען אַ ייד נישט קיין טרוס, און נאָר דער אַלטער רב, נעבעך, האָט פאַמעלעך פאַמעלעך געגאָסן דעם יין נסך אין באָרד אַריין... וואָס האָט ער נעבעך געזאָלט טאָן?

אויף מאָרגן איז אין דער קהילה אָנגעקומען אַ דאַנק־בריוו מיט אַ גרויסע מתנה פאַר די אָרעמע־לייט אין שטעטל. פון בריוו האָט אַרויסגע־שיינט דער אונטערשריפט פון גראַף סטעפאַן פאָטאָצקי מיט דער הערב־שטאַם פון דער גראַפן־פאַמיליע — אַ פאַרצווייגטער בוים מיט איין צווייג אָן אָפּגעבראָכענעם, וואָס האָט סימבאָליזירט דעם גר־צדק, איינער פון די פאָטאָצקיס, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען צום יידנטום און איז לויט דער לע־גענדע אומגעקומען אויף קידוש־השם.

## דער הייליקער טאדרעס

אין אַ בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון מיין אַלטן גוטן־פריינד, מאַטוויי סאָקאָלאָווסקי, שרייבט ער מיר:

„אין אמסטיבאָווע איז קיין ייד נישט פאַרבליבן. אַלעמען האָבן זיי די חיות, די דייטשן, פריער אָוועקגעטריבן אין וואָלקאָוויסק, אין אַ לאַגער, ווו מען האָט צוזאַמען געטריבן אַלע יידן פון גאַנצן קרייז, און דאָרט זיי גע־פייניקט צוויי מאָנאַטן, און פון דאָרט אָפּגעטראַנספּאָרטירט זיי אין די „דושעגובקעס" קיין טרעבלינקע. ביים היינטיקן טאָג געפינט זיך אין שטעטל נאָר דער הייליקער טאָדרעס, וועלכער האָט זיך אַריינגעצויגן פון דאָרף אין שטעטל אַריין, און זיך אַריינגעקליבן אין רבס שטוב, וועלכע איז געבליבן גאַנץ און נישט גערירט..."

ווער איז דער הייליקער טאָדרעס, וואָס פאַר אַ הייליקער טאָדרעס?

אויפן שול־הויף, נעבן דעם איינציקן בית־מדרש אין שטעטל שטייט דער בית הרב, דאָרט וווינט פון אַלע יאָרן דער אַלטער רב פון שטעטל, וואָס זיצט טאָג און נאַכט, פאַרטיפט אין זיינע ירושלמיס, חושן־משפט און רמב״ם... און נעבן בית־הרב שטייט אַן איינגעפאַלן הילצערן שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, מיט פענצטער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס — דאָרט וווינט אַ פאַמיליע פון דאָרפישע שניידער — אַ טאַטע מיט פיר זין, וועלכע גייען איבער די דערפער, נייען סערמיקעס ביי די פויערים, זיי וואַלגערן זיך אַרום אין דאָרף אַ גאַנצע וואָך און קומען אַהיים נאָר אויף שבת. פון די דערפער ברענגען זיי אויף די פּלייצעס אַ ביסל קאָרן, אַ ביסל אַרבעס, לינדזן, און אַ מאָל אויף אַ פורל אַ פּאָר זעקלעך קאַרטאָפל. דער דלות איז ביי זיי שטענדיק גרויס, די שטוב איז אַפילו אין די גרעסטע קעלטן נישט געהייצט און אין שטעטל פלעגט מען שטענדיק גיין פאַר זיי „צונויפמאַכן״. יידן זענען דאָך רחמנים־בני־רחמנים, פלעגט מען זיי אַריינטראָגן אויף שבת פלייש, ווייסע חלות, אַן אָפּגענוצטן בגד, אַן אַלטע פּאָר שיך. מען האָט מקיים געווען דעם פסוק „וחי אחיך עמך״.

צווישן די פיר זין איז געווען איינער, דער יינגסטער, וואָס האָט גע־הייסן נאָדרעס. ער האָט פון די פריעסטע יאָרן געליטן אויף אַן אומהיילבאַרע קראַנקהייט אויפן קאָפּ, צוליב וואָס די קינדער אין שטעטל האָבן אים גע־רופן „טאָדרעס פּאַרך״, אים שטענדיק געווייכט און אויסגעמיטן.

שטיל און אָפּגעזונדערט פון אַלעמען איז ער אַזוי געוואַקסן און מיטגעגאַנגען מיט די ברידער אין די דערפער נייען סערמיקעס, מ׳פלעגט אים קיינמאָל נישט באַמערקן, מען האָט אין גאַנצן פאַרגעסן אין זיין עק־זיסטענץ אויף דער וועלט — ביז ער איז אַלט געוואָרן 20 יאָר, און דער קייסער, וועלכער האָט קיינעם נישט פאַרגעסן, האָט זיך דערמאָנט אָן טאָדרעסן און אים געבעטן ער זאָל זיך אַ שטעל־טאָן צום פּריזיוו, צו מילי־טער־דינסט.

אַז עס איז געקומען דער טאָג פון פּריזיוו, איז טאָדרעס מיט אַלע שטעטלדיקע רעקרוטן אַוועק אין דער קרייז־שטאָט און זיך געמאָלדן אין דער פּריסוטסטווע, ווו מען האָט פריער געצויגן „ליאָסן״ און דערנאָך אונטערזוכט אויף אָנצונעמען אין מיליטער.

דער הויף אין פּריסוטסטווע איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן: רעקרוטן, טאַטעס, מאַמעס, קרובים, יידן און קריסטן, ביכטערע און שיכורע. די ענגשאַפט און שטופּעניש ביים אַריינגיין איז גרויס. ביים טיר שטייט אַן אוריאַדניק און רייסט זיך מיט קולי־קולות, רופט אויס נעמען און

פאַמיליעס. גאַנץ אָפּט שפּאַרט זיך אַרויס פון דער טיר אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַררויטיקטער חברה־מאַן פּונקט ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מרחץ, פון שוויץ־באָד — דער אוריאַדניק מיט גרויסע וואָנצן גיט אַ געשריי: גאָדיען — פּריניאַט! (ער טויג — צוגענומען)... דער עולם גיט זיך אַ וויצל: אַז פּריניאַט איז צוגענומען — איז אַ בראָך צו דער מאַמען!.. אָט רייסט זיך דער אוריאַדניק, רופט אויס אַ פאַמיליע, חזרט איבער עטלעכע מאָל — יענער רופט זיך נישט אָפּ — גיט דער אוריאַדניק אַ געשריי „ניע יאַווילסיאַ" (ער האָט זיך נישט געמעלדעט)... 300 רובל שטראָף.

די גוייִם מאַכן דעמאָלט אַ „הוראַ!" הויבן אויף אַ געלעכטער: וו'אַמעריקו אודראַל סוקין־סין (ער איז אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, דער הינטישער זון)! און מאַכן חוזק און שפּאָטן פון די יידן.

ענדלעך האָט מען אויסגערופן טאָדרעסעס נאָמען און פאַמיליע און טאָדרעס איז אַריין מיט מזל אין פּריסוטסטוויע.

אַ גרויסער פיר־קאַנטיקער זאַל. אויף די ווענט — פּאָרטרעטן פון קייסער ניקאָליי אין גאַנצן וווּקס, אין אַ גאָלדענער ראַם, אין מיטן זאַל אַ לאַנגער טיש מיט אַ גרינעם געוואַנט. אויבן־אָן זיצט דער פּרעדסיעדאַטיעל אַלדענבורגער פון אָסטלענדישע באַראָנען, מיט פאַרדרייטע וואָנצן, נעבן אים — דער איספּראַווניק קוז'מין מיט צוויי האַלבע בערד, אַזוי ווי סקאָ־בעליאָוו, דער וואָאינסקער נאַטשאַלניק, אַ רעזערוו־קאַפּיטאַן מיט איין אויג און צוויי דאָקטוירים — איינער אַ מיליטערישער מיט אַ שוועוד, מיט עפּאָליעטן און דער צווייטער, דער שטאָטישער, אַן אַלטער משומד און כאַבאַרניק. אין ווינקל שטייט די מאָס. רעקרוטן לויט דער ריי גייען אונטער דער מאָס. איוואַן דער „סטאָראָזש" גייט צו צו דער מאָס, לייגט צו דאָס ברעטל צום קאָפּ און רופט אויס אויפן קול די הויך. ס'גייען צו די דאָקטוירים, דער רעק־רוט הייבט אויף די הענט אין דער הויך און מען הייסט אים ציילן, איינס, צוויי, דריי א.אַ.וו... איין דאָקטאָר מעסט, דער צווייטער לייגט צו צו דער פּלייצע דאָס טרייבל...

— גאָדיען — פּריניאַט, גאָדיען — פּריניאַט!..

איינער אַרויף, דער אַנדערער אַראָפּ!

געזונטע דאָרפישע יונגען, וואָס לויפן פריילעכע ווי צום טאַנץ, יידישע ברייט־בייניקע חברה־לייט פון עמך, בעלי־מלאכות, וואָס האָבן שלום גע־מאַכט מיטן גורל און גייען אַוועק ווי קרבנות פאַרן שטעטל אויף פיר יאָר דינען „פּאַניען", איין־איינציקע שפּייזערס, וואָס מען רייסט־אָפּ פון די פאַ־מיליעס צוליב די גבירישע זינדעלעך, וואָס דרייען זיך אויס...

— גאָדיען — פּרינאַט! גאָדיען — פּריניאַט!

און נאָר בעל־הבתישע „גאָרנישטן״, אָפּגעצערטע, איינגעהויקערטע, אויסגעמאָרעטע — ביי יעדן איינעם פון זיי הויבט זיך אַ שקלאַ־וטריא געזונט? — ניין, „ניקאַק־ניעט״, עס רוישט מיר אין האַרצן. דער דאָקטאָר לייגט צו דאָס טרייבל — דאָס רוישט אין זאַל און נישט אין האַרצן — גאָדיען .. אַ צווייטער, אַן אויסגעדאַרטער, אַ חושכדיקער, קלאָגט זיך: עס שווינדלט מיר אין קאָפּ, כ׳בין בלוט־אַרעם!

— ווי לאַנג האָסטו זיך געמאָרעט, סוקין־סין — שרייט דער פּרעדסע־דאַטיעל, וויפל נעכט ביסטו נישט געשלאָפן? — פּריניאַט! „קאַפּוסטאַ פּאָפּראַוויט, ניטשעוואָ״! (ס׳שאַדט נישט, די קרויט וועט דיר פאַרבעסערן).

לעבעדיק איז גאָר געוואָרן אין פּריסוסטווע ווען ניאָמקע דער איז־וואָשטשיק האָט זיך באַוויזן. דערזעענדיק פּאָר זיך אַזאַ גבר, אַזאַ העלד, האָבן אַלע געעפנט די אויגן: — זדאָראָוו? — האָט דער פּרעדסעדאַטיעל אַ פרעג געטאָן. — טאַק טאָטשנאָ! האָט ניאָמקע מיליטעריש אָפּגעענטפערט.

— פּריניאַט! מאָלאָדיעץ! — האָט דער פּרעדסעדאַטיעל קורץ אַ זאָג געטאָן.

— ראַדסטאַראַטסיאַ! — האָט ניאָמקע ווידער אָגעראַפּאָרטירט און מיט אַ טענצל אַרויס פון פּריסוסטווע.

נאָך אים האָט זיך באַוויזן טאָדרעס און שטיל זיך אַרונטערגעשטעלט אונטער דער מאָס.

איוואַן איז צו אים צוגעגאַנגען מיטן ברעטל, געוואָלט צולייגן צום קאָפּ, אָפּמעסטן די הויך, אָבער מיט אַמאָל איז ער געוואָרן בלאַס און פאַר־וואָרפן מיטן קאָפּ.

— טי טשטאָ, איוואַן? (וואָס איז מיט דיר, איוואַן?) האָט דער פּרעד־סעדאַטיעל אַ געשריי געטאָן אַ פאַרוווּנדערטער.

— וואַשאַ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, האָט שוואַך געענטפערט איוואַן, פּאַרשיווי טאַקאָי (מיר איז נישט גוט, עקסעלענץ, אַזאַ פאַרקרעציקטער).

— פּאַשאָל וואָן — האָט דער פּרעדסעדאַטעל אַ געשריי געטאָן אויף טאָדרעסן — ביעלי בילעט, מאַרש אָטסיודאַ! (אַ ווייסן בילעט, וואָן פון דאַנען).

טאָדרעס האָט זיך פאַמעלעך פאַרקירעוועט צום טיר.

—פּאָסטאָי, פּאָסטאָי, — האָט אים דער שטאָטישער דאָקטאָר אָפּגע־האַלטן — לויף נאָך נישט — און צום פּרעדסעדיאַטעל: וואַשע פּרעוואָסכאָ־דיטעלסטוואָ, מ׳קען אים נאָך אויסהיילן. מיר וועלן אים אָפּשיקן אין שפּיטאָל, דאָרט וועלן זיי זען.

דער אַלטער כאַבאַרניק, דער משומד, איז געווען געווינט, אַז פֿאַר אַזאַ מעשה זאָל מען גוט באַצאָלן און אַן אַ מתנת־יד האָט אים דאָס האַרץ נישט געלאָזן סתם אַרויסלאָזן אַ ייד.

דעם דאָקטאָרס פֿאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, מ׳האָט טאָדרעסן אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל, דאָרט געהאַלטן אַ חודש צייט, אָנערקענט פֿאַר פּעאיק צום מיליטער־דינסט און אָפּגעשיקט אויף דינסט אין איינעם פֿון די סיבירער פֿאָלקן אין באַרנאַאול.

נאָך אָפּדינען דאָרט צוויי יאָר איז טאָדרעס געקומען אין שטעטל אויף אורלויב. אַלע זענען געלאָפֿן אויף זיין בייז וווּנדער. טאָדרעס האָט געטראָגן אַ מונדיר מיט גאָלדענע גאַלונעס און אויף די עפּאָליעטן האָבן זיך געזיל־בערט דריי ווייסע בענדלעך. טאָדרעס האָט זיך דערדינט צו אַן עלטערן אונטער־אָפיציר אין די פֿאָלק־וואַרשטאַטן. אין שטעטל האָט מען לאַנג נישט אויפֿגעהערט צו רעדן וועגן דער געשעעניש:

אַ מאָדנע זאַך מיט פּאַניען, אַז מען שיקט אַוועק צו אים אַ מענטש — ווערט ער אַן אוממענטש — אָט צום ביישפּיל יעקב־עליעס איידעם — געווען אַ יידישער יונגערמאַן — געקומען צוריק פֿון דינסט אַ פֿאַרגרעבטער — וואַשט אַליין די וועש, צירעוועט זיך אַליין די סקאָרפּעטן, און אַז מען שיקט אַוועק אַן אוממענטש — איז ער געוואָרן אַ מענטש.

נאָכן אָפּדינען פֿיר יאָר מיט אַכט חדשים איז טאָדרעס געקומען צוריק אין שטעטל, חתונה געהאַט, און געגאַנגען ווידער אַרבעטן אין די אַרומיקע דערפֿער. מיט דער צייט אָבער האָט ער אַלץ זעלטענער און זעלטענער אָנ־געהויבן צו קומען אין שטעטל, צו זיין ווייב און קינדער — ביז מען האָט אָנגעהויבן צו רעדן, אַז טאָדרעס האָט זיך עפּעס צוגעשאַרט צו אַ גויה — אַן אַלטע אַלמנה — און גרייט זיך צום שמד.

אַזוי איז עס טאַקע געווען. איין מאָל איז צום גלח פֿון שטעטל געקומען אַ דעלעגאַציע פֿון פּויערים בעטן ער זאָל אָפּשמדן טאָדרעסן. דער גלח, אַן אָרנטלעכער מאַן, האָט נישט געוואָלט דאָס טאָן די שטעטלדיקע יידן, און האָט זיך אָפּגעזאָגט:

— איך וויל נישט שמדן קיין פֿאַרכוואַטן יידן — האָט ער געזאָגט.

האָט זיך געפֿונען אַן אַנדער גלח, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרדינען די מצוה און האָט עס מקיים געווען. טאָדרעס האָט זיך געשמדט און באַקומען דעם נאָמען „יאַן״, אָבער די גויים האָבן אים נישט אַנדערש גערופֿן, ווי „שוויענטי טאָדרעס״. ער איז געוואָרן פֿרום, טאָג און נאַכט געלעגן אין קלויסטער, נישט אויפֿגעהערט מורמלען תפילות, געוואָרן אַ גלאָקן־קלינ־

גער און געהאַלטן אין איין ציען פאַר די דראָטן. דאָס געלט, וואָס ער פלעגט פאַרדינען, פלעגט ער צעטיילן צווישן די גוים. דאָס ווייב און די קינדער אין שטעטל זענען אויסגעגאַנגען פון הונגער. פלעגט מען גיין „צונויפמאַכן" פאַר זיי.

איין מאָל סוף זומער, איז אין שטעטל פאָרגעקומען אַ „פעסט", אַ גרויסער קאַטוילישער יום־טוב. פון אַלע אַרומיקע דערפער האָבן זיך געצויגן אין שטעטל אַריין פראָצעסיעס מיט גלחים און מיט די הייליקע בילדער. פאָרויס גייט איינער אין ווייסן — גייען מיט דער פלייצע פאָרויס נאָך אים קליינע מיידלעך אין ווייסן — גייען מיט דער פלייצע פאָראויס, מיטן פנים אויף צוריק און וואַרפן פון קאָשיקלעך בלומען אונטער די פיס פון גלח, וועלכער טראָגט אין די הענט אַ שווערע „איקאָנע". צוויי פאַרשוינען האַלטן אים אונטער די הענט, זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּלאָזן פון מידקייט און נאָך אים דער גאַנצער המון מיט געזאַנגען און געבעטן. אויך פון טאָדרעסעס דאָרף האָט זיך דערנענטערט אַ פּראָצעסיע. דער ערשטער, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס אין אַ ווייסן קיטל און האָט געטראָגן דעם גרויסן צלם — איז געווען טאַקע טאָדרעס אַליין.

שנעל האָט זיך פאַרשפרייט דער קלאַנג אין שטעטל: טאָדרעס פאַרך גייט מיטן צלם. קינד און קייט, גרויס און קליין זענען געלאָפן קוקן אויפן בייזן וווּנדער.

נעבן קלויסטער איז ווי תמיד געשטאַנען מיט אַ וועגעלע אויבס זיין שוועסטער פייגע, און האָט פאַרקויפט עפל, באַרענס, פלוימען...

די פּראָצעסיע האָט זיך דערנענטערט צום קלויסטער און אַז פייגע האָט אויפגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף דעם גוי אין ווייסן קיטל, וואָס טראָגט דעם גרויסן צלם, האָט זי מער נישט ווי אַ געשריי געטאָן: אוי, טאָדרעס! זי איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און אויפן אָרט געשטאָרבן. זי האָט באַקומען אַ האַרץ־שלאַג.

„איצט איז שוין אין שטעטל קיין ייד נישט פאַרבליבן, און נאָר דער „הייליקער טאָדרעס" האָט זיך אַריינגעצויגן פון דאָרף אין שטאָט און האָט זיך אַריינגעקליבן אין רבס שטוב, וועלכע איז געבליבן גאַנץ און נישט גערירט"...

# חיים דער „סאַטסקי״

אין אַ שמאָל געסל פון נידעריקע הייזלעך מיט שטרויענע דעכער, וווינט שוין פון יאָרן־לאַנג חיים דער „סאַטסקי״. זיין שטיבל קען מען לייכט דערקענען צווישן די איבעריקע הייזער, ווייל אונטערן דאַך, איבערן סאַמע פענצטער, איז צוגעשלאָגן אַ הילצערן ברעטל מיט אַ רוסישער אויפשריפט: „סאַטסקי״. אויסער דעם איז נעבן זיין הייזל שטענדיק ריין־אָפּגעקערט אוןביים אַריינגאַנג אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד.

חיים איז אַ קליינגעוואַקסיק, רירעוודיק יידל, אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ ברייט־צעוואַקסענער געלער באָרד, מיט אַ גלאַנציקן פּליך, וואָס ציט זיך אויף זיין קאָפּ, ווי אַ פאָרזעצונג פון זיין שטערן און גיט אים צו אַ באַזונדערע חשיבות.

אַמאָל איז חיים געווען אַ שניידער, אָבער אויף נעמען אַ מאָס און צושניידן אַ שטיקל אַרבעט איז חיימס קאָפּ געווען צו טעמפּ. דאָס אייבּציקע, וואָס ער האָט געקענט — איז אויפשטשאָבען אַ „סערמינע״ פאַר אַ דאָרפישן פויער.

זינט אָבער מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ „סאַטסקי״, האָט חיים אָוועקגעוואָרפן זיין פאַך, און לעבט נאָר פון זיין „טשין״. גאַנצע טעג ליגט ער אין אופראַווע, כאַפּט אַ גילדן ביי אורחים, וועלכע קומען אין „אָבשטשעסטווא״ נעמען אַ פּאַס, גייט אַ גאַנג, אַ שליחות אין אַן אַנדער שטאָט, פאַרדינט אַמאָל אַ האַלבן קערבל פאַר אַ חתימה, וועלכע מ׳האָט אים אויסגעלערנט „לייגן״ אויף פאַרשידענע פּאַפּירן, וואָס מ׳רוקט־אונטער אים אין אופראַווע.

זיין ווייב הערט אים נישט אויף צו גריזשען און האַלט אים אין איין סטראַשען:

— וואָרט, וואָרט, ס׳טנאָך גיין אין „וויסן מויער״ פאַר דיינע „סכּי־מעלעך״ (חתימהלעך)... מ׳וועט דיך נאָך שמידן אין קייטן, ס׳טנאָך פוילן אין אָסטראָג.

חיים אָבער באַרויקט איר שטענדיק אויף זיין שטייגער:

— שקאַש, שקאַש, (נישקשה, נישקשה) מ׳עט נישט שמידן אין קייטן, מ׳עט „שטאָט״ נישט פאַרזעצן אין אָסטראָג.

חיים האָט נישט קיין מורא פאַר אַזעלכע „באַרישקייטן״, ער איז אַ מענטש, וואָס גלויבט וואָס מען זאָגט אים און ווייס מער נישט איין זאַך:

אַז מ׳הייסט זיך חתמענען דאַרף מען זיך חתמענען. און אַז מ׳גיט אַ האַלבן רובל — דאַרף מען נעמען — אויף דעם איז ער אַ „סאָטסקי״!

נאָר אויב דער קאָפּ „שנעלט״ נישט אַזוי שנעל ביי חיימען, איז דער־פאַר ביי אים דאָס אויער שאַרף. פאַר אַ וויאָרסט דערהערט ער אַ גלעקל פון אַ פאָטשט. פאַרקלינגט אים נאָר אין אויער — שפּילעט ער גלייך צו מיט דער נאָדל, וואָס ער האָט שטענדיק אונטערן לאַץ, דאָס מעשענע בלעטל מיטן אָדלער צום קאַרטענעם קאַפּטן, כאַפּט דעם שטעקן און מיט פונאַנדערגעשפּילעטע פּאָלעס לויפט ער אַרום מיט אימפּעט איבערן שטעטל, פּונקט ווי אַ שריפה וואָלט אויסגעבראָכן!..

— יידן, דעם ברוק, דער אָסעסאָר פאָרט, דער אָסעסאָר!..

יידן, יידענעס, קינדער, לויפן אַרויס אויפן גאַס מיט בעזעמער, מיט גראַבלעס, ס׳ווערט אַ קערעריי, אַ געפילדער, אַ טאַראַראַם... און אַז דער פּריסטאַוו פאָרט־אָן — פאַלט ער אַריין אין אַ וואָלקן שטויב, אַז קוים וואָס מ׳זעט אים אַרויס צוזאַמען מיט דער פּאָר פערד, אויף וועלכע ער איז געקומען. לעם אופּראַווע, ווו דער פּריסטאַוו פאַרפאָרט, איז אים, חיים מקבל־פּנים מיט אַ בריינכן „זדראַים זשעלאַים״. עס קומט גלייך אָן דער אוראַדניק, מ׳גייט איך „טשיסטאטא״. פאָרויס שפּרייזן דער פּריסטאַוו מיטן אוראַדניק, פון הינטן — חיים — טראָגט דעם פּריסטאַווס פּאָרטפּעל.

דעמאָלט איז קיינער נישט גלייך צו אים. די צעקודלטע באָרד טראָגט ער פאָרויס, דעם שטעקן שטעלט ער פעסט אויפן ברוק, אויפן געזיכט איז אויפגעצויגן אַזאַ ערנסטקייט, אַזאַ שטרענגקייט, פּונקט ווי ער וואָלט גע־טאָן אַ דבר גדול. יידן, פּויערים, גייען פאַרביי, נעמען אַראָפּ די היטל פאַר די „אדונים״. דער פּריסטאַוו, דער אוראַדניק ענטפערן אָפּ, לייגן צו מילי־טעריש די האַנט צו דער זייט פון דאַשעק. חיים כאַפּט זיך אויך מיט אַ פּאָר פינגער פאַרן מיטן פון קאַזיראָק: ער האָט אויך אַ חלק אין דעם כבוד, וואָס מ׳גיט אָפּ „נאַטשאַלסטוואָ״...

ווען דער פּריסטאַוו פלעגט זיך פונאַנדערלייגן מיט זיינע „דיעלעס״ אין אופּראַווע — פלעגט זיך אָנהויבן פאַר חיימען אַ לויפעריי, אַ יאָגעניש, אַ פאַרשמייעטער לויפט ער פון איינעם צום צווייטן:

— דער פּריסטאַוו טרעבעוועט!

דעמאָלט האָבן אַלע פאַר אים דרך־ארץ. יידן רופן אים „רב חיים״, גויים — פּאַניע חיים״.

— אַ סך דאָזנאַניעס, מיר האָבן היינט אַ סך דאָזנאַניעס — זיפצט ער ביי יעדער באַגעגעניש.

מיט דער זעלבער שטרענגקייט אויפן געזיכט און מיט דעם זעלבן דינסטלעכן עקסטאַז לויפט ער דערנאָך אין מאָנאָפּאָל ברענגען אַ האַלב פלעשעלע „אָטשישטשענע״ פאַרן פּריסטאַוו, אָדער צום טייך מיטן קאָראָ־מיסל אויפן פּלייצע ברענגען אַ עמערל טייך־וואַסער אויף מאַכן טיי פאַר אים. אַז דער פּריסטאַוו דאַרף אַוועקפאָרן, איז שוין געווען חיימס חזקה גיין אויף פּאָטשט באַשטעלן פערד פאַר אים און ווען די פערד זענען שוין געשפּאַנט, איז ביי חיימען אַ קרן זיך אַרויפזעצן אויבן אָן און צופאָרן דאָס שטיקל גאַס ביז דער אופּראַווע — אַלע זאָלן זען ס׳אַראַ זכיה ער האָט.

דער פּריסטאַוו קוועלט פון אים, קלאַפּט אים אין דער פּלייצע: מאָלאָ־דיעץ חיים. „טי או נאַס באָיעוואָי״! (דו ביסט ביי אונדז אַ העלד, חיים), איך וועל דיר צושטעלן צו אַ מעדאַל, דער טייוול זאָל דיר בעמען!

דעמאָלט איז חיים איבערגליקלעך... ער העלפט אונטער דעם פּריסטאַוו אַריינשטייגן אין קאַרעטע, דעקט אים איין, און ווען דער פּריסטאַוו גיט אַ זאָג צום יאמשטשיק: „טראָגאַי״ (ריר זיך) — גיט חיים אַ פּראַל אויס: „ס׳באָגאָם סטשאַסטליווא, וואַשע וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע״!

אין גאָר אַ יום־טובדיקער שטימונג געפינט זיך חיים אין דער צייט פון די יאַרידן, און באַזונדערס פון די געבאָטענע יערלעכע יאַרידן: „יאַן״, „יוריע״. שוין מיט אַ צייט פריער ציילט ער די חדשים, די וואָכן ביז צום יאַריד.

— וויפל האָבן מיר נאָך צו „יאַן״? — פרעגט מען אים אין שטעטל און חיים, וועלכער קען שוין זיין לוח אויף אויסנווייניק, ענטפערט גלייך: אין 10 וואָכן אַרום וועט זיין מירצעשעם „יאַן״.

אַז ס׳קומט שוין אָן די גליקלעכע צייט, שוין מיט אַ טאָג פריער, ערב דעם יאַריד, ווי נאָר ס׳באַוויזט זיך אין שטעטל די ערשטע שוואַלב — דער „האנטשאר״ — (דער טעפער) פון דעם נאָענטן שטעטל, שטעלט אַוועק דעם געפּאַקטן וואָגן מיט די האָלאָבליעס אין דער הויך — און לייגט זיך פונאַנדער פאַר דער גאַס מיט זיינע שוואַרצע ליימענע טעפּ, שיסלען, מיאַליציעס און שטערצלען — שפּילעט גלייך צו חיים צום קאַפּטן דאָס מעשענע בלעכל, וואָס ער שייערט אויס פריער מיט קאַלך און גייט אַרויס ברייטלעך פאַר דער גאַס. פאַרקוקט אין די אַכסניות, אין די שענק־לעך, ווו די הויפּט מחותנים, די פערד־סוחרים, פאַרפאָרן שוין באַצייטנס און נעמען דערווייל, איידער וואָס ווען, אין מויל אַריין. דערזעענדיק אים זענען זיי אים מכבד מיט אַ כוסה: — מאַכט פעטער „קדושה רבה״, דער אייבערשטער וועט העלפן!

חיים וואַשט באַזאַכט די הענט, מאַכט פּאַמעלעך אַ „שהכל״, זאָגט „לחיים״ און שלינגט אַראָפּ אַ קילישאַק...

— דער פּאָליצמייסטער פון שטעטל! — חוזקן חברה גוטמוטיק — שטעלט־אַריין פעטערל נאָך אַ גלעזעלע, זשאַלעוועט בישט!

און חיים גיסט אַריין וויפל נאָר ער קען און, אַז ער גייט אַרויס פון שענק, רויטלען זיך שוין ביי אים די בעקלעך; און אַז אין שטעטל דערזעט מען חיימען אַ „צוגעפּראַוועטן״, לאַכט מען: עס וועט שוין זיין מירצעשעם אַ גוטער יאַריד — חיים האָט שוין אַריינגעגאָסן!..

צו חיימען איז אָבער דעמאָלט — „ניע פּאָדכאָדי״. גיט מען נאָר אים אַ ריר־אָן — ווערט ער גלייך אין כעס: טי זנאַיעש קטאָ יאַ טאַקאָי? יאַ צאַצקי״! יאַ טיעביע טשיטשאַס... (דו ווייסט ווער איך בין? איך בין דער סאַטסקי! איך וועל דיר באַלד...).

אַז חיים ווערט אין כעס, רעדט ער שוין נאָר רוסיש, אויף יידיש קען ער עפּעס נישט אין כעס זיין.

אַ גאַנצן יאַריד פּלאָנטערט זיך חיים ווידער אַרום פּריסטאַוו. לויפט אים אומעטום נאָך. נאָר דעמאָלט גייט ער שוין נישט פון הינטן נאָר פאָרויס... דורך דער גאַס, וואָס איז געפּאַקט מיט מענטשן, מיט פערד, מיט בהמות, וואָס קוים מ׳קען זיך דורכשפּאַרן — שטופּט ער זיך מיט אַלע כוחות אַ פּאַרסאַפּעטער:

— דאַייטיע דאָראָגו! באַ גאָספּאָדין פּריסטאַוו אידיאָט! (לאָזט דורכגיין, וואָרעם דער פּריסטאַוו גייט).

מער נישט, אַז ס׳ווערט עפּעס אַ שטיקל טומל, אַ געשלעג, אַ געלויף, מ׳כאַפּט אַ גנב, וואָס ציט אַרויס ביי אַ גוי פון קעשענע — דעמאָלט ווערט ער מיט אַמאָל עפּעס נעלם — און נישטאָ קיין חיים...

ביי דער נאַכט טוט־אָן חיים דעם אַלטן גוישן פּעלץ, גאַרטלט זיך אונטער מיט אַ שטריקל, טשעפּעט אָן אויפן האַלדז דעם בלייענעם „שוויסטאָק״, נעמט דעם דעמבענעם שטעקן, וועלכער איז איבמיטן אָפּגעטשעשעט און פאַרשמאָלצן מיט אַ טריוואָקסענעם „פּעטשאַט״, און גייט אויף דער „וואָרטע״, דאָס הייסט, שלאָפט־אָפּ אַ גאַנצע ווינטער־נאַכט ביי אַ בעקער, זומער — אויף אַ גאַנעק; די גנבים האָבן צו אים קיין טענות נישט, און אַ שריפה דערזעט ער ווען אַ האַלב שטעטל לויפט שוין אין די גאַטקעס און שרייט „פּאָזשאַר״!

אין די גאָר ליכטיקע זומערדיקע לבנה־נעכט פּאַרקלייבט ער זיך אויף די קלעצער, לעם קלויסטער, צו די גוישע שומרים, דערציילט זיי מעשיות

פון אַלע פּריסטאַווס, וועלכע ער האָט אויף זיין לעבן געדינט, ער רעכנט זיי אויס לויט דער כראָנאָלאָגיע און ווי לאַנג יעדער פון זיי איז געווען, וועלכער איז געווען אַ גוטער און וועלכער אַ רשע. ווי אַזוי ניקיפאָראָוו האָט פאַרשפּילט ביים גלח זיין פוטער אין קאָרטן און איז געקומען פאַרטאָג אין אַ ברענענדיקן פראָסט אַ הוילער אין אופּראַווע און דאָס שטעטל האָט געמוזט אויסקויפן דעם פוטער, ווי קאַלאַטאָוו האָט זיך „איינגעגעסן" אין קאַזיאָנעם רבס וויב, אַז מ'איז קוים פון אים פּטור געוואָרן, און ווי ער, חיים, האָט אַ מאָל נישט ווילנדיק געכאַפּט אין מיטן העלן טאָג באַגדאַנאָוויטשעס וויב טאַקע מיטן אוראַדניק אַליין! (אַזאַ סקאַנדאַל, אַזוי אָפּנאַרן אַן אַסעסאָר!).

אָט אַזוי האָט חיים געדינט און געהיט דאָס שטעטל שוין העכער 30 יאָר... און ווער ווייס ווי לאַנג ער וואָלט אים נאָך אַזוי געדינט, ווען נישט די צייט, אָט די פאַרשאָלטענע צייט, וואָס קען עפּעס נישט פאַרליידן, אַז אַלץ זאָל אין איר פאַרבלייבן אייביק, אומגעענדערט, און האָט זיך פאַר יעדן איינעם אַ צופאַל, אַ שפּיצל.

זי האָט זיך אויך מתקנא געווען אָן חיימען און האָט אים אויך „אונ־טערגעשטעלט אַ פּיסל": איין מאָל אַז מ'האָט חיימען געגעבן אַוועקפירן אין „סטאַן"־אַריין אַ פּאַקעט מיט אַן אַרעסטאַנט, האָט ער דעם פּאַקעט געבראַכט און דער אַרעסטאַנט איז אים נעלם געוואָרן אונטערוועגס...

דער זעלבער פּריסטאַוו, וואָס האָט געקלאַפּט חיימען איבער דער פּלייצע און אים צוגעזאָגט אַ מעדאַל — האָט שוין איצט חיימען גאָרנישט דערקענט, און חיים האָט זוכה געווען, אַז אים האָט געדאַרפט משפּטן גאָר אַ געהויבענער געריכט, נישט קיין געוויינלעכער, וואָס משפּט קליינע מענטשן פאַר קליינע פאַרברעכנס, נאָר אַ „סודיעבנע פּאַלאַטע", ווייל חיים איז אַ „סאָטסקי", אַ „דאָלזשנאָסטנאָיע ליצאָ" (אַן אַמטלעכע פּערזאָן). עס האָבן נישט געהאָלפן זיינע טענות: פּריצימלעך, האָט רחמנות, איך בין אַ שוטה!

מ'האָט חיימען פאַרמשפּט און אַראָפּגעזעצט פון זיין גדולה...

# דער גלח

ביי אונדז אין שטעטל האָט יאָרן לאַנג געלעבט אַ קאַטוילישער גלח מיטן נאָמען מאַרק אַנטאָני. דער קאָשטשאָל איז געשטאַנען (און שטייט נאָך איצט) אין מיטן שטעטל. דער הויכער גלאָקן־טורעם פון רויטע ציגל האָט זיך געריסן מיט זיין צלם אין הימל אַריין און מיילן אַרום פון דער ווייטנס האָבן זיך געזען זיינע שפּיצן. דער יידישער בית־המדרש, די יידישע הייזער, וואָס זענען געווען אויסגעשפּרייט אַרום דעם קאָשטשאָל האָבן אויסגעזען ווי נעבעכדיקע שעפּסעלעך וואָס טוליען זיך איינע צו די אַנדערע — דער גלח איז געווען דער קעניג פון שטעטל. קריסטן פלעגן זיך פאַר אים בוקן און קושן זיין האַנט. יידן פלעגן פאַר אים נידעריק אַראָפּנעמען דאָס היטל. אויף אַלע ווענעלעך און שטעגעלעך אין אַלע ווינקעלעך פון שטעטל האָט זיך געפילט די שליטה פון גלח: דעם גלחס קי, דעם גלחס פערד, דעם גלחס פעלדער, דעם גלחס פּאַראָבקעס, דעם גלחס סאָד, דעם גלחס ברונעם. דעם גלחס ברונעם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין זיס וואַסער און נאָר איינצלנע פון זיינע שכנים האָבן געהאַט די זכיה צו שעפּן אַ פּאָר עמערס וואַסער לכבוד שבת. דאָס זענען געווען לאה די אַלמנה — אַ יידענע פון אַ יאָר זיבעציק — וועלכע ער פלעגט רופן „פּאַניענקאַ". משה דער „דעסיאַטניק" (אַ נאַכט־וועכטער)׳ וועלכן ער האָט גערופן „פּאַניע וואָיעוואָדע", און דוד־לייב דער מלמד, וועלכער האָט ביי אים קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט ווי „פּאַן שפּינאָזאַ"...

אין אַלגעמיין האָט ער מיט קיין יידן נישט געהאַט קיין מגע ומשא. אויסער מיט גרשון הירשל־מענדלס — אַ תבואה־הענדלער, וועלכן ער פלעגט אמאָל פאַרקויפן אַ ביסל תבואה. אַז גרשון פלעגט קומען צו אים מיטן בעזמען אָפּוועגן די פּאָר זעקלעך קאָרן אָדער האָבער, פלעגט אים דער גלח פרעגן: — „גרשון, טשי טוואָי בעזמען ספּראַוויעדליווי? (גרשון, צי איז דיין בעזמען אַ רעיעלער?).

גרשון וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ כעסן, פלעגט אַ באַליי־דיקטער ענטפערן דעם גלח: — „פּאַניע פּראָבראָשצו, יאַק פּאַן פּראָבאָרשץ ניע וויעזשי וו מאָי בעזמען, טאָ פּאַן פּראָבאָרשץ וו באָגאַ ניע וויעזשי!.. (פּאָטערל! — אויב דו גלייבסט נישט אין מיין בעזמען, גלייבסטו נישט אין גאָט...). דער צווייטער ייד וואָס פלעגט אַריינקומען צום גלח איז געווען אַלטער דער שמיד (ער פלעגט שמידן זיינע פערד). אַ האָראָפּאַש־נער ייד מיט אַ שטענדיק פאַרסאַזשעטן פּנים אָבער נישט קיין עם־האָרץ

און אַ יודע ספר. מיט אים פלעגט דער גלח ליב האָבן שמועסן וועגן עניני דת, וועגן רעליגיעזע ענינים און פאַרשן אים וואָס עס טוט זיך אין בית־המדרש, וועגן וואָס האָט דער רב געדרשנט שבת הגדול און וואָס איז דאָס מצה שמורה? — צאָ טאָ זאָ שמורא אוּ וואָס?.. — פלעגט ער פרעגן, אַ מאָל פלעגט ער אַ זאָג טאָן צו אַלטערן:

— איז וואָס זאָגסטו, אַלטער, וועלכע אמונה איז פאָרט אַ בעסערע: אונדזערע צי אייערע? און אפשר וועסטו גאָר אַמאָל אַריינקומען צו אונדז דאַוועגען? ביי אונדז איז אַזוי שיין, דער אָרגאַניסט זינגט און דער אָרגל שפילט; און ביי אייך — איך בין שבת נאָכמיטאָג צו „געשפאָר" (מנחה־צייט) פאַרבייגעגאַנגען פון די פעלדער לעם אייער באָזשניצע און אַריינ־געקוקט אַהין: לעם אמוואָן (עמוד) איז געשטאַנען לייזער דער לאַטוטניק מיט אַ צעקודלטער באָרד, מיט אַ רויטער באַק וואָס איז נאָר וואָס אויפ־געשטאַנען פון שלאָף און געטאַרלעקעט עפּעס „אתה אחד ושמך אחד" מיט אַזאַ זויערן ניגון, אַז עס איז מיר אַזש סמוטנע געוואָרן!..

— איך וועל דיר ענטפערן פּאַטערל, האָט אים אַלטער געענטפערט, איך ווייס נישט וועלכע אמונה איז אַ בעסערע, אָבער איין זאַך ווייס איך יאָ — אייער אמונה האָט געהאַט די אינקוויזיציעלע: די הייליקע טאַטעלעך האָבן געסמאַליעט די פּיאַטעלעך פון די „אפיקורסים" און מיר האָבן קיין אינקוויזיציעלעך נישט געהאַט! און קיין אָרגלען און אָרגאַניסטן דאַרפן מיר נישט, ווייל יעדער לאַטוטניק טאָקע קען ביי אונדז זיין אַ שליח ציבור...

— אָהאָ!.. האָט דער גלח זיך פאַרוווּנדערט, איך האָב געמיינט, אַז דו קענסט נאָר שלאָגן הופנאַלעס (טשוועקעס) אין פערדישע קאָפּיטעס און אָט זע איך, אַז דו קענסט שלאָגן אַ טשוועקל אין מוח אויך!.. בראַוואָ, ביסט דאָך אַ גאַנצער פאַדראַבינעק!

דאָך מוז געזאָגט ווערן, אויב דער גלח איז נישט געווען קיין גרויסער אוהב ישראל, איז ער אָבער קיין בשמה־כאַפּער אויך נישט געווען. אָט האָט אין שטעטל פּאַסירט אַ מעשה. איין מאָל אין מיטן ווינטער איז אין שטעטל געקומען אויף „אָטפּפּוסק" (חופש) אַ שטעטלדיקער שייגעץ — אַ אונטער־אָפיציר פון אַ גוואַרדיע פּאָלק אין פּעטערבורג, אַ קראַסאַוויעץ מיט גאָלדענע גאַלוגעס אין זילבערנע שליפעס מיט אַ פּאָר פאַרדרייטע וואָנצעס. ער איז געווען שיין ווי די ליכטיקע זון און די שטעטלדיקע שיק־סעס זענען נאָך אים משוגע געווען. אָבער ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין יאָסל־דודס שענק און האָט פאַרכישופט די אַכצן־יאָריקע ביילקע. ער

איז געווען אַ זון פון אַ רייכן פויער און האָט פאַרמאָגט אַ גוטן פערד מיט אַ שיינעם שליטן און פלעגט קומען אַלע אָוונט נעמען איר פאַרן „קוליק". ער האָט זיך מיט איר אַזוי לאַנג געשליטלט — ביז זיי זענען פאַרפאָרן צום גלח בעטן שמד און „שלוב". דער גלח האָט זיך אָפּגעזאָגט פון ביידע כיבודים.

— איך וויל נישט אין מיין פּאַראַפיע קיין משומדתטע, האָט ער גע־זאָגט און אויב דעם „מאָסקאַל" געפעלט אַזוי די יידישקע, האָט ער אַ ברירה צו ווערן אַ ייד!..

דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען, ווען אַ דעלעגאַציע פויערים פון אַ נאָענטן דאָרף איז געקומען אים בעטן, ער זאָל אָפּשמדן לייבן — אַ דאָרפישן יידן, וועלכער האָט זיך צוגעפוצט צו אַן אַלטע גויע און פאַר־וואָלט זיך שמדן.

— ניע כצען קשעסטיץ פּאַרכאַטעגאָ זשידאַ, האָט ער געענטפערט (איך וויל נישט שמדן קיין קרעציקן ייד). און זיך אָפּגעזאָגט פון דער מצוה...

איין מאָל איז אין שטעטל אין דער צייט פון אַ שטאַרקן שלאַקס־רעגן אַראָפּגעפאַלן אַ דונער. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה און דער בית־המדרש איז געשטאַנען אין גרויס געפאַר. דער גלח אַליין איז אַרויפגעלאָפן אויפן גלאָקן־טורעם, געצויגן די שטריק און געקלונגען אין די גלאָקן „נאבאט" (אַזאַ אַלאַרם־קלונג) און אויפגעוועקט פון שלאָף די גאַנצע פאַראַפיע.

— פּאַנאָוויע ראַטויציע באָזניצע, ראַטויציע באָזניצע! האָט ער גע־מונטערט די פויערים און דער בית־המדרש איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. דער רב האָט אים געדאַנקט און געזאָגט: — דו ביסט נאָך יונג, דו וועסט נאָך דערגרייכן די העכסטע שטאַפּלען פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, אַפילו ווערן אַ פּויפּסט אין רוים, בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט שטענדיק פאַרבלייבן אַזאַ איינער, וואָס מיר רופן אים מיטן טיטול „חסיד אומות העולם". מיר זענען אַ פאָלק וואָס ווערט געפייניקט שוין טויזנטער יאָרן צוליב דעם, וואָס מיר האָבן אייך געגעבן אַ גאָט, מען בראָט און מען ברענט אונדז — זאָלסטו אין אַ צייט פון אַ שריפה זיך פירן ווי דו האָסט זיך געפירט היינט, קלינגען אין די גלאָקן און וועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט!..

די יידן פון שטעטל האָבן דאָס אים נישט פאַרגעסן, צוויי מאָל גע־ראַטעוועט אים פון טויט: איין מאָל אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, ווען די ערשטע דייטשע פּאָזיציע איז אַריין אין שטעטל, און דער גלח האָט

נישט געוואָלט געבן קיין וואַסער פון זיין ברונעם פאַר די פערד פון די דייטשע קאַוואַלעריסטן.

— „וואָס? דיעזער פאַרפלוכטער הימל־הונט וויל נישט ליפערן קיין וואַסער פיר די דויטשע קאַמפּס־טרופּן — דער קערל ווירט זאָפאָרט טאָט־געשאָסן!..״

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען איז דעם שרייבער פון די שורות אַלס בירגערמייסטער פון שטעטל געלונגען אָפּצוראַטעווען אים פון טויט!

צום צווייטן מאָל ביי די באָלשעוויקעס — ווען מען האָט אים געפירט אַ געשמידטן, האָבן די יידן פשוט מיט תחנונים אָפּגעוויינט אים ביי זיי. ווען עס איז אויפגעשטאַנען די פוילישע מדינה איז דער גלח באַשטימט געוואָרן אַלס ביסקופּ און איז פון דער קאָנסיסטאָריע געשיקט געוואָרן אין רוים אַלס פאָרשטייער אין וואַטיקאַן.

ער איז געקומען באַזוכן זיין פּאַראַפיע, דאָס שטעטל. דער רב האָט אים מקבל פנים געווען מיט ברויט און זאַלץ.

— דו זעסט ראַבין, האָט ער געזאָגט צום רב, אַ העלפט פון דיין נבואה איז שוין מקוים געוואָרן.

אין לויף פון דער צייט איז ער, ווי עס איז באַקאַנט געוואָרן אין די קרייזן פון דער אָרטיקער פּאַראַפיע, אַרויפגעשטיגן נאָך העכער און איז געוואָרן פון די נאָענטסטע מקורבים פון פויפסט. צי האָט ער געדענקט דעם רבס ווערטער, צי האָט ער געוועקט דאָס געוויסן פון דער וועלט אין דער צייט פון דער שוידערלעכסטער יידישער פאַרניכטונג, ווען שוואַרצע קנוילן האָבן זיך געקייקלט איבער די הימלען — דער רויך פון געברענטע יידן?!

*

...אין איינעם פון די יזכור־ביכער פון די חרוב־געוואָרענע יידישע שטעט אין פוילן ווערט דערציילט וועגן אַ גלח מיטן נאָמען אַנטאָני, וועלכער האָט געראַטעוועט אַ סך יידן, און געהאַלטן פיל יידן באַהאַלטן ביי זיך. מ׳האָט אים געמסרט און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די יידן על קידוש השם. ווער ווייס?..

## ר׳ לייב דער ראש־הקהל זאגט מוסר די פרומאקעס

אַזוי איז דאָס געווען: איינציקע זין, שפּייזער פון משפּחות זענען געווען פריי פון מיליטער־דינסט. זיי האָט מען נישט גענומען פאַר זעלנער. דאָס האָט געהייסן אַ „ליגאָטע״. אָבער אַ „ליגאָטע״ האָט מען באַדאַרפט דאָקומענטירן און אויף צו באַווייזן האָט זיך געפאָדערט אָדער אַ פּראָטאָ־קאָל פון צען חשובע בעלי־בתים פון שטעטל, אָדער אַן אונטערשריפט פון צוויי פריצים (גוט־באַזיצערס) פון דער געגנט, אַז דער און דער איז אַ בן־יחיד, דער איינציקער שפּייזער פון דער פאַמיליע.

פלעגט אָפט פּאַסירן, אַז דאָס באַקומען דעם פּראָטאָקאָל פון די צען חשובע בעלי־בתים איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און שפיכת־דמים. מיט גרינגע גאַל פלעגט מען אַרויסבאַקומען אַ חתימה פון די שיינע יידן, וועלכע פלעגן ציטערן און קווענקלען זיך און קוועטשן זיך און אָפּשלעפּן טעג, וואָכן און חדשים.

בפרט, אַז צווישן זיי האָבן זיך געפונען צוויי מלמדים, גרויסע פרו־מאַקעס און יראי־שמים, וואָס פלעגן טאַנצן קדוש־קדוש ביזן סופיט, און אין „שמע ישראל״ ביים דאַווענען פלעגן זיי זיך פאַרגיין אין דבקות אויף אַ גאַנצע האַלבע שעה. דערפאַר אָבער זענען זיי געווען קפּדנים און מחמירים, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף יעדער קוצו של יוד, וואָס האָבן זיך געגריבלט און געפּשטלט, אַז עס האָט געשמעקט פון זיי מיט אַן אַפּאָפּלעקסיע.

יידן האָבן זיך פאַרשאָלטן דאָס לעבן, אַז מען האָט געדאַרפט אָנקו־מען צו אָט די צדיקים. דאַקעגן, אַז משה־חיים דער פאַכטער פלעגט קומען צום פּריץ און זאָגן: „פּריצל, דאָרטן אין שטעטל איז פאַראַן נעבעך אַן אָרעמע אַלמנה, וואָס האָט נעבעך איין איינציקן זון, דער שפּייזער פון דער פאַמיליע — אפשר וועסטו איר אונטערשרייבן, אַז דאָס איז ריכטיק? פלעגט דער פּריץ גלייך ענטפערן:

געוויס! מען דאַרף דאָס אונטערשרייבן און פלעגט גלייך אונטער־שרייבן, נישט קענענדיק און נישט וויסנדיק פאַר וועמען און פאַר וואָס.

פלעגט ר׳ לייב, דער ראש־הקהל אָפּט אייניטענהן מיט די דאָזיקע פרומאַקעס: היתכן, עס קאָן אַמאָל זיין, אַז מיר וועלן אַריינקומען אין גן־עדן וועלן מיר זען ווי פּאַוועלקע טאַראַסאָוויטש, דער גביעזנער פּריץ מיט די גרויסע וואָנצן, אין די לעדערנע רייט־הויזן און לאַקירטע שטיבעלעטן, זיצט אויבן־אָן מיט אברהם אָבינו מיט דער גאַנצער פּמליא און

איז נהנה מזיו השכינה... און אין דער זעלבער צייט שפּאַרט זיך אין דער טיר פון גן־עדן, ר׳ יצחק־עליע דער מלמד, אין דער אַטלאַסענער זשופּיצע, מיט דער סאַמעטענער יאַרמלקע אונטער דער טוכענער היטל מיט דער גרויסער באָרד און פאות — שפּאַרט זיך אין אַריינגאַנג און קריגט בחר־פתו אַראָפּגעוואָרפן פון די טרעפּ.

ער לויפט מיט אַ געשריי, מיט אַ ליאַרם צום שר פון גן־עדן: אדוני השר, גאָט איז מיט אייך, וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? — אָט דער פּאַוועלקע טאַראַסאָוויטש, אָט דער שיכור, דער גזלן, וואָס האָט פאַרשפּילט זיין ווייב אין קאָרטן, וואָס האָט אַנגעפלאָדזשעט צוויי דערפער ממזרים, ער זיצט אין גן־עדן, און איך, דער צדיק, וואָס האָב דאָס גאַנצע לעבן פאַרבראַכט על התורה ועל העבודה, אָפּגעהיט אַלע מצוות, אַכט און פערציק יאָר אָפּגעלעבט מיטן אייגן ווייב, מיך לאָזט מען נישט אַריין? אָט דאָס איז דער יושר פון עולם האמת? יונגאַטשעס, איך וועל מרעיש עולם זיין, איך וועל אייך ווייזן ווער איז עלטער!

— ר׳ ייד, שרייט נישט, האָט דער שר זיך אַ בייזער געטאָן, ביי אונדז מאַכט מען נישט קיין סקאַנדאַלן — פּאַוועלקע טאַראַסאָוויטש, אָט דער גזלן און שיכור האָט אונטערגעשריבן אַ „ליגאָטע״ פאַר אַן אָרעמער אלמנה, און האָט דערמיט געראַטעוועט אַן אַלמנה מיט אַ יתום, וואָס זענען צוויי גאָטס גענערעלער, קומט אים דערפאַר אייביקער גן־עדן, און דו, ר׳ צעמפּעלע, האָסט זיך געגריבלט, געקוועטשט און מחמיר געווען און נישט געהאָלפן אַ יידן זיך ראַטעווען פון פּאָניעס הענט — דו האָסט גע־מיינט אַז ווען דו טאַנצט קדוש־קדוש ביסטו שוין יוצאי פאַר אַלץ — ניין, דו ביסט ביי אונדז פאַררעכנט פאַר אַ צבועק און אַ רשע און דיין אָרט איז צו פּרעגלען זיך אין די קעסלען סמאָלע פון גיהינום...

מלאך לופיאל, „וויזאַט יעוואָ״!..

---

אָט אַזוי פלעגט ר׳ לייב, דער ראש הקהל מוסרן זיינע שיינע יידן, די חשובע בעלי־בתים, וואָס פלעגן אַרויסציען די עצמות ביז וואַנען זיי פלעגן געבן אַ חתימה אויף אַרויסצוראַטעווען אַ יידן.

## בערטשיק דער ציגיינער

בערטשיק איז אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער. אַ הויכער, אַ ברייט־בייניקער מיט אַ טונקל־אָפּגעברענט געזיכט. אַ קאָפּ שוואַרצע געקרויזלטע האָר און אַ פּאָר קלוגע גנבהשע אויגן. גיט ער נאָר אַ וואָרף מיט זיי — פאַרשפאָרט ער זאָגן, וואָס ער וויל, מען פאַרשטייט שוין, וואָס ער מיינט.

אין שטעטל רופט מען אים בערטשיק דער ציגיינער. דעם דאָזיקן צונאָמען האָט ער באַקומען נישט נאָר צוליב זיין אויסערלעכן אויסזען, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב דעם וואָס פון קינדווייז אָן איז ער אַ פאַרקאָכטער פערד־מענטש און האָט שטענדיק צו טאָן מיט די שטעטלדיקע ציגיינער, מיט וועלכע ער איז אַ גאַנצער פאַן־בראַט און פירט בשותפותדיקע געשעפטן.

ער איז אַ בן־בית ביי טאָמאַשן, דעם ציגיינערשן רבין. דאָרטן עסט ער און טרינקט, טאָגט און נעכטיקט.

נישט איין מאָל זעט מען דורך די דורכזיכטיקע פאַרהאַנגען פון טאָמאַשעס פענצטער, ווי בערטשיק טרינקט מיט אים בראָנפן פון טיי־גלאָז, אָדער ער האַלט אויפן שויס די גראָבע באַרבאַראַ — טאָמאַשעס ווייב.

פריערדיקע יאָרן איז בערטשיק געווען אַ גאַנצער תקיף אין הויף. געהאַט חן ביים אַלטן פריץ, וועלכער פלעגט אים שיקן אויף אַלע יאַרידן איינקויפן פערד פאַר זיינע פאָלוואַרקעס. אַפילו אין טיף רוסלאַנד ברענגען קירגיזלעך, פון וועלכע דער אַלטער פריץ איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער, פלעגט ער אויך שיקן בערטשיקן. בערטשיק פלעגט אָנשפּאַרן אומעטום, ברענגען גאַנצע טאַבונעס. פלעגט אים אונטערוועגס געפעלן ווערן אַ פערדל, האָט שוין דאָס פערדל געמוזט זיין זיינס; האָט ער עס נישט געקאָנט קויפן, פלעגט ער עס „אָנטלייען"...

בערטשיק איז נאָך געווען יונג און „פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ חיה" איז געווען ביי אים פון די קליינע זאַכן, איז ער ערגעץ אַריינגעפאַלן — האָט ער זיך שטענדיק פון דאָרט אַרויסגעפּלאָנטערט.

איין מאָל האָט מען אים פאַרהאַלטן אין ראָסטאָוו אויפן דאָן — אַ ווייטע, ווילד־פרעמדע שטאָט. קיין באַקאַנטע האָט ער נישט, קיין פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ — אויך נישט. מען ברענגט אים צופירן צום פּאָליצמייסטער.

— דו מוזט ברענגען צוויי חשובע בעלי־בתים, וואָס קענען דיך, וואָס זענען פאַר דיר ערב — זאָגט צו אים שטרענג דער פּאָליצמייסטער — ווען נישט, בלייבסטו זיצן.

— וואַשע ויסאָקאַ בלאַגאָראָדיע — האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בערטשיק — איך האָב צוויי חשובע בעלי־בתים, וואָס קענען מיר און וועלן פאַר מיר ערב זיין, זיי האָבן פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ אין דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע — און אַ לייג געטאָן צוויי גילדענע צען־רובלדיקע.

— אָט זענען זיי... זיי וועלן פאַר מיר ערב זיין!..

— מאָלאָדיעץ! — האָט אים דער פּאָליצמייסטער אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, אַ גערירטער פון בערטשיקס איינפאַל — אַנטלויף פון דאַנען און מער זאָל איך דיך נישט אָנזען!..

זינט אָבער דער אַלטער פריץ איז געשטאָרבן און די הויפן זענען אַריבער צום זון, האָט זיך די לאַגע געענדערט. דער יונגער פריץ האָט די הויפן צעתכלעוועט, קיין פערד האָט מען שוין נישט געדאַרפט האָבן און בערטשיק איז שוין נישט געווען נויטיק. פון יענער צייט אָן האָט בערטשיק געשלאָסן שותפות מיט טאָמאַשן דעם ציגיינער — און נישט צו פאַרזינ־דיקן! קיין גליקן מאַכט מען נישט, אָבער קיין חיונה פעלט נישט. אָפּט כאַפּט מען אָפּ אַ פאַרדינסטל פון די גרויסע סוחרים וואָס קומען איינהאַנדלען טראַנספּאָרטן פערד אויף פרייסן. ווען נישט ווען וואַרפט זיך דורך אַ „לינקע" סחורה... אָבער דער עיקר פאַרדינט מען אַ פּאָר רובל פון אַ „בייט".

אויף יעדן יאַריד ברענגט אַראָפּ בערטשיק צו טאָמאַשן אַ גאַנצן פּעקל „כאַנדעס", וואָס האַלטן שוין פאַר יציאת נשמה, און קלייבן זיך שוין אין הימל אַריין. מען בעמט אַזאַ פּגירה, מען רייניקט זי, מען קעמט איר פונאַנדער דעם עק, די גריווע. אויפן האַלדז טוט מען אָן אַ סטענגע, מען פּוצט זי אויס ווי אַ כלה...

אינדערפרי פאַרן יריד טרינקט מען אָן אַזאַ פערדל מיט ביר אָדער מיט בראָנפן, אונטערן עק לאָזט מען אַריין אַ הייסע קאַרטאָפל... אָן אייגע־נער גויטשיק פירט אַרויס די סחורה אין מאַרק — דאָרט, ווו מען לויפט זיך דורך מיט די פערדלעך... דער אָנגעטרונקענער פּגר שפּרייזט ווי אַן אָדלער, דער קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך, בריקעוועט, קוים וואָס מען קאָן אים איינהאַלטן... דער פּויער פירט אים הין און צוריק... און ווי נאָר עס הויבט אָן צו „פּיקן" — עס יאָוועט זיך אָפּ אַ שוטה אַ בעלן, וואָס הויבט אָן צו דינגען, וויל מאַכן אַ בייט — זוּאַקסן גלייך אויס, ווי פון אונטער דער ערד, בערטשיק מיט טאָמאַשן אַלס פּאַרמיטלער, זיי נעמען מיט געוואַלד דעם נאַרישן בעלן פאַר דער האַנט און פּאַטשן אין איר אַזוי לאַנג, אַז דעם אָרעמען גוי פּליען פונקען פון די אויגן... מען רעדט אין אים אַריין און מען צעטומלט אים אַזוי, אַז ער צאָלט נאָך צו צו זיין גוטן פערדל און

כאַפּט אַריין די „מציאה", אויסער דעם, וואָס ער גיט נאָך אַ באַריש פּאַר די מעקלערס...

מער נישט, פאַרנאַכט, ווען דאָס פערד ניכטערט זיך אויס, ווען דער בראָנפן גייט אים אַרויס פון קאָפּ, דעמאָלט דערזעט שוין דער פויער זיין בראָך... עס ווערט אַ יעלה, אַ געוואַלד:

— אַ באָזשע, זיי האָבן מיר אָפּגענאַרט, זיי האָבן מיך געקוילעט, די רוצחים!..

עס ווערט אַ טומל, אַ ליאַרם, עס לויפט אָן אַ גאַנצע כמאַרע פויערים, וועלכע נעמען זיך אָן דעם אָפּגענאַרטנס קריוודע...

מען לויפט צו טאַמאַשן:

— צום פּריסטאַוו קום, זלאָדזשעי, דו האָסט אָפּגענאַרט!..

טאַמאַש ווערט אָבער נישט נתפּעל:

— איר האָט איבערגעקאַרמעט דעם פערד און איצט קומט איר שרייען? כאַמעס איר אַזעלכע! איך וועל אייך ווייזן!

ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם פּעלצל און הויבט אָן מיט זיינע אייזערנע פויסטן צו ביילן און ממיתן די פויערים אויף רעכט און אויף לינקס, אַז בלוט שפּריצט זיי פון די מיילער און פון די נעזער...

אָבער דאָ לויפט אָן מיט אַמאָל בערטשיק.

— טאַמאַשקאָ, ברודערקע, וואָס שלאָגסטו אַזוי „איידל"? — טוט אַ ריס פון אַ וואָגן אַ האָלאָבליע און איבער די קעפּ... אַז אין איין מינוט איז שוין קיין זכר פון קיין פויער נישטאָ...

די יונגע ציגיינערלעך און ציגיינערקעס קוועלן אָן פון שמחה און סמאַקעווען זיך צו זיך אַליין: אַהאַ, נאַש בערקאָ... נאַש בערקאָ!

בערטשיקן קען מען אין דער גאַנצער אומגעגנט, און ווו נאָר מען האָט געהערט פון אים, האָט מען פאַר אים שטאַרק דרך־ארץ.

בערטשיק געפינט זיך זעלטן ווען אין דער היים און איז תמיד אונטערוועגנס — אויף די יאַרידן, ווו ער פאָרט מיט זיין פערדל צוזאַמען מיט קאָמפּאַניע, מיט גוטע ברידער. דער קאָפּ זייבער איז שטענדיק פאַרטאָן מיט פאַרשידענע לצנות און שמד־שטיק.

טרעפט מען אָן אויפן וועג אַ פויער, וואָס גייט אין שטעטל אַריין מיטן שטעקל אין האַנט, האַלט מען אים אָפּ, מען איז אים מכבד מיט אַ ביסל טיטין, מען גיט אים אַ שטיקל פּאַפּיר אויף אויפדרייען אַ פּאַפּיראָס, מען פאַררויכערט... און בינו לבינו פאַרדרייט מען אים דעם קאַזיראָק אויף הינטן און מען לאָזט אים אַזוי בהרחבההדיק שפּאַצירן אין שטעטל אַריין.

דער פויער שפרייזט מיטן קאָזיראָק אויפן פּאַטילניצע און חברה צעגייען פון נחת פון גליקלעכן אויפטו.

טרעפט אָן בערטשיק לעם דאָרף אַ שייגעץ, פרעגט ער אים:

— וועמענס ביסטו

— דאָמיניקעס בין איך.

— אַהאַ, דאָמיניקעס? נאָ, זאָלסט אָפּגעבן דעם טאַטן אַ האַלבן רובל!

— און כאַפּט זיך צום טייסטער... חברה גיט אַ סמאָטשקע צום פערדל... בערטשיק האַלט זיך פאַרן טייסטער... דער שייגעץ לויפט נאָך אַ האַלבן וויאָרסט נאָכן וואָגן כאַפּן דעם האַלבן רובל און קען נישט דעריאָגן...

אומקערנדיק זיך שפּעט ביי דער נאַכט אַהיים אין שטעטל, האָט בערטשיק שוין אַ חזקה אָפּשטעלן זיך לעם אַנטאָנען, דעם גוישן טראַקטירשטשיק, און אָנקלאַפּן אים אין פענצטער:

— אַנטאָן, שטיי אויף, שוין צייט משתין זיין!

אַנטאָן לויפט אַראָפּ אַ ווילדער. אַ צעהיצטער, שרייט:

— היצלי, זלאָדזשעאי!.. (הינטשלעגער, גנבים!).

אָבער פון קיינעם איז שוין קיין זכר נישטאָ.

מען דאַרף אָבער נישט האָבן קיין גרעסערן פאַרגעניגן ווי צו פאָרן מיט בערטשיקן אויפן באַן.

גאַנץ אָפט, אַריינקומענדיק מיט אַ קאָמפּאַניע פערד־הענדלער אין וואַגאָן אַריין, גיט ער אַ צי מיטן נאָז:

— דאָ שמעקט עפּעס מיט חזנות!.. און גלייך טשעפּעט ער זיך צו צו אַ ייד, וועלכער זיצט אין אַ ווינקל:

— אָט דער ייד איז אַ חזן!

דער ייד שווערט זיך, ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן... זיין עלטער, עלטער זיידע איז קיין חזן נישט געווען, ער איז גאָר אַ מלמד און פאָרט צום דאָקטאָר מאַכן אַן אָפּעראַציע אויף מערידן...

עס העלפט אָבער נישט. בערטשיק האַלט זיך ביי זייניקע. ער עסט זיך איין אין זיין קרבן און מאַטערט אים אַזוי לאַנג ביז דער ייד הויבט אָן צו זאָגן אַ שטיקעלע „יעלה" אָדער „הבן יקיר לי" און כאַפּט פון בערטשיקן אַ גאַנצן צושטייער אויף הוצאות הדרך. אַן אַנדערש מאָל דערטאַפּט ער עפּעס אַ פּאַסאַזשיר אַ יאָלד, אָדער עס קומט אַרויף אין וואַגאָן אַ גויטשיק, וואָס ווייסט נאָך נישט, ווי מען פאָרט, אויפן באַן, רוקט ער זיך צו אים:

— פאַניע, ווייז נאָר דיין בילעט! — און מאַכט דערביי אַ זויערע

מינע — שלעכט!.. מען האָט דיר געגעבן אַ דאַמסקן בילעט... מיט אַ לעכל קריך שוין אַרונטער אונטערן באַנק, וואָרעם דו ועסט באַצאָלן „דוואָינאַיע״!..

דער איבערגעשראָקענער בעל־דבר מיטן אַנגעפיקטן בילעט, ליגט ווי אַ פריץ אונטערן באַנק און חברה קייקלט זיך פון געלעכטער, אַז עס גיסט זיך זיי טרערן פון די אויגן.

דערפאַר אָבער, אַז מען דאַרף פאַר עמעצן צו אויפמאַכן אַ נדבה, אָדער מען ברענגט אַריין אין וואַגאָן אַ קראַנקן, מען דאַרף מאַכן אַ פלאַץ, נישט לאָזן עפענען קיין פענצטער — דאָ איז בערטשיק דער ערשטער דאָ, איז מיט אים קיין וויצן נישטאָ. הויבט זיך עמעצער אַזוי שנעל נישט אויף, גיט אויף אים בערטשיק אַ קוק, אַז יענעם ווערט קאַלט...

וויל עמעצער אויפמאַכן אַ פענצטער, מעג ער זיין דער גרעסטער פריץ, גיט אויף אים בערטשיק אַ ברום: צומאַכן, אַ קראַנקער ליגט!

און ווען ער פאָלגט נישט אַזוי שנעל, עפנט ער אים אויף מיטן קאָפ די טיר.

דאָס זעלבע ווען אין וואַגאָן ווערט אַ שמועס. יידישע שונאים לאָזן אין גאַנג די צינגער און דרשענען זיך פונאַנדער: — זשידי, זשידי! — אָדער פריזיוו־צייט, באַוואָבראַנצעס בושעווען זיך פונאַנדער, הויבן אָן צו שפּאָטן און חוזקן פון יידישע פּאַסאַזשירן — דעמאָלט ווערט זיין געזיכט פאַרמורעט, זיינע אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט בלוט און ווי איז צו דעם, ווער עס פאַלט אַריין אין זיינע הענט.

וואָס וואָס, דעם יידישן כבוד און די יידישע ווירדע וועט בערטשיק קיינמאָל נישט לאָזן באַשפּייען — מעג עס אַפילו קאָסטן זיין לעבן!.

✶

ווען בערטשיק קומט פון דערוועגנס — דערפרייט מען זיך אין שטעטל: ביי אים קריגט מען אַ גמילות־חסד, אַ טובה, אַ גוטן פּאַפּיראָס, אַ שנאַפּס. ער האָט אַן אָפענע, ברייטע האַנט, גיט שטענדיק די שענסטע נדבה און איז מיט אַלעמען אַ „גוטער ברודער״. שבת און יום־טוב האַלט ער „שטאַט״: גיין אין בית־המדרש דאַווענען — און דאָ גייט אָוועק אַ פרישע סדרה ליצנות: ער האָט שוין אַרום זיך אַ שטאַב ווייסע חברהניקעס און עס גייט נישט דורך איין קדושה, אַז אויף זיין ווונק זאָל נישט פליען עמעצן אין קאָפּ אַריין דער האַנטעך פון בית־המדרש. ירוחם דעם פּראָצענטניק האָט מען אַזוי לאַנג געשטאָכן מיט שפּילקעס אין „וויכן פלייש״, אַז ער האָט געמוזט אָפּטרעטן פון זיין ירושה־שטאָט אין מזרח און פאַרקלייבן זיך אויפן צווייטן זייט פון אָרון־קודש. משה דער „דיעסאַטסקי״ ציטערט פאַר

אַן עליה ווי פאַר פּייער, דערהערנדיק „יעמוד ר׳ משה בן מרדכי״ — גיט ער זיך האַסטיק אַ הויב... וויל לויפן אויפן בימה... אָבער עס לויפט זיך נישט... די ציצית פון זיין טלית זענען שוין אַזוי צוגעקניפּט צו אַ שכנס טלית אַז כאַטש פּלאַץ, אָדער זיי עולה לתורה אָן אַ טלית... (ווייזט אויס, אַז בערטשיק ווייסט שוין פריער, ווען משה דאַרף קריגן אַן עליה...).

בערטשיק האָט נאָך אַ גאַנצע ריי פאַרשידענע „שטיק״ פאַר יעדן יום־טוב, וועלכע ער היט היילּיק אָפּ, ווי צום ביישפּיל: פּסח צו די סדרים — אַריינלאָזן צו „שפוך חמתך״ דעם קהלשן באָק צו איינעם פון די חשובי העיר... שבועות — פירן אין מקווה דעם סאַטסקעס ציג... סוכות — אַראָפּגנבענען די פליגלען פון גבאיס סוכה...

יינגוואַרג זענען גליקלעך און צופרידן, און עס דוכט זיך, אַז אָן בערטשיקן וואָלט דער יום־טוב קיין יום־טוב נישט געווען. ער וואָלט נישט געהאַט קיין זאַלץ, קיין טעם!..

אַזוי האָט בערטשיק געלעבט און געפּראַוועט זיינע ליצנות, ביז עס איז אָנגעקומען דער פינצטערער טאָג און דאָס שטעטל איז פאַרנומען געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים ימח שמם. אַלע וועגן זענען פאַרשלאָסן געוואָרן און געבליבן איז באָר די איינציקע סטעזשקע פון קידוש השם. בערטשיק איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון שטעטל און געמונטערט די יידן: זייט נישט געפאַלן ברידער, האַלט זיך, מיר וועלן נאָך זען די פלייצע פון זיי, מיר וועלן נאָך דערלעבן זייער טרייפענע מפּלה. אָבער אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל אין באָענטן וואַלד אַריין, געהייסן אויסגראָבן אַ גרויסן קבר און מען האָט אַלעמען פאַרשניטן מיט מאַשין־געווער ווי זאַנגען אויף אַ קאָרן־פעלד. אויך בערטשיק איז געווען צווישן די יידן פון שטעטל, די קויל האָט אים געזשאַלעוועט און בלויז אָנגערירט ביים האַלדז, פאַרביילויפנדעק לעם אים. אַ לייכט־פאַרוונדעטער האָט ער נאָך באַוויזן פלינק אַ וואָרף־טאָן זיך און איינבייסן טויט־ביסן אין גאָרגל 2 דייטשן און מיט דעם דריטן האָט ער זיך געראַנגלט אַזוי לאַנג ביז זיי זענעןביידע געפאַלן טויטע צווישן די צאַפּלדיקע קערפּערס פון די קדושים פון שטעטל.

און אָט אַזוי האָט פאַרענדיקט זיין לעבן בערטשיק דער ציגיינער.

# געזעגענונג

Delicated to the friend of my youth,
**Jack Lewis** and his wife, with love.
The Author

אַ סך יאָרן האָב איך געוואַנדערט אין פאַרשידענע שטעט און ערטער און האָב לאַנג נישט געזען מיין געבורטס־שטאָט.

און אַט פאַר מיין עולה זיין קיין ארץ־ישראל, בין איך געפאָרן זיך געזעגענען מיט איר, אַ קוק טאָן אויף איר צום לעצטן מאָל. זי האָט באַך דעמאָלט געצאַנקט ווי אַ ליכטל און ס׳האָט איר זיך גאָרנישט געחלומט, אַז דער בלוטיקער שטורעם דערנענטערט זיך און קומט אָן.

אין אַ לויטערן מאַי־באַגינען ברענגט מיך דער צוג אויף דער סטאַציע אַנדרעעווצי. איך שטייג אַראָפּ אויפן וואָקזאַל. כ׳בין דער איינציקער פּאַסאַזשיר. נישטאָ קיין פורל אויף צו פאָרן אין שטעטל, נישטאָ איטשע דער בעל־עגלה מיט זיין פערדל און גלעקל, מיט דער ווייכער „סעדזעניע" פון פרישע היי. ער איז געשטאָרבן אין דער צייט, פּונקט ווי ער וואָלט פאָרגעפילט, אַז ס׳וועט ווערן אויס מיט פּאַסאַזשירן און אויס מיט יאַזדעס צום באַן.

איך לאָז זיך צופוס מיט דער ליניע, שפּרייז איבער די שפּאַלן אין דער ריכטונג צום שטעטל. אַרום און אַרום גרינט אַלץ און שמעקט. דער ריח פון פרישע אָפּגעקאָסעטע היי דופט און פאַרשיכורט. די פייגעלעך צעגיסן זיך מיט זייער באַגינען־געזאַנג. דוכט זיך, די זעלבע פייגעלעך, דער זעלבער געזאַנג ווי אַמאָליקע יאָרן, ווי אַמאָליקע צייטן. פּונקט ווי עס וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט אויף דער וועלט.

און איך גיי, איך שפּרייז און בין מקנא דעם אַרום און אַרום און עס פאַרדריסט מיך אַזוי וואָס אַלץ איז געבליבן ווי געווען, גאָרנישט פאַר־עלטערט, גאָרנישט פאַרענדערט, די זעלבע לאָנקעס, די זעלבע פעלדער, דער זעלבער וואַלד — גרין, פריש, יונג — נאָר דו, דו ביסט שוין נישט דער זעלבער, נישט דער זעלבער...

אַהאַ, אָט איז שוין דאָס היימישע טייכל, די אַלטע וואַסער־מיל! ניין, ס׳איז נישט אַ וואַסער־מיל; ס׳איז, דוכט זיך, עפּעס אַן אַלטער פריינד, וועלכן מ׳האָט שוין אַזוי לאַנג נישט געזען... מיט איר, מיט דער וואַסער־מיל, זענען פאַרבונדן די גליקלעכסטע טעג פון מיין לעבן. דאָ, ביי דער גרעבלע אין די ווייספּעס אירע ליגן באַהאַלטן די שענסטע מאָמענטן פון מיין קינדהייט, פון מיין יוגנט! דאָ פלעג איך ליב האָבן שעהן

לאַנג זיך צוהערן צום געריוש פון די רעדער, צוקוקן זיך ווי דאָס וואַסער פון דעם אויבערשטן טייך פאַלט אַראָפּ אין דעם אונטערשטן. דאָ פלעג איך ליב האָבן פאַרוואַרפן אַן „אודע" און מיט אומגעדולד וואַרטן ביז דער פליוואַק פלעגט אַ ציטער טאָן און אַ צי טאָן אַ פלאָטקע, וועלכע האָט זיך געזילבערט אויף דער זון.

אַהער פלעגט מען מיט יינגלעך, חברים, לויפן זיך באָדן, זיך לערנען שווימען און לייגן „קלאַפּטער". אָבער זי איז שוין אַזוי אַלט און חרוב די היימישע מיל! עס שטייען נישט לעבן איר קיין פויערשע פורלעך מיט די אויסגעשפּאַנטע פערדלעך, נישטאָ קיין „זאַוואָז", אַלטער דער מילנער באַגעגנט מיך נישט מיט זיין ברייטן פריילעכן „גוט מאָרגן!"...

איך שטעל זיך אויפן בריק, שפּאַר זיך אָן אויף דער פּאָרענטשע, קוק אַראָפּ אין די שפּיגלדיקע וואַסערן צו מיינע אַמאָליקע באַקאַנטע — צו די פישעלעך — וואָס שווימען אַרום אַזוי פריילעך און זאָרגלאָז. איך טראַכט, אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט אַ שטיקעלע פריש ברויט, זיי אונטערצוּוואַרפן אַ ברעקל — זאָלן זיי אויך וויסן ס'אַראַ גאַסט זיי האָבן!

לאַנג, לאַנג שטיי איך אַזוי און קאָן זיך נישט רירן ווייטער... איך בין באַהערשט פון אומעט און פון דערינערונגען...

אָט זענען די שטעגעלעך און וועגעלעך, ווו מ'האָט (דוכט זיך, ווי לאַנג!) געשפּילט און געלאָפן — איצט טרעט איך אויף זיי מיט לאַנגזאַמע סאָלידע טריט, מיט אַ שטעקן אין האַנט, מיט אַ פּוד יאָרן אויף די פּלייצעס. איך טרעף אומבאַקאַנטע מענטשן, פּנים חדשות. זיי טראַכטן: ווער איז דער פרעמדער? און איך טראַכט, ווער זענען זיי, אָט די פרעמדע!.. איך קוק אָן מיט גרויסע אויגן יעדעס ווינקעלע, יעדן שטיין, יעדן בוים, פון אַלע שפּראָצן אַרויס זכרונות און זכרונות...

אָט־דאָ איז געווען די רוסישע שולע (שקאָלע), די קאַנצעלאַריע, אַנטקעגן איבערן וועג די „רעשאָטקע" מיט אייזערנע גראַטעס און די קליינע פענצטערלעך — די גרויזאַמע תפיסה פון שטעטל, ווו דער אַלטער וועכטער האָט געהאַלטן אייביק אונטערן שלאָס אַ זאַשעק קאַרטאָפל און אַ פעסל פאַרזויערטע קרויט...

נישטאָ קיין זכר פון די דאָזיקע „רעגירונגס־געביידעס"! דאָס אָרט — פאַרוואַקסן מיט גראָז... נישטאָ קיין שרייבער, קיין „אוטשיטעל" — זיי זענען פאַרשוונדן, מ'ווייסט נישט ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען, די האַרציקע „שהכל־מאַכערס" וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קוויקן זיך מיט דער „כוסה" און האָבן געמיינט, אַז רוסלאַנד הייבט זיך אָן אין „מאָנאָפּאָל"

און ענדיקט זיך אין „מאַנאַפּאַל״; וואָס האָבן געגלויבט, אַז אַלץ וועט אַזוי אייביק בלייבן, וועט זיך קיינמאָל נישט ענדערן.

פון ביידע זייטן וועג, אַרומגעצוימט מיט פּלויטן, שפּרייטן זיך די „עפרי זהב״ — די יידישע פעלדער און גערטנער. ס׳פּרייען די אויגן די אויסגעצערטלטע בייטן מיט פּאַרזעצטע אוגערקעס, באַפּוצטע מיט אויפ־גייענדיקע גרינע שטשעפּיר, וועלכע ציען זיך גלייך און סימעטריש, ווי פּערזן פון אַ פּרעכטיקן פרילינגס־ליד. ס׳איז נאָך באַגינען, דוכט זיך, אויפן הימל שלאָפט מען נאָך — און זיי, די ווייבער, די יידישע ווייבער — ליגן שוין אין די ראַזאַרעס און יעטן און באַגיסן די אוגערקעס — די אוגערקעס, מיט וועלכע ס׳איז אַזוי באַרימט מיין שטעטל...

אַ קלויסטער! אַ ריזיקער קלויסטער מיט אַ צלם, וואָס שניידט זיך אין הימל, איז אויסגעוואַקסן אין שטעטל. ווי אַ טורעם פון רויטע ציגל זעט מען אים פון מיילן אַרום און אַרום. דער אַלטער בית־המדרש, די יידישע הייזער, וואָס טוליען זיך אַרום אים, זענען אַזוי ווי איינגעשרומפּן, אַזוי קליין געוואָרן אַנטקעגן אים. אַ ריזיקער קלויסטער! אַמאָל, אין די רוסישע צייטן, איז אין שטעטל אַראָפּגעקומען דער גובערנאַטאָר, אַ טיפער זקן, אַ הויכער, און אַ פעסטער ווי אַ דעמב. איז צו אים געקומען אַ דעלע־גאַציע אַלטע פּוילישע פּויערים, זיך געבוקט און געבעטן: וואָשע פּרעוואָ־סכאָדיטיעלסטוואָ, אונדזער קאָשטשאָל איז אַלט, קוים וואָס ער האַלט זיך, דערלויבט בויען אַ נייעם.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך אַ שטעל געטאָן, אויסגעגלייכט זיך אין זיין גאַנצן ווּקס, פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך און אַן ענטפער געטאָן:

— דאָ! — אייער קאָשטשאָל איז אַלט, איך בין אויך אַלט, פונדעסט־וועגן האַלט איך זיך — ער קאָן זיך נאָך אויך האַלטן!..

די פּויערים זענען אַוועק ווי אָפּגעשמיסענע... האָט זיך אָבער נישט מייאש געווען דער גלח פון שטעטל:

— דער גובערנאַטאָר וועט דאָ נישט זיין, אָבער אַ קאָשטשאָל וועט דאָ יאָ זיין!..

און צייטן זענען געלאָפן, צייטן האָבן זיך געביטן. מ׳האָט געפירט ציגל, קלעצער, מען האָט געשטעלט רישטאָוואַניעס און צוואַנציק יאָר איז דער גלח געלאָפן אויף די רישטאָוואַניעס און געבויט...

און אָט שטיי איך איצט און פאַררייס דעם קאָפּ אין דער הויך, מעסט מיט די אויגן דעם הויכן טורעם און באַוווּנדער אים. איך דערמאָן זיך דעם אַלטן גובערנאַטאָר און וואַרף אַ בליק אויף דער זייט, ווו עס שטייט אַן

אָפּגעבליאַקירטע, אַ פאַריתומטע, די אַלטע רוסישע צערקווע. איך טראַכט: ווי די צייטן בייטן זיך!.. איך לערן אָפּ אַ מוסר השכל, עס ווילט זיך מיר אויסרופן: היי, איר, עקסעלענצן, היט זיך פאַרן שפּיל פון דער געשיכטע!..

אַרום קלויסטער איז אויסגעמויערט אַ שטיינערנער צוים. עפּעס פעלט מיר דאָ, עפּעס האָט זיך געענדערט, איך ווייס נישט וואָס. אַהאַ! ס׳פעלן די אַלטע ווערבע־ביימער, דער שאָטן וועלכער פלעגט פאַלן אַנטקעגן אַריבער אין די פענצטער פון דער שטוב, ווו איך בין געבוירן, זיך געהאַ־דעוועט און אויסגעוואַקסן...

ווו עס איז אַמאָל געשטאַנען דעם אַלטן רבס שטיבל, איז אויסגעבויט אַ גרויסער, גערוימער בית הרב. אין דעם אַלטן קליינעם שטיבל האָט געלעבט אַ גרויסער רב, אין דער בייער גרויסער שטוב — וועלן וווינען צו־גרויסע רבנים. וואָס פאַר אַ רב ס׳וועט נישט זיין — וועט ער שוין זיין צו גרויס פאַר דעם שטעטל.

דער בית־המדרש — אַלט און אָפּגעלאָזן. ביים אַריינגאַנג, אונטער די טרעפּ פון עזרת־נשים, שטייט ווי אַמאָל די טהרה־ברעט — די אייביקע אַנזאָגערין פון „מעמענטאָ מאָרי" (געדענק וועגן טויט!).

אַ מאָדנע זאַך! עפּעס דוכט זיך מיר, אַז דאָ אין שטעטל הערשט נאָך אַלץ די אייביקע אידיליע, אַז דער טויט איז נאָך דאָ אַלץ אַ נאַטירלעכע, אַ זעלטענע זאַך, איז נאָך אַלץ דער איינציקער מאָנאָפּאָל פון מלאך־המות און איז נישט הפקר און ביליק ווי אין דער גרויסער וועלט, אין די הענט פון צעיושעטע אויסוואָרפן און צעיאָגטע שאָפערן...

אין בית־המדרש — פּוסט און עלנד. ס׳קלינגט נישט קיין תנו רבנן און אמר אביי פון יינגלעך מתמידים. ס׳איז אויפגעשטאַנען אַ נייער דור, אַ „פאָרשעכנער" דור!..

אַ גאַנצע וואָך קלייבט זיך זעלטן צונויף אַ מנין צום דאַווענען. די מענטשן צעפאָרן, צעשטאָרבן, געבליבן נאָר די שטענדערס, גאַנצע רייען שטענדערס אָן דאַוונער, אָן לערנער. אַ געפאַקטער בית־המדרש פון פאַר־יתומטע שטענדערס, וועלכע דערציילן פון יראת שמימדיקן דור, וועלכער איז פאַרשוווּנדן אויף אייביק.

עס ווערט מיר נישט היימלעך, איך גיי צו צו דער ספרים־וואַנט... צי אַרויס אַן אַלטן באַקאַנטן ספר... טו אַן עפן... אויף די טאָוולען שעמע־רירן נאָך די אויפשריפטן וועלכע איך האָב אויף זיי געמאַכט נאָך אין די קינדערישע יאָרן.

זיי געגריסט, אונדזער אַלטער בית־המדרש! אין דיינע ווענט בין איך

נאָך געווען יונג און גליקלעך, געווען פול מיט האָפענונגען און געגלויבט אין גאָט און אין זיך!..

✶

ס'איז אַזוי היימלעך און געמיטלעך אויפן אַלטן בית־עולם! די פייגע־לעך זינגען, אַ גאַנצע קאַפעליע צוויטשערלעך גיבן אָפּ אַ קאָנצערט פאַר די פאַרזונקענע אין אייביקן שלאָף. ס'ציען זיך שורות מצבות — אַ שטאָט, אַ גאַנצע שטאָט, אַ סך גרעסערע ווי דאָס לעבעדיקע שטעטל.

— ס'אַרא פאַרגעניגן דאָ איז — זאָגט צו מיר מיין פריינד, וואָס באַגלייט מיך. נישטאָ דאָ קיין וועקסלען, קיין שטייערן, מ'דאַרף דאָ נישט ענטפערן קיין גמילות־חסדים.

מיר שפּאַצירן צווישן די קברים... אָט דאָ רוט דער אַלטער רב. מיר דוכט זיך, ער איז נאָך אַלץ פאַרטיפט אין זיינע ירושלמיס. דאָ איז אַזוי שטיל און רואיק, קיין יונגאַטשעס „קערן נישט די וועלט" — ערשט דאָ דערגייט ער די גאַנצע טיפקייט פון די האַרבע סוגיות, אויף וועלכע ער האָט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט דעם גאַנצן לעבן...

די גאָלדענע אותיות אויף דעם חזנס מצבה איז שוין אָפּגע־בליאַקירט, אָבער זיינע ניגונים זענען נאָך פריש און לעבן נאָך ביים עולם... עס דוכט זיך מיר — איך הער פון קבר זיין שטימע. ס'קלינגט מיר אין די אויערן זיין געזאַנג „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר"...

מיין זיידנס קבר. מ'האָט אים היינט דערמאָנט אין שטעטל — נישטאָ קיין רעגן — עס פעלט דער זיידע. אַמאָל, ווען עס האָט זיך פאַר־צויגן און געפעלט רעגן, פלעגט מען אויספראַווען צום עמוד דעם זיידן ע"ה, און אַז ער פלעגט שוין אָוועקלייגן די תפילה פון עצירת גשמים, פלעגט שוין מוזן זיין אַ רעגן...

אָט זענען זיי — די גאַנצע פני פון שטעטל, רואיק און געמיטלעך, פאַרגעסן געוואָרן. פונקט ווי ס'וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען קיין קריגערייען, מחלוקת, פעטש פאַר כבוד, פאַר עליות, פאַר פרנסה, פאַר אַ פיצל פלאַץ, פאַר אַ שטיקל מעזשע — זיי האָבן זיך אַלע אויסגעגלייכט. דער שלישי מיט איינס פאַר אחרון, דער למדן מיטן עם־הארץ, דער נגיד מיטן קבצן. איך גיי פאַרביי בעמען פון מענטשן, וועלכע האָבן, דוכט זיך, נאָך באַדאַרפט זיין דאָרטן אין שטעטל, און האָבן אַזוי פאַרבלאָנדזשעט אַהער פאַר דער צייט (די מלחמה, די ליבהאַרציקע וועלט־מלחמה).

איך זוך אָפּ מיין באָבעס קבר, זי ליגט אויף אַזאַ פרייען זוניקן אָרט, אַזוי שטיל, אַזוי צניעותדיק, ווען מען איז נאָך דאָ אַזוי גוט ווי איר. דעם

גאַנצן לעבן געפּאַסט תעניתים. פאַסטן — דאָס איז געווען דער עיקר, דער אינהאַלט פון איר לעבן, און דאָ אַ פאַרגעניגן, זי ליגט זיך און עס פאַסט זיך. ס'פאַסט זיך... דעם לאַנגן אייביקן תענית.

אויך אַ מאָדערנער אויסגעמויערטער אוהל איז אויסגעוואַקסן אויפן בית־עולם. דאָס האָבן אַמעריקאַנער קינדער אַוועקגעשטעלט זייער מוטער. צען זענען זיי געווען — צען זין.* און די מצבה לויטעט:

„אשה ילדה עשרה בנים".

מיין פריינד וויזט מיר אָן אויף אַ פרישן קבר.

— ווייסט ווער עס רוט זיך דאָ אָפּ? — פרעגט ער ביי מיר. — דער רבי!

— וועלכער רבי? קוק איך אים אָן פאַרוווּנדערט.

— יאָסעלע פראַדעס, דער רבי פון אָקע און פראַפּעראַנס! ער איז נעבעך געשטאָרבן אין סאַמע רעכטן שפּיל מיט דריי מוידן אין האַנט.

עס ווערט מיר אומעטיק. ווער, ווער, אָבער יאָסעלע פראַוועס זאָל איבערלאָזן אַזאַ וועלטל מיט מוידן, מיט מלכים, מיט טייז און פאַרקלייבן זיך אַהער, וווּ ס'איז נישטאָ קיין פּולקע און פּראַפּעראַנס — פּע, דאָס וואָלט איך זיך אויף אים קיינמאָל נישט געריכט...

מיר פאַרלאָזן דעם בית־עולם. די זון צעגיסט אירע מילדע שטראַלן אויף די גרינענדיקע לאַנקעס, אויף די געבענטשטע קאָרן־פעלדער, וואָס שווימען און כוואַליען זיך ווי אַ גאָלדענער טייך. פון באַעטן ווערלדל דער־טראָגט זיך אַ „קוקו" וואָס זאָגט אָן אַ וואַרעמען מאַיאָווון רעגנדל. אַרום און אַרום שפּרייט זיך אַ פרעכטיקע פּאַנאָראַמע. אַלץ וואַקסט, אַלץ בליט און שמעקט.

איך גיי, אויף אַלטן שטייגער, איבער די הייזער, געזעגענען זיך מיט אַלעמען. יאָ, יאָ, עס איז נישט פיל צו גיין. שוין נישט פיל געבליבן פון די אַלטע ידידים, פון די אַלטע גוטע פריינד. ביי אַלעמען שטייען טרערן אין די אויגן, אַלע זענען מיך מקנא, אַלע ווילן פאָרן אין ארץ־ישראל, אַלע, אַלע, אַפילו בערל דער אַלטער בונדיסט, דער קעמפער פון פינפטן יאָר, פאַרטרויט מיר שעמעוודיק אַ סוד: ער וויל אויך פאָרן אין ארץ ישראל. איך טראַכט: רבונו של עולם, וואָס קומט דאָ פאָר? משיחס צייטן? דעם אמתן משיח אָדער נאָך אַלץ אַ פאַלשן?..

דעם לעצטן וויזיט מאַך איך ביי יאַזיען, ביי אונדזער יאַזיען. ער פאַלט

---

* די זין פון נח האליאַוויצער.

אַרויף אויף מיר, דערפרייט זיך ווי מיט אַן אייגן קינד. ער שפּאַנט דאָס פערד און פירט מיך צום באַן.

— אַז דו וועסט קומען בשלום אין „יערוזאַלעם” — זאָגט ער צו מיר — זאָלסטו אָפּגעבן אַ גרוס דיין טאַטן, זאָל אים גאָט געבן געזונט, זאָל ער זיך אַ „מאָדליע” טאָן פאַר יאזיען, מיר זענען דאָך געווען אַזעלכע גוטע פריינד. איך האָב דאָך שטענדיק אַרויסגעפירט אויפן פעלד אייערע מיסט, אַרומגעשאָטן די קאַרטאָפּל, אַראָפּגעפירט אייער תבואה...

— אַ שאָד, אַ שאָד — האָט נישט אויפגעהערט צו זיפצן דער אַלטער יאזיע — אַט פאָרסטו שוין אויך אַוועק, אַלע גוטע מענטשן פאָרן אַוועק. מיט וועמען בלייבן מיר?..

איך וואַרף צום לעצטן מאָל מיין בליק אויפן שלאָס־באַרג, אויפן וועלדל און ברום אונטער:

— זייט געגריסט, בערג און וועלדער, איך פאָר אַוועק אויף שטענ־דיק... אויף שטענדיק...

ס׳קומט אָן דער צוג. איך שטייג אַריין אין וואַגאָן. דער לאָקאָמאָטיוו רירט. מיין איינציקער באַגלייטער, דער אַלטער יאזיע, שטייט נאָך לאַנג אויף דער פּלאַטפאָרמע און גריסט מיר מיט זיין גרויען קאָפּ...

עליזאַבעט און יקותיאל ניימאַן —
מיט ליבשאַפט.

# צדיקים און לייז-ניקעס

# 18 חדשים אין א קאסטן

אונדזער פאַמיליע איז דאָך אייך באַקאַנט. מיין פאָטער האָט געהייסן משה אַלטער קושניר, אין שטאָט האָט מען אונדז גערופן די „קאַכעלניקעס” צוליב דער קאַכל־פאַבריק, וואָס מיר האָבן געהאַט. אַ פאַרצווייגטע יידישע פאַמיליע פון שטילע הארעפאַשנע מענטשן. נאָר וואָס איז דאָ וועגן זיי צו רעדן — זיי האָבן מיטגעטראָגן דעם גורל פון אַלע וואָלקאָוויסקער יידן נעבעך און חבל על דאבדין ולא משתכחין!

איך בין געווען איינער פון אַכט קינדער, שוין איצט אַלט 35 יאָר. געענדיקט פראָוויזאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט און געאַרבעט אין קורליאַנסקיס אַפטייק אויף דער ברייטער גאַס. אין 1934 בין איך איבער־געפאָרן קיין קרינעק, דאָרט חתונה געהאַט מיט מיין פרוי, אַ טאָכטער פון דער פאַמיליע זאַלקין, אַזוי אַרום אַז דער קריג־אויסברוך האָט מיך פאַר־כאַפּט אין קרינעק.

קרינעק איז פון אייביקע יאָרן געווען אַן אַרבעטער־שטעטל, אַ שטעטל פון לעדער־פאַבריקן, רעוואָלוציאָנער געשטימט, נאָך אין ניקאָלאַיס צייטן האָט זיך קרינעק אויסגעצייכנט מיט אירע קאַמפן. אין קרינעק האָט מען שטענדיק געמוזט האַלטן אַ פאָר סאָטניעס קאָזאַקן, זיי זאָלן האַלטן אָר־דענונג אין שטעטל. קרינעק האָט אַמאָל געמאַכט שבת פאַר זיך: די צאַ־רישע פּאָליציי אַריינגעוואָרפן אין אַ חזיר־שטאַל, געמאַכט אַ קרינקער סאָציאַלע רעוואָלוציע, פאַרנומען די פּאָסט, דעם טעלעגראַף, אַרעסטירט דער פּריסטאַוו. אויך דער באַרימטער רעוואָלוציאָנער סיקאָרסקי וואָס האָט געשאָסן פּלעווען, איז געווען אַ קרינקער גאַרבער.

איצט אַז מ׳האָט דערהערט אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבער דעם ווייסרוסישן גרענעץ — האָבן די אַרבעטער נישט געוואָלט וואַרטן, גלייך איבערגענומען די מאַכט אין שטעטל, און ווען די פּוילישע מאַכט און פּאָ־ליציי זענען נאָך געווען אין שטעטל, האָט שוין אויפן מאַגיסטראַט געפלאַ־טערט די רויטע פאָן.

אַז די סאָוועטן זענען אַריינגעקומען איז די שמחה געווען גרויס.

יידן זענען געווען גליקלעך, אַפילו די ערגסטע פאַרביסענע קעגנער פון די קאָמוניסטן — די גבירים, די פאַבריקאַנטן — זענען געווען צופרידן. ביי זיי האָט געהייסן אַז דער טויט־אורטייל — דאָס הייסט דער אַריינקומען פון די דייטשן — איז פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה... איך האָב געאַרבעט אין אַן אַפטייק ביי אַ געוויסן זשוכאָוויצקי, און איצט אַלס פּראָלעטאַריער, בין איך באַמינירט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון אַפטייק און דער באַלעבאָס מיינער אַלס אַרבעטער ביי מיר. לויט מיינע באַמיונגען איז אים דערלויבט געוואָרן צו פאַרבלייבן זיצן ביי זיך אין שטוב, ווו די אַפטייק איז געווען.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָוועטישער אַרט לעבן, און אויסער די גבירים וועלכע מען האָט אַרעסטירט און געשיקט אין סיביר, איז די יידישע באַפעלקערונג געווען צופרידן. מ׳האָט געאַרבעט, געלעבט און געהאָפט אויף בעסערע צייטן. מ׳האָט געהאָפט און זיך דערהאָפט...

דעם 22־טן יוני 1941 האָבן זיך באַוויזן דייטשישע עראָפּלאַנען און אָנגעהויבן באָמבאַרדירן דאָס שטעטל. פון די עראָפּלאַנען האָבן זיי געוואָרפן פלוג־בלעטלעך, אַז די באַפעלקערונג זאָל אַרויסגיין אויפן פעלד און אָנטאָן ווייסע טיכלעך אויף די קעפּ. דער עולם איז אַרויס אויפן פעלד און אזוי איז מען געזעסן ביז דעם 28־טן יוני גאַנצע 6 טעג, ביז אייניקע עראָפּלאַנען האָבן זיך געבומען אַראָפּלאָזן זייער נידעריק און ווען זיי האָבן דערזען יידן זיצן, געגעבן סיגנאַלן, און אויף זיי דערלאַנגט אַ פייער פון אַרטילעריע. ס׳זענען דערהרגעט געוואָרן פיל מענטשן, צווישן זיי אויך מיין באַלעבאָס זשוכאָוויצקי מיט זיינע צוויי טעכטער, זעלטענע שיינהייטן.

ווי די דייטשן זענען אַריין אין שטעטל האָבן זיך די באַציהונגען צווישן די יידן און די קריסטן תיכף געביטן. אָנשטאָט דעם, וואָס אין דער צייט פון די סאָוועטן זענען די באַציהונגען געווען ממש אידעאַלע, האָבן די קריסטן איצט ערשט באַוויזן זייער שנאה און האָס צו יידן. גלייך גענומען מסרן און רודפן די יידן, געהאָלפן כאַפּן און אַרעסטירן יידן אונטערן אויסרייד, אַז זיי זענען קאָמוניסטן — און דערשיסן זיי. ס׳זענען דערשינען די באַקאַנטע פאַראָרדענונגען פון טראָגן געלע לאַטעס, פאַרבאָטן צו רעדן מיט אַ קריסט, צו האַנדלען, צו האַלטן אַ פערד, אַ קו. איך האָב אויך אָנגעטאָן געלע לאַטעס, אָבער אין אַפטייק בין איך פאַרבליבן. קיין אַנדער פּראָוויזאָר איז נישט געווען. כ׳בין געשטאַנען אין מיין ווייסן כאַלאַט, אַ לאַטע פון פאָרנט, אַ לאַטע פון הינטן, — און געמאַכט רעצעפּטן.

מיין פאַך האָט מיך געראַטעוועט און מיר האָט זיך פאַרהעלטעניש־מעסיק געלעבט גוט. איך האָב אַפילו אַראָפּגעבראַכט פון וואָלקאָוויסק אַ ברודער מיט אַ שוועגערין, וועלכע איך האָב באַשעפטיקט אין אַפטייק און זענען ביי מיר אָפּגעווען אַ יאָר צייט.

דעם 13־טן דעצעמבער 1941 האָט מען געשאַפן אַ געטאָ, אָפּגעצוימט אַ קוואַרטאַל מיט שטעכעדיקע דראָטן און אַריינגעטריבן אַהין אַלע יידן פון שטעטל. גראָד איז אויסגעקומען, אַז דער צאַם פון געטאָ איז דורכגע־גאַנגען דעם הויף פון מיין אַפטייק. אָט דער צופאַל האָט שפּעטער באַקומען אַ וויכטיקע באַדייטונג. היות דורכן טויער פון געטאָ פלעגט מען נישט קאָנען דורכטראָגן קיין שום זאַך, פלעגן די יידן וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט און זיך שאַפן עטוואָס שפּייז אויסער די ווענט פון געטאָ — אַריינוואַרפן די שפּייז אין אַפטייק — און מיר פלעגן עס שוין אַריבער־וואַרפן אין געטאָ אַריין. דערווייל איז אין געטאָ אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. די ענגשאַפט איז געווען גרויס, דערצו האָט מען נאָך געבראַכט צו טרייבן אין קרינקער געטאָ די יידן פון בערסטאָוויץ, איז די ענגשאַפט געוואָרן נאָך גרעסער. האָב איך אָרגאַניזירט אין געטאָ אַן אַפטייק און קומענדיק אין אָוונט פלעג איך מאַכן די רעצעפּטן. שפּעטער האָב איך אויך אויסגעלערנט אַ מיידל מאַכן די רעצעפּטן. אָבער מיין קאָמיסאַר האָט נישט גערוט, די גאַנצע צייט געזוכט אַ מענטש, מיט וועלכן מיך צו פאַרבייטן. מיט דער צייט האָט ער אויסגעפונען אַן אַלטן פּוילישן פּראָ־פעסאָר פון אַגראָנאָמיע פון ווילנער אוניווערסיטעט, וועלכער האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַמאָל אַ פעטער אַן אַפּטייקער און ווייסט ווי אַזוי צו מאַכן רעצעפּטן. אין דער אמתן האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר געוווּסט אין פאַרמאַציע ווי אַ האָן אין בני־אדם און האָט אַליין זיך דערנאָך געסטאַרעט איך זאָל פאַרבלייבן אין אַפטייק.

דאָס לעבן אין געטאָ איז געגאַנגען אונטערן צייכן פון אייביקער טויט־שרעק און קאָשמאַר. עס פלעגן זיך אַרומטראָגן פאַרשידענע קלאַנגען וועגן שחיטות אין אַנדערע שטעט. מען האָט דערציילט וועגן קינדער־אַקציעס אין דער ליטע, וועגן אַקציעס פון אַלטע לייט. דעם 1־טן נאָוועמ־בער 1942 האָט זיך אין געטאָ פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז „עפּעס״ דאַרף פּאַרקומען. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק. קומענדיק אין אָוונט אין שטוב אַריין, האָב איך שוין געטראָפן אַלעמען צערודערטע. די יידישע געטאָ־פּאָליציסטן האָבן זיך דערוווּסט פון דער פּוילישער געהילפס־פּאָליציי, אַז מאָרגן דאַרף עס געשען! די פאַמיליע־מענטשן זענען צו מיר צוגעשטאַנען, אַז

איך זאָל זיך אומקערן אין אַפּטייק. דאָס קינד האָט מיר די מוטער צוגעזאָגט צו היטן. זיי האָבן געהאַט אַ גוט באַהעלטעניש פאַרן קינד. אַזוי ווי איך האָב אַליין נישט געוואָלט גיין, האָט מיין פרוי מסכים געווען צו גיין מיט מיר, זייענדיק זיכער, אַז זי לאָזט איבער דאָס קינד אין זיכערע הענט (דאָס קינד איז אַלט געווען צוויי מיט אַ האַלבן יאָר). מיר זענען ביי נאַכט אַרויס פון שטוב, אַריבער איבערן פאַרקאַן פון שטעכעדיקע דראָטן, אַריבערגעוואָרפן זיך מיט שמאַטעס, פריער אַליין אַריבערגעקראָכן, דאַן אויך אַריבערגענומען די פרוי, אַריין אין אַפּטייק און אַרויף אויפן בוידעם. מיר זענען אַזוי געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. אַזייגער 6 פאַרטאָג האָבן מיר דערהערט אַ גרויסן גערודער אין געטאָ, ווילדע געשרייען, יאָמערייען, שיסערייען. דערנאָך האָט זיך צו אונדזערע אויערן דערטראָגן דער רעש פון פאָרנדיקע פורן — פון אַ גאַנצן אָבאַז. וואָס ס׳קומט פאָר האָבן מיר נישט געוווּסט, ערשט 10 אַזייגער אין דער פרי האָבן מיר דערהערט, אַז מען גייט שוין אַרום אין אַפּטייק. איך בין פּאַמעלעך אַראָפּ פון בוידעם און פאַרקוקט פון דער הינטער־טיר אין אַפּטייק. אַ שיקסל וואָס האָט געאַרבעט אין אַפּטייק האָט מיך דערזען און איז אַרויס צו מיר. — שיק מיר אַרויף דעם פּראָפעסאָר — האָב איך זי געבעטן. דער פּראָפעסאָר איז אַרויס און האָט מיך דערזען — האָט ער פאַרבראָכן מיט די הענט: „פּאַניע, צאָ טו פּאַן ראָבי, פּשעציעזש וואַשיך ווסיסטקיך ניקאָגאָ ניעמאַ, יוזש ווסיסטקיך וויוויעזשלי...״ (מיין הער, וואָס טוט איר דאָ, פון אייערע איז דאָך שוין קיינער נישטאָ, מ׳האָט דאָך שוין אַלעמען אַרויסגעפירט...). — פּאַניע פּראָפעסאָזשע, זאָג איך צו אים, זיי רואיק, ביי דער נאַכט וועלן מיר אַוועקגיין, איך בעט דיך נאָר איין זאַך, האָב רחמנות, גיי גיב אַ קוק אין געטאָ, וואָס איז דאָרט מיט אונדזערע!.. — איך האָב נישט וואָס צו גיין — זאָגט ער, ס׳איז פון קיינעם קיין דוך נישטאָ דאָרט, זע נאָר דו זאָלסט אַוועקגיין ביינאַכט, וואָרעם איך ציטער!.. איך בין אַרויף אויפן בוידעם, אָפּגעווען אַ גאַנצן טאָג און אויפן אָוונט ווען דער פּראָפעסאָר איז אַוועק, אַראָפּ אין אַפּטייק, זיך אָנגעשאָטן אַ פּיינע דאָזע סם עס זאָל סטייען פאַר אונדז ביידן און אַרויף צוריק מיטן געדאַנק, אַז אין דער פרי, איידער דער פּראָפעסאָר וועט קומען — דערליידיקן דעם ענין... באַגינען אָבער, ס׳האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, מיר הערן אַ געוויין... — הייסט עס אַז ס׳זענען נאָך דאָ יידן אין שטעטל! איך בין אַראָפּגעלאָפן פון בוידעם און דערזען יוסף גאָלץ, אַ יודענראַטניק, לויפט אַרום מיט פאַרבראָכענע הענט, זוכט זיין פאַמיליע, וועלכע איז אים פאַרשווּנדן געוואָרן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אים מיט נאָך 40 מאַן האָט

מען איבערגעלאָזן (150 מאַן, וואָס דאַרפן אַרבעטן אין לעדער־פאַבריק און 90 מאַן ליקווידירן דעם געטאָ). די איבעריקע יידן פון געטאָ האָט מען אין פאַרלויף פון דריי פערטל שעה צעהרגעט, צעממיתט, צעבלוטיקט און אַרויסגעטריבן, די קינדער — געשליידערט, געוואָרפן אין וואָגנס און אַוועק־געפירט. אין משך פון איין שעה איז אין געטאָ נישט געבליבן קיין איין לעבעדיקער נפש. ס'איז געווען אַ בליץ־פּאָגראָם אַז קיינער זאָל זיך נישט קאָנען ראַטעווען, קיינער זאָל זיך נישט קאָנען אָריענטירן... איך האָב אַראָפּ־געררופן די פרוי... די דראָט־פאַרצוימונגען זענען געווען איבערגעריסן אין אַ סך ערטער צוליב דער גרויסער אייליקער באַוועגונג, וואָס איז פאָרגע־קומען. מיט שנעלע טריט זענען מיר אַריין אין געטאָ און אַריינגעשטופּט זיך צווישן די הונדערט מאַן, וואָס זענען געווען קאָנצענטרירט.

ווי קאָן מען שילדערן דאָס בילד, וואָס אונדזערע אויגן האָבן דערזען אין געטאָ: טיר און טויער אויפגעפּראַלט. די עלעקטריע ברענט, דאָ אַ טעפּל עסן אַ נישט דערקאָכטער, דאָ אַ ניימאַשין, אַ העמד, אַ דייזשע ברויט, אָנגעהויבן צו קנעטן, מ'זעט דריי מאָל די האַנט אַריינגעקנאָטן, אַ ריב־אייזן, אַ קאַרטאָפל אַ נישט דעררייבענער, אַ אָפענער סידור אין שמונה־עשרה, אַ שמונה־עשרה אַ נישט דערשטאַנענע, אַ טלית און תפילין, דער „של ראש" אַן אויפגעוויקלטער, דער „של יד" נישט קיין אויפגעלייגטער, די בעטן נישט פאַרבעטע... מ'האָט אַרויסגעטריבן פון די בעטן, אַרויסגעריסן פון די וויגן — ס'איז געווען באַגינען, יידן האָבן זיך געגרייט צו לעבן זייער געוויינלעכן געטאָ־טאָג...

נאָך עטלעכע טאָג אַרבעט אין פאַבריק, בין איך צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר, אַ דייטש אַן עס.־ס.־מאַן, געגעבן אים אַ מתנה אַ געוויסע סומע געלט, וועלכע כ'האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט און ער האָט מיך באַשטימט אַלס פעלדשער אין לאַגער און די פרוי אַלס קראַנקן־שוועסטער, און מיר זענען פאַרלויפיק געווען געראַטעוועט. מיט דער צייט האָב איך זיך מיט דעם דירעקטאָר נאָך נאָענטער באַפריינדט, איך פלעג אים אָפט ברענגען מתנות, קיין מתנות האָבן נישט געפעלט. יידיש האָב און גוטס האָט זיך געוואַלגערט פריי אין געטאָ. מען האָט געקאָנט אַריינגיין אין אַ דירה און נעמען וואָס מ'האָט געוואָלט. אַ קריסט, אַז ער פלעגט נעמען אַ טעלער, פלעגט מען אים שיסן, אָבער אַ ייד האָט מען נישט געשטערט. זיי האָבן געוווסט, אַז סיי־ווי־סיי וועט עס בלייבן פאַר זיי... שווידערלעך איז געווען אַריינצוגיין אין טויטע דירות, ווילדע קעץ פלעגן אַרויסשפּרינגען פון אונטער די פּערינעס פון די נישט פאַרבעטע בעטן...

אָט אַזוי בין איך געוואָרן אַ פעלדשער. יידן פלעגן קומען צו מיר מיט ווונדן, מיט צרות — געוואַלד, ראַטעוועו! איך פלעג זיי זאָגן — איר ווייסט דאָך, אַז איך קען דאָס נישט — פלעגן זיי זאָגן — טו עפּעס, שנייד, וואָס ס׳וועט זיין — וועט זיין, אַבי טו עפּעס! און איך מוז זאָגן — די הצלחה האָט מיר געשפּילט, כ׳האָב געשניטן, באַנדאַזשירט און אַ סך קראַנקע אויס־געהיילט.

איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז צו מיר צוגעקומען אַ פּוילישער געהילפס־פּאָליציאַנט וואָס האָט געהיט דעם טויער און מיר געזאָגט, אַז איינער אַ פּויער וויל מיך זען. איך האָב נישט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגיין צו אים, ווייל די פּויערים פלעגן קומען אָפט קויפן זאַכן ביי יידן. זיי ווילן קויפן אַלץ וואָס דו האָסט אויף דיר: אַ סוועדער, אַ בעזרוקאַווקע, אַ פּאָר שטיוול. — צו וואָס דאַרפסטו עס האַלטן, — זאָגן זיי — דו דאַרפסט דאָך עס סיי־ווי־סיי נישט האָבן. איך וועל דיר באַצאָלן וועסטו האָבן אויף צו עסן אַ פּאָר טעג...

דאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען און דערזען פאַר זיך דעם פּויער פּיאָטר ביעגאַנסקי, מיין אַמאָליקן באַלעבאָס. דעם ערשטן יאָר נאָך מיין חתונה האָב איך בערך אַ יאָר צייט געוווינט ביי אים אין אַ דירה. — פּאַניע קושניר — זאָגט ער צו מיר, — איך בין געקומען צו דיר זאָלסט מיר איבערשרייבן דעם רעצעפּט וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געגעבן... איך האָב אים פאַרוווּנ־דערט אָנגעקוקט. — וואָס פאַר אַ רעצעפּט האָב איך דיר געגעבן?.. האָב איך אים פאַרוווּנדערט געפרעגט. זעענדיק, אַז דער פּאָליציאַנט הערט זיך צו צו אונדזער געשפּרעך, האָט ער מיר אַ פינטל געטאָן מיטן אויג. — נו, דער רעצעפּט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן קעגן לייב־שמערצונג... — אַהאַ! זאָג איך, יענעם רעצעפּט? איך האָב אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אָפּ־געגאַנגען מיט אים אין אַ זייט און אָנגעהויבן צו שרייבן... — הער זיך איין — זאָגט צו מיר דער פּויער, איך האָב געהערט, אַז אין „שוויענטע פּיסמאָ" (הייליקע שריפט) שטייט געשריבן, אַז אין מאַרזשעץ חודש וועט דער דייטש אַנטלויפן, וויל איך דיך מיט דיין פרוי נעמען צו מיר. איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט פאַר אייך! — נו, זאָג איך, און טאָמער וועט ער נישט אַנטלויפן, וואָס וועט דעמאָלט זיין? — מילא, זאָגט ער, — וועט מען שוין דעמאָלט זען, איך בין דאָך נישט קיין קינד... אגב האָט ער מיר געבעטן, איך זאָל פאַר אים קריגן אַ שוואַרצע מאַרינאַרקע, אַ פּאָר גאַרדינען און אַ צוויי פּאָר דאַמען־זאָקן. איך האָב אים באַדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ און געזאָגט אים: „גוט, מיר וועלן זען!". איך האָב שטענדיק געהאַלטן אָט דעם געווע־

זענעם באַלעבאָס מיינעם פּאָר אַ שטיקל משוגענעם, ער האָט ליב געהאַט אַ סך רעדן און דערצו אַ נערוועזער און אויפגערעגטער מענטש. איך האָב צוערשט קיין גרויס אַכט אויף זיינע רייד נישט געלייגט און פאַרבליבן ווייטער אין לאַגער. פּונדעסטוועגן האָב איך מיט דער צייט געקריגן אַ שוואַרצע מאַרינאַרקע מיט פּאָר גאַרדינען און אויך זאָקן, און מיט אַ געלעגנהייט איבערגעשיקט צו מיין באַלעבאָס. דערווייל האָט די צייט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. ס'איז אַריבער קוים אַ חודש פון דער מעשה, ווי ס'האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צו טראָגן די „גוטע" קלאַנגען און אין לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן צו טומלען. דעם 24־טן יאַנואַר 1943 האָט מען ביי די יידישע מייסטערס צוגענומען די געצייג און פון דער שטימונג האָט מען געזען, אַז די לעצטע שעהן דערנענטערן זיך. איך בין אַוועק צום שעף און געשטעלט אים אַ פראַגע אויף אַ שפּיציקן אופן: צי עמעצער וועט פאַרבלייבן אין לאַגער נאָכן אַרויספירן פון אַלעמען, צי נישט? ער האָט מיר געענטפערט, אַז אויב עמעצער וועט פאַרבלייבן, וועסטו זיין צווישן זיי! פון דעם ענטפער איז שוין ביי מיר קיין ספק נישט פאַרבליבן, ווו מיר האַלטן אין דער וועלט... די פּאַניק איז געוואָרן גרויס. אין לאַגער זענען געווען מייסטנס יונגע מענטשן, דער דראַנג נאָך לעבן איז ביי זיי געווען אַזוי שטאַרק! יונגע מיידלעך פול מיט לעבן זענען אַרומגעלאָפן פאַרצווייפלטע, האַלב משוגע, געוואַלד, ווי ווערט מען פאַרוואַנדלט אין אַ מויז צו פאַרבאַהאַלטן זיך, צו פאַרשטעקן זיך אין אַ נאַרע און צו בלייבן לעבן! און קיין וועלדער, קיין פּאַרטיזאַנער זענען אין אונדזער געגנט נישט געווען.

מיר האָבן פּאַרטרויט פּאָר אייניקע באַקאַנטע, אַז מיר האָבן אַ פּלאַן אויף צו ראַטעווען זיך, נאָר מיר האָבן נישט קיין איבעריקן צוטרוי צו דעם מענטש, צו וועלכן מיר קאָנען גיין. און קיין געלט האָבן מיר אויך נישט געהאַט. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן אונדז איינרעדן און איבערצייגן, אַז מיר האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן און דורכאויס געפאָדערט מיר זאָלן גיין — אפשר וועלן מיר בלייבן לעבן, כדי איבערצוגעבן דער וועלט דעם סוף פון די לעצטע קרינקער יידן. ס'האָט זיך געפונען אַ ייד, אַ געוויסער וואַכט, אַן אַרבעטער פון אַ פאַבריק, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אַז ער וועט אונדז אַרויספירן פון לאַגער, וועלכער איז אַרומגערינגלט פון פּאָליציי. ענדלעך האָבן מיר זיך באַשלאָסן און ביי דער נאַכט זיך פאַרקליבן אין אַ פינצטערן ווינקל פון לאַגער. וואַכט האָט אָפּגערופן דעם פּוילישן הילפס־פּאָליציאַנט וואָס איז געשטאַנען ביים טויער און אים געזאָגט: — הער סטאַשעק, איך וועל דיר אָנווייזן אַ בונקער, ווו עס ליגט פאַרבאַהאַלטן אַ

סך צירונג און גאָלד, און דו רוק זיך אָפּ אויף אַ פּאָר מינוט פון טויער, כדי מיר זאָלן קאָנען אַרויסגיין. דער פּאָליציאַנט האָט מסכים געווען, האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און מיר זענען אַרויס פון לאַגער. ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, אַ שלאַקס רעגן האָט געגאָסן. מיר זענען געגאַנגען דורך די פעלדער, איבערגעגראַדזשעט ס'טייכל און ווי ס'איז אַדורך צו דער שטוב פון אונדזער אַלטן באַלעבאָס. די פרוי מיינע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און שטיל אָנגעקלאַפּט. — קטאָ טאַם — (ווער איז דאָרט) — האָט זיך דערהערט אַ פּרויען־שטימע, — אליע וושיסטקא יעדנא ניע וופושטשען באַ שען מיען! — (אָבער אַלץ איינס, וועל איך נישט אַריינלאָזן, ווייל איך וואַש זיך). מיר זענען אַראָפּ אין קעלער און צוציטערטע געבליבן וואַרטן... אין קעלער פלעגט אַלע מאָל אַריינגיין וואַסער און ווייל ס'איז געווען אַ רעגן־נאַכט איז דער באַלעבאָס אַריינגעקומען אויסשעפּן די וואַסער, די קאַרטאָפל זאָלן נישט ווערן פאַרטרונקען... אַז ער האָט אונדז דערזען — איז ער געוואָרן צעטומלט, אָבער גלייך געזאָגט — דאָבזשע זשע שציע פּשישלי — (גוט וואָס איר זייט געקומען). נאָר ווי ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און דערזען אַ דריטן — איז ער געוואָרן בלאַס און פאַרבראָכן מיט די הענט — צאָ טאָ בענדזיע — (וואָס וועט עס זיין) איך האָב מער נישט קיין פּלאַץ ווי פאַר צוויי, וואָס זאָל איך איצט מאַכן? מיר האָבן זיך געפילט זייער שולדיק קעגן אים, ווייל בשעת ער האָט געזאָגט אַז ער וויל אונדז דורכפירן דעם טויער, האָט וואַכט אונדז נישט געזאָגט אַז ער וויל מיטגיין מיט אונדז, און גאָר אויפן וועג האָט ער אונדז געזאָגט — איך גיי דאָך שוין סיי־ווי־סיי מיט אייך — וועל איך אפשר פאַרבלייבן מיט אייך...

מיר האָבן אָנגעהויבן צו בעטן דעם באַלעבאָס, צו קושן אים די הענט און דערקלערט, אַז אויב ס'וועט זיין ענג, וועט דאָך אונדז אויך זיין ענג און אַזוי ווייטער. ביז ער האָט מסכים געווען... ער האָט אונדז אַריינגענומען אין שטוב, געגעבן אָפּעסן און צוריק אַריינגעפירט אין קעלער. דאָרט אונטער אַ זאַשעק הויך אָנגעשאָטענע קאַרטאָפל איז געווען צוגעגרייט אַ קאַסטן פון אַ מעטער מיט 40 די לענג, אַ מעטער די ברייט און אַ מעטער די הויך. אין קאַסטן פלעגט מען זיך אַראָפּלאָזן דורך אַזאַ פּירקאַנטיקן קוימען, וועל־כער פלעגט זיך פאַרדעקן מיט ברעטלעך און פאַרשטעלן פון אויבן מיט קאַרטאָפל. דאָס הייסט פּלאַץ פאַר צוויי מענטשן צו ליגן מיט אויפגעדרייטע פּיס.

היות, מיר זענען געווען דריי, האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט, אַז איינער האָט שטענדיק געמוזט שטיין אין קוימען. ער האָט אונדז אַריינגעלאָזן אין

קאַסטן, פאַרשאָטן מיט קאַרטאָפל, פאַרשלאָסן דעם קעלער און... אַ גאַנצן מעת־לעת האָט זיך צו אונדז קיינער נישט באַוויזן... מיר זענען געלעגן הונגעריקע און פאַרחלשטע — נישט געוווּסט ווו מיר זענען אין דער וועלט — ערשט אין אָוונט האָט זיך דערהערט אַ שאָרך. ס׳איז געקומען דער בעל־הבית, ער האָט זיך פאַר אונדז פאַרענטפערט, ער האָט נישט געבראַכט קיין עסן, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען — ער האָט געשאָכטן אַ חזיר... ער האָט אונדז אַרויפגענומען צו אים אין שטוב, און מכבד געווען מיט די פאָטראַוועס פון געשאָכטענעם חזיר און אונדז דערקלערט אונדזער רעגולאַמין: מיר מוזן געהאָרכזאַם אויספירן אַלעס וואָס ער זאָגט, נישט פרעגן קיין קשיות און נישט ריידן קיין סך. אַלץ וואָס ער זאָגט איז הייליק. זיין פאָרזיכטיק מיט אַ הוסט, מיט אַ באַוועגונג, ווייל מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, איבערהויפט זיינע ברידער, וועלכע זענען אים די גרעסטע שונאים אויף דער וועלט און קומען אָפט אַריין אין קעלער נעמען שפייז. אַלע צוויי וואָכן וועט ער אונדז אַריינגעמען פון קעלער אויף אַרומוואַשן זיך, עסן וועט ער ברענגען איין מאָל אין מעת־לעת אין אָוונט, ווען ער גייט נעמען קאַרטאָפל פאַר די בהמות און חזירים.

און אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער לעבן אין קעלער אונטער די קאַרטאָפל. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם באַגריף פון טאָג און נאַכט, די מאָס פון דער צייט, אַז דער בעל־הבית פלעגט אַריינקומען פלעגן מיר ביי אים פרעגן — פאַניע גאָספּאָדאַזשו (הער בעל־הבית) וואָס איז איצט, טאָג צי נאַכט?! בדרך כלל פלעגט ער אַפילו נישט ענטפערן, ער האָט נישט ליב געהאַט צו ריידן מיט אונדז. יעדן אָוונט פלעגט זיך פלוצלינג אַן עפן טאָן דער קוימען, עס פלעגט זיך אַראָפּלאָזן אַ טאָפּ געקעכץ און צוריק פאַרשיטן. אַ גליקלעכע נאַכט פאַר אונדז איז געווען (יעדע צוויי וואָכן) ווען מיר פלעגן זיך גיין וואַשן. אין אָוונט פלעגט שוין דער בעל־הבית אַרומלויפן איבערן גאַנצן הויף, אַריינקוקן צי די ברידער, צי די שכנים זענען שוין אין שטוב אָדער זיי דאַרפן נאָך פון ערגעץ קומען — און אַז ער פלעגט שוין אַרומשמעקן אַרום און זען אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, פלעגט ער אַ קאָמאַנדעווע טאָן איין וואָרט: יוזש! (שוין!). דאַן פלעגן מיר דורכלויפן די פאָר טריט פון קעלער אין שטוב אַריין. די שטוב פלעגט ווערן הערמעטיש פאַרמאַכט, די פענצטער פאַרהאָנגען, די טירן פאַרשלאָסן, און דאַן פלעגן מיר זיך וואַשן...

די באַלעבאָסטע, נישט קיין גויע נאָר אַ מלאך, קלוג און גוט אָן אַ גרענעץ, פלעגט צוגרייטן גוטע זאַכן. מיר פלעגן זיך אַרומוואַשן. אָפּעסן און

אויך כאַפּן אַ דרעמל אַ פּאָר שעה אין זייער בעט. אָ, ווי גליקלעך זענען מיר געווען אויסצוציען די פיס און אָפּרוען אַ פּאָר שעה אין אַ מענטשלעכער בעט! דער בעל־הבית פלעגט זיך דעמאָלט פילן באַזונדערס אויפגעלייגט. פלעגט מיט אונדז זיצן און פאַנטאַזירן — אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר אַלע אַוועקפאָרן אין אונדזער שטעטעלע, מיר וועלן לעבן צו־זאַמען, גיין אין קאַשטשאָל צוזאַמען און ס׳וועט זיין אַזוי גוט!.. ער איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק און האָט אונדז אויך געוואָלט זען אַלס אַזעלכע. פונדעסטוועגן, אַז ער האָט איין מאָל אין קאַשטשאָל געהערט אַ דרשה פון גלח, אַז מיר דאַרפן זיין גליקלעך וואָס מיר זענען פטור געוואָרן פון דער זשידאָווסקער פּליאַגע, האָט ער זיך געפילט זייער געטראָפן און אויפגעהערט צו גיין אין קאַשטשאָל. „טאָ או מניע ניע קשיאָנדז — אַ גאַלאַגאַן, מאָם יעגאָ וו׳ דופּיע״ (דאָס איז ביי מיר נישט קיין גלח, נאָר אַן אויסוואורף, איך האָב אים הינטן) — פלעגט ער זיך מיט די גרעסטע זידל־ווערטער אָפּרופן וועגן אים. איינגיכן האָבן מיר זיך אָבער געמוזט אָפּזאָגן פון דעם „וואָש־יום־טוב״. איין מאָל ווען מיר האָבן זיך געהאַלטן אין מיטן וואַשן, האָט מען פּלוצלונג אָנגע־הויבן שטאַרק צו קלאַפּן אין פענצטער. מיר זענען אַלע געוואָרן טויטע... אַ גליק וואָס די באַלעבאָסטע, שטענדיק אַ העלדישע און אַ מונטערע, האָט זיך נישט פאַרלוירן און אָפּגעענטפערט לויט איר נוסח: „קטאָ טאַם? אַלע ווּשיסטקאָ יעדנאָ ניע ווּפּוּשטשען... (ווער איז דאָרט? כ׳וועל אָבער אַלצ־איינס נישט אַריינלאָזן...) ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט איינער פון די ברידער געזוכט זיין פערד, און געקומען פרעגן, צי מען האָט אים נישט געזען... אַזוי איז אונדזער לעבן געגאַנגען ביז פרילינג 1943. צו דער צייט האָט וואַכט אָנגעהויבן צו קרענקען אויף טובערקולאָז און שטאַרק הוסטן. פון טאָג צו טאָג איז זיין לאַגע געוואָרן ערגער. דער בעל־הבית האָט באַשלאָסן אַרויפצונעמען אונדז אויפן בוידעם. דאָרטן איז וואַכטן געוואָרן נאָך ערגער, ווייזט אויס שוין פון צופיל לופט. ער האָט געהוסט אַזוי, אַז מען האָט געקאָנט הערן אויף דער גאַנצער גאַס. ער האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביים בעל־הבית, ער זאָל אים אַוועקפירן קיין ביאַליסטאָק. דאָרט איז נאָך געשטאַנען דער געטאָ און ער האָט דאָרט געהאַט פריינד. ס׳איז געווען אַ גרויסע סכנה, אָבער דער בעל־הבית האָט געשפּאַנט אַ פערד און מיט מסירת־נפש אַוועקגעפירט אים קיין ביאַליסטאָק.

אַ מאָדנע זאַך. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פון וואַכטן האָט דער פויער געליטן; (מיר צום ביישפּיל האָבן פון אים גאָרנישט געפאָדערט, וואָס ער האָט געגעבן איז געווען גוט, אָבער וואַכט פלעגט ביי אים פאָדערן:

ברענג פּאַפּיראָסן, טאַבאַק. ער איז געווען אַ שטאַרקער רויכערער, קיין געלט נישט געגעבן און דער פויער פלעגט ברענגען...) פון דעסטוועגן, איצט אַז ער האָט אים געפירט אַ קראַנקן אויפן וואָגן, איז דער געפיל פון רחמנות געווען ביי דעם גוי אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך געבעטן, אַז ווי נאָר עס וועט אים בעסער ווערן, זאָל ער צוריק קומען צו אים. נאָך אַזוי פיל מי וואָס ער האָט אים אים אַריינגעלייגט, איז אים געווען אַ שאָד אַז דער מענטש זאָל אומקומען. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז טאַקע אַזוי געווען. וואַכטן איז בעסער געוואָרן און געגאַנגען צוריק צו אונדז, נאָר אויפן וועג איז ער דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן. נאָך וואַכטס אַוועקגיין זענען מיר שוין פאַרבליבן אויפן בוידעם. די ערשטע צייט, זענען מיר געווען ממש אָפּן, מ'האָט אונדז געקאָנט געפינען יעדע מינוט, אָבער דערנאָך, אַז מ'האָט אָפּגעקאָשעט די היי און עס אַרויפגעפירט אויפן בוידעם, האָט דער בעל־הבית געמאַכט אַ נייעם קאַסטן און פלעגט אונדז געבן בעסער עסן, אַ סך סאַלע, כדי צו שטאַרקן אונדז. פיל אַנדערע קריסטן האָבן געהאַלטן פאַר־באַהאַלטן יידן, אָבער דורך דער צייט זיי אַלע אַרויסגעגעבן. זיי זענען זיי מיאוס געוואָרן, און אונדז — וואָס ווייטער מיר זענען געווען, אַלץ מער האָט זיך דער בעל־הבית און זיין גוטע פרוי צו אונדז צוגעבונדן. אונדזער פריינדשאַפט איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיך דערלויבט עפּעס בעטן ביי אים. דאָס איז געווען צייטונגען. די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב געבעטן ביי אים. האָט זיך איין מאָל געמאַכט, אַז איך בין אַרויסגע־קראָכן פון קאַסטן כאַפּן אַ קוק וואָס אין דער צייטונג, און פלוצלונג איז אויפן בוידעם אַרויפגעשפּרונגען דעם בעל־הבית'ס אַ קוזין, אַ גוי פון עט־לעכע און דרייסיק יאָר, ער האָט עפּעס געזוכט... דערזעענדיק מיך, איז ער אָפּגעשפּרונגען אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער, פּונקט ווי ער וואָלט דערזען אַ מענטש פון יענער וועלט... ער האָט קיין איין וואָרט נישט געזאָגט און איז אַראָפּגעגאַנגען פון בוידעם... מיר זענען געווען שטאַרק צעשראָקן, אָבער פאַרפאַלן, מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט העלפן. דער גוי אָבער איז געווען נישט קיין שלעכטער מענטש און נישט קיין נאַר, ער האָט אַפילו פאַרן בעל־הבית אַליין זיך נישט אויסגערעדט, אַז ער ווייסט עפּעס. נאָר אַמאָל ווען ער פלעגט אַרויסנעמען דעם האָניק פון בינשטאָק, פלעגט ער ברענגען אים אַ שטיק האָניק אַ מתנה. „צו וואָס ברענגסטו דאָס מיר?" — פלעגט ער פרעגן. — „נעם, נעם, דו דאַרפסט עס האָבן!" אַז ער פלעגט שעכטן אַ חזיר, פלעגט ער ברענגען אַ שטיק פלייש, „צו וואָס ברענגסטו דאָס מיר?" — פלעגט דער בעל־הבית נישט וועלן נעמען. — „נעם, נעם, דאַרפסט עס האָבן"...

שטאַרק ערנסט איז געווען אונדזער לאַגע ווען אין אונדזער הויף האָבן זיך איינקוואַרטירט אוקראַינישע ס. ס.־לייט, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פראָנט נאָכדעם ווי די רוסן האָבן אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן פון אוקראַינע. זיי האָבן גלייך באַוויזן וואָס זיי קאָנען. זיי האָבן געפונען דריי פאַרבאַהאַל־טענע יידן אין בונקער — און די אַלע דריי האָבן זיי פאַרשאָטן לעבע־דיקערהייט. מיר האָבן זיך וועגן דעם שפּעטער דערוווּסט, דער בעל־הבית האָט עס אונדז נישט געוואָלט דערציילן. דערפאַר האָט ער אונדז געמאַכט אַן אַנדערן סיורפּריז, ער האָט זיך געהאַט זיינע משוגעתן. גראָד האָט אונדזער בעל־הביתטע געבוירן אַ זון און אונדזער בעל־הבית האָט באַשטימט פּראַווען די כשעשטשינעס אויפן בוידעם, אין שטוב, זאָגט ער, איז ענג, און אויפן בוידעם איז פריי, גערוים. ער האָט אויסגעהאָנגען דעם בוידעם מיט ווייסע טיכער, האָט אויסגעשטעלט טישן, איינגעלאַדן געסט און אַ גאַנצן טאָג האָט מען געטרונקען, געשיכורט און געזונגען.

מיר זענען געלעגן אין קאַסטן אונטער די היי און אָנגעקוקט דעם גויישן ברית און איינגעהערט זיך צו די תפילות צו ישו, צו דער הייליקער מאַריאַ, אָנגעקוקט די טמאדיקע, רוצחישע פּנימער פון די פאַררעטערישע אוקראַינער, אָנגעטונענע אין די גרינע ס.ס.־אוניפאָרמען. און מיר האָבן גע־טראַכט: די גויים לעבן, פרעסן, טרינקען, פרוכפּערן זיך און זענען פריילעך, די וועלט פירט זיך ווי געווען, נאָר אויף אונדז איז געקומען אַזאַ פינצטערער, אַזאַ ביטערער סוף... און דאָ האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער אַלטן גאָט, דעם קנא ונוקם און אין האַרצן אַ פרעג געטאָן: פאַרוואָס? פאַרוואָס? זאַ טשטאָ? פאַר וואָס קומט עס אונדז אַזוי? פאַר וואָס האָבן מיר זיך ביי דיר פאַרדינט אַזוי?.. איך האָב זיך דערמאָנט אין דער תפילה, וואָס כ'בין געווען געוווינט צו זאָגן צוזאַמען מיט מיין טאַטן אין בית־המדרש: גאָט, האָב רחמנות, מי שענה לדניאל בגוב האריות הוא יעננו! רחם עלינו והצילנו, האָב רחמנות אויף אונדז, מיר זענען דאָך די לעצטע... מיר האָבן אַנדערש נישט גערעכנט און געווען זיכער, אַז מיר זענען שוין די לעצטע יידן אויף דער וועלט.

אין אָוונט, ווען דער שיכורער עולם איז זיך צעגאַנגען פאַלנדיק פון די פיס און זינגענדיק די אוקראַינישע לידער האָט אונדז דער בעל־הבית אַריינגעטראָגן כיבוד: שנאַפּס, חזיר־קאָטלעטן און זיסקייטן און מיר האָבן זיך מיט אים משמח געווען און געווונטשן אים פיל נחת, אים און אונדזער טייערער בעל־הביתטע, וואָס מיר זענען זיכער, אַז אויב עס איז פאַראַן אַ „יענע וועלט”, וועט מען די גויע נאַסטיע ביגאַנסקי אַוועקזעצן אויבן־אָן

צוזאַמען מיט די אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה און אפשר נאָך אין אַ שע־נערן פלאַץ!

נאָך אַ שרעק האָבן מיר איבערגעלעבט בשעת די דייטשע זשאַנדאַר־מעריע האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין גאַנצן שטעטל, פון שטוב צו שטוב. מ׳האָט געזוכט „סאַמאַגאָנקע". אונדזער באַלעבאָס האָט אויך געהאַט אַ שיינע פּאָר צענדליק ליטער „סאַמאַגאָנקע". ער האָט עס פאַרבאַהאַלטן ביי אונדז אין קאַסטן — ווישיסטקאָ יעדנאָ (אַלצאיינס) — זאָגט ער, אַז מען וועט שוין געפינען אייך, מעג מען שוין געפינען די „סאַמאַגאָנקע" אויך.

אויך די רעוויזיע איז אַריבער בשלום. זיי זענען אַרויף אויפן בוידעם, זיך אָפּגערוט, זיך אויסגעצויגן אויף די שמעקעדיקע היי אויף אונדזער קאַסטן און זענען אַוועק.

דערווייל האָט זיך די רוסישע אַרמיי אַלץ מער דערנענטערט. ס׳איז אָנגעקומען דער מאָמענט, אַז די דייטשן האָבן באַדאַרפט עוקר זיין. די שלאַנגען האָבן אָבער נישט געוואָלט גלאַט אַנטרינען ווערן, נאָר זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געוואָרפן צינד־באָמבעס און געברענט דאָס שטעטל. אונדזער בעל־הבית איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער. וואָס טוט מען? אַזוי פיל מי אַריינגעלייגט און איצט דאַרפן מיר פאַרברענט ווערן?

אין אַ געוויסן אָוונט איז ער אַרויף אויפן בוידעם און לויט זיין נוסח אויפן מיליטערישן אופן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „וויכאָדזשיטשי!" (אַרויס־גיין!) איך גיי פאָרויס און איר פינף טריט נאָך מיר, טריט ביי טריט. ער האָט אונדז אַרויסגעפירט אין פעלד, דורכגעפירט ממש צווישן די דייטשע אַרטילעריע, ביז מיר זענען געקומען אויף זיין פעלד. דאָרט האָט ער אונדז זיך געהייסן לייגן צווישן די קאָרן־זאַנגען און איז אַליין אַוועק. מיר זענען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. צו אונדזערע אויערן האָט זיך דערטראָגן די דייטשע קאָמאַנדע. מיר האָבן פשוט געהערט יעדעס וואָרט זייערן. איך האָב געטראַכט וואָס וועט זיין דער סוף פון דעם? וואָס וועט ווערן דער סוף מיט אונדז? אָבער אויפן פרימאָרגן, אַז איך האָב זיך אַ שטעל געטאָן און דערזען פאַר זיך אַ גרויס קאָרן־פעלד, אַ שווימענדיקן טייך פון זאַנגען — דאָס קאָרן האָט דעמאָלט אויפגעשווומען — האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז דער גוי האָט געוווסט וואָס ער טוט. מיר זענען פאַרבליבן אין דעם קאָרן ביז מאָרגן אין דער פרי, ווען ער איז געקומען צו לויפן מיט אַ בשורה: „וויכאָדזיציע, יוזש סאָוויעטי פשישלי" (גייט אַרויס, די סאָוועטן זענען שוין געקומען). דער בעל־הבית האָט זיך אומגעקערט צוריק און

אין אַ פערטל שעה שפּעטער זענען מיר געקומען. די שטוב איז געווען גאַנץ. אַז די גוים, די שכנים, האָבן אונדז דערזען, זענען זיי אַנגעלאָפן אויפן בייזן ווונדער. זיי האָבן זיך גאָרנישט געגלויבט, גאָרנישט פאַרגע־שטעלט, אַז ס׳איז נאָך פאַרבליבן אַ לעבעדיקער ייד — און צום בעל־הבית זענען זיי געלאָפן אָנזאָגן: פּאַניע ביעגאַנסקי, אייערע אַמאָליקע שכנים זענען געקומען...

די באַלעבאַטים זענען אַרויס צו אונדז, פריינדלעך באַגריסט און כיטרע געשמייכלט. זיי האָבן אונדז אָפּגעגעבן די דירה, ווו די זשאַנדאַר־מעריע איז געווען און מיר האָבן זיך אַהין אַריינגעצויגן. מיר זענען געווען געשוואָלענע, מיט בלינדע אויגן וואָס האָבן נישט געקאָנט זען די ליכ־טיקייט, מיט מיילער, וואָס האָבן נישט געקאָנט רעדן — ס׳איז אונדז שווער געווען צו רעדן. גאַנץ שנעל האָבן זיך די גוים אין שטעטל דערוווּסט דעם סוד פון אונדזער רעטונג און אָנגעהויבן צו רודפן אונדזער באַלעבאָס. שיקן אויף אים פאַרשידענע מסירות צו דער סאָוועטישער מאַכט, און ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט ביז מען איז טאַקע געקומען אים אַרעסטירן. דער בעל־הבית האָט זיך פאַרבאַהאַלטן. מיר זענען געלאָפן צו פאַרשידענע אָפיצירן און הויכע סאָוועטישע נאַטשאַלניקעס בעטן פאַר אונדזער בעל־הבית, דערציילן זיי פון זיין מסירת־נפש, נאָר זיי אַלע האָבן געהאַלטן אין איין ענטפערן: זאָל ער זיך נישט באַהאַלטן, זאָל ער קומען ווען מיר זען! מיר אָבער האָבן זיי נישט געגלויבט. ביז איין מאָל איז דורכן שטעטל דורכגעפאָרן אַ הויכער באַאַמטער, אַ פּאָלקאָווניק פון נ.ק.וו.ד. מיר זענען אַוועק צו אים, דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע, דאָס האַרץ איז אונדז געווען געגנוג אָנגעלאָדן, האָבן מיר זיך נאָך גוט אויסגעוויינט פאַר אים **און ער האָט געזאָגט: זאָל ער קומען, איר מעגט זיין זיכער, אַז קיין האָר** וועט אים נישט אַראָפּפאַלן פון קאָפּ. איך בין אַליין אַ ייד, איך וויל זען דעם מענטש, וואָס האָט אייך געראַטעוועט און אים באַדאַנקען דערפאַר!

דער בעל־הבית איז געקומען אַהיים און אויף מאָרגן אין דער פרי איז צו אונדזער שטוב צוגעקומען דער פּאָלקאָווניק מיט אַ גאַנצער סוויטע און אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן. מ׳האָט אַרויסגערופן דעם בעל־הבית מיט דער בעל־הביתטע. דער פּאָלקאָווניק האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: סמירנאָ, נאַ קראַול! ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל (ביי די סאָוועט־לייט, איז דאָס די גרעסטע מדרגה פון אָפּגעבן כבוד), זיך צעקושט מיטן בעל־הבית און אַ קוש געטאָן אין האַנט דער בעל־הביתטע, און זיי געדאַנקט פאַרן ראַטעווען אונדזערע לעבנס.

אַזוי איז פאַרבייגעגאַנגען 5 מאָנאַטן צייט. מיר האָבן אַריינגענומען צו אונדז אין דירה די איבעריקע 8 יידן, וואָס זענען געבליבן פון קרינעק. ס׳איז עפּעס געוואָרן היימלעכער. אָבער אין גיכן האָבן מיר אָנגעהויבן צו פילן, אַז עס ווערט אונדז ענג די לופט אין שטעטל. די גויים האָבן נישט געקאָנט מוחל זיין אונדז וואָס מיר זענען געבליבן לעבן און אונדזערע בעלעבאַטים, וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט דאָס לעבן.

ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס מען האָט איינעם אַרעסטירט אין שטעטל אָדער ביי איינעם רעקווירירט עפּעס, פלעגן זיי האַלטן אין איין מורמלען, אַז דאָס זענען מיר שולדיק, מיר: זשידי, זשידי!

מיר האָבן זיך גענומען און אַוועקגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק. זייער ווייניק יידן זענען פאַרזאַמלט געווען אין ביאַליסטאָק. ס׳איז געווען די זעלטנסטע צייט אין דער יידישער געשיכטע, ווען אהבת ישראל צווישן יידן און יידן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען פלעגט זיך טרעפן צוויי יידן אומבאַקאַנטע, פלעגט מען אַרויפפאַלן איינע אויף די אַנדערע — קושן זיך און כליפּען. יעדער איינער האָט געמיינט, אַז ער איז דער לעצטער, דער איינציקער ייד אויף דער וועלט...

עטלעכע מאָל איז צו אונדז אין ביאַליסטאָק געקומען אונדזער בעל־הבית. כל זמן מיר זענען געווען אין שטעטל איז אים קיין שלעכטס נישט געשען, אָבער אַז מיר זענען אַוועקגעפאָרן איז זיין לאַגע געוואָרן ערגער — די גויים האָבן נישט אויפגעהערט צו גראָבן אויף אים און גראָבן, און אויף אונדזערע לעצטע בריוו האָבן מיר שוין פון אים קיין ענטפער נישט באַקומען. ווער ווייסט, וואָס ס׳איז געשען מיט דעם גוי? איינער פון די חסידי אומות העולם, מיט זיין זעלטנער פרוי די צדקנית, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען נישט על מנת לקבל פרס, נישט צוליב זעלבסטנוצן, נאָר צוליב דעם העכסטן מענטשלעכן געפיל פון ראַטעווען מענטשלעכע לעבנס, וואָס האָבן 18 חדשים באַכאַנאַנד געליטן פון אונדז, געשטעלט זייער לעבן אין סכנה, געטראָגן אונדזער שמוץ, געווייטיקט און געציטערט פאַר אונדז, מיט אונדז. ווער ווייסט?

# „ממעמקים קראתיך"

## פון סמואל קאפלאן

1

נאָך 21 טעג פון אַ נסיעה אין אַ געפּאַקטן טאָווארנעם וואַגאָן, האָט מען אונדז אָפּגעשטעלט אין סווערדלאָווסק און געפירט אונטער אַ שטרענגער וואַך פון סאָלדאַטן מיט געלאַדענע ביקסן אין באָד אַריין. די באָד, אַ גרויסע געביידע, האָט פאַרמאָגט גרויסע אויפנאַם צימערן, אָבער קיין וואַסער איז דאָרט נישט געווען, נישט קיין הייסע און נישט קיין קאַלטע. די פּאָמפּעס זענען אויף אונדזער מזל קאַליע געוואָרן. כ'האָב זיך אַרומגעדרייט אין די גרויסע צימערן. אין איינעם פון זיי איז געשטאַנען אַ גרויסער שפּיגל, כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים. פון שפּיגל האָט אַרויסגעקוקט אויף מיר אַ געשטאַלט פון אַ מענטש וועלכן איך האָב, דוכט זיך, אַמאָל ערגעץ געזען. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט אַרום און אַרום, קיינער איז אויסער מיר אין צימער נישט געווען, איך האָב זיך אַליין נישט דערקענט. נאָר די אויגן האָבן פיבעריש געברענט, אַ גרינע הויט האָט געהאַלטן די ביינער פון געזיכט זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדערפאַלן.

— סמואל קאפלאן — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. דו זעסט אויס גאָר נישקשהדיק, דו האָסט זיך זייער שיין אַרויפגעאַרבעט...

**דאָס איז געווען נאָך** 7 חדשים אין טורמע, 21 טעג שלעפּעניש אין טאָווארנעם וואַגאָן, מיט אַן אורטייל פון 5 יאָר שווערע אַרבעט.

ווען כ'האָב זיך ביינאַכט אַוועקגעלייגט אויף מיין נאַרע אין וואַגאָן, האָב איך געקלערט: איז דאָס טאַקי שוין דער סוף? איז טאַקי דאָס מיין גורל אַז מיינע ביינער זאָלן זיך וואַלגערן אין די סיבירער סטעפּעס? ס'איז מיר אַרויסגעשוווּמען אין מיין געדאַנק „ממעמקים קראתיך ה'" און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. כ'האָב מתפלל געווען: רבונו של עולם: פון די טיפענישן פון די סיבירער טונדרעס, שיקט צו דיר שמואל קאפלאן זיין תפילה! האָב רחמנות, היט מיר איין פאַר מיין פאַמיליע, פאַר מיינע קינדער, פאַר מיינע פריינד!

אַז מיר זענען נאָך 26 טעג שלעפּענישן געקומען צו קאראגאנדייער פונקט, האָב איך נישט געהאַט קיין כוחות צו גיין. אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס האָט מיך געשלעפּט, איך זאָל גיין, אָבער די פיס האָבן זיך קעגן געשטעלט, נישט געוואָלט גיין.

נאָך 15 טעג אָפּרו בין איך געקומען צו זיך און געמאַכט פאַר זיך אַ



סמואל קאפלאן

הייליק געזעץ. נישט אַנטלויפן פון אַרבעט נאָר לויפן איר אַנטקעגן. וואָס פּאַר אַ אַרבעט עס זאָל נישט זיין, קיינמאָל זיך נישט ענטזאָגן פון דעם. דאָס איז געווען מיין וועג און שטרעבונג צו בלייבן לעבן. נאָך אַ מעדיצינישע רעוויזיע וועלכע האָט געדויערט 4 טעג איז די רייע געקומען צו מיר. איך האָב מיין דאָקטאָר געזאָגט אַז איך לייד אויפן האַרצן און האָב אַ אַנגינאַ־פּעקטאָריס. ער האָט מיר אָנערקענט אַלס 35% אַרבעטס־פעיק און באַשטימט מיר אין אַ אַרבעטס־לאַגער ווו מען אַרבעט נאָר 6 שעה אַ טאָג. ווען איך בין געקומען אויפן אָרט אין דאַלינקי, האָט מען געפרעגט ווער עס וויל אַרבעטן ביי דער באַוואָסערונג־סיסטעם? איך האָב גלייך אָנגענומען די דאָזיקע שווערע אַרבעט און געגאַנגען יעדן טאָג דורכפירן די באַשטימטע אויפגאַבעס.

*

נאָך צוויי אַרבעטס־טעג מיט אַ בריגאַדע פון 28 פּערזאָן ביי דער באַוואָסערונג־סיסטעם, האָב איך געפרעגט דעם אויפזעער: „וואָס איז די נאָרמע״? דאָס הייסט וויפיל ערד דאַרף מען גראָבן און אַרויסוואַרפן אין דער הויך במשך אַן אַרבעטס־טאָג?

5,75 קוב־מעטער — איז געווען די תשובה.

קומענדיק דעם דריטן טאָג אין דער פרי צו דער אַרבעט, האָב איך געמאַכט אַ צייכן אויף דעם אָרט ווו מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן און געזאָגט די אַרבעטער אַז זיי זאָלן דעם צייכן איבערלאָזן, בכדי מ׳זאָל קענען שפּעטער אויסמעסטן.

בעת איך האָב נאָך דער אַרבעט אויסגעמאָסטן די אויסגעגראָבענע ערד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר האָבן איבערגעשטיגן די נאָרמע און אויסגעגראָבן 7,20 קוביק־מעטער. אַז איך האָב עס דערציילט די איבעריקע לאַגעריסטן, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שמחה — איבערגעשטיגן די נאָרמע! דאָס הייסט מער ברויט פאַר אַן אַרבעטס־טאָג, צוויי מאָל ווי נאָרמאַל, און דערצו באַקומט מען אויך אַ פּרעמיע פון 20 קאָפּיקעס.

דער אויפזעער דערזעענדיק אונזער שמחה האָט זיך גלייך געפרעגט די סיבה.

— מיר האָבן היינט איבערגעיאָגט די נאָרמע — האָבן די לאַגער־מענטשן געענטפערט.

ער האָט זיך צולאַכט: — 28 מענטשן קענען נישט איבערשטייגן קיין נאָרמע — האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט.

אונדזער שומר האָט געפאָדערט דעם אויפזעער רופן דעם הויפּט

אינזשיניער, וועלכער האָט זיך אַרויס געוויזן אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר פינף און דרייסיק.

זי האָט מיר געפרעגט תמימותדיק: פון וואַנען איך ווייס אַז מיר האָבן אויסגעגראָבן מער ווי 5.75 קוביק־מעטער!

איך האָב איר דאַן געוויזן אויפן פּאַפּיר אַז דאָס איז אַ איינפאַכע אַלגעברישע סכעמע.

זי איז אַראָפּ אין גראָבן, אויסגעמאָסטן און דאַן אונטערגעשריבן אַ באַשטעטיקונג אַז מיר האָבן אויסגעפירט אונדזער נאָרמע אויף 123 פּראָ־צענט.

באַלד צומאָרגנס האָבן מיר באַקומען 3 פונט ברויט אַ טאָג אַנשטאָט 1½ פונט, אַ גרעסערע פּאָרציע זופּ און 10 פּרעמיעס פאַר די בעסערע אַרבעטער. מיר האָבן זייט דאַן אָנגעהויבן צו לעבן „ווי גאָט אין אָדעס". מיין בריגאַדיר האָט מיר איינמאָל געזאָגט אַז איך דאַרף מער נישט גראָבן, נאָר איך זאָל מאַכן דעם טעגלעכן ראַפּאָרט.

אין דעם זעלבן אַרבעטס־לאַגער האָבן צוזאַמען מיט אונדזער גרופּע זיך געפונען 5 פּריצים פון זעלווער געגנט, אייניקע פון זיי האָבן געהאַט דעפּאָזיטן אין אונדזער וואָלקאָוויסקער פאָלקס־באַנק, ווו איך בין געווען דער דירעקטאָר, און צוויי פון זיי פון דער באַקאַנטער פּריצישער משפּחה שיראַייעוו, די חסידי אומות העולם, וועלכע פלעגן אַלע יאָר פאַר פּסח אַריינפירן הונדערטער פודן קאַרטאָפל פאַר די אָרעמע־לייט פון שטאָט. זיי זענען געווען קראַנק און זיך אַרומגעשלעפּט פון שפּיטאָל צו שפּיטאָל, און זיי זענען ממש געשטאָרבן פון הונגער. אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז מיר האָבן גענוג ברויט און זופּ, פלעגן זיי קומען צו מיר מיט טרערן אין די אויגן: פּאַניע דירעקטאָזשע, פּאַניע קאַפּלאַן, אַ שטיקעלע ברויט!.. און אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן אַ פּאָר חדשים.

פאַרשטייט זיך אַז כ'האָב זיי געהאָלפן מיט וואָס איך האָב געקענט און געטיילט זיך מיט זיי מיט מיין לעצטן ביסן ברויט, נישט טראַכטנדיק וועגן די פאָלגן וואָס קענען דערפון אַרויסקומען.

פּלוצלינג האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן געווענדעט צו מיר דער אויפזעער און געזאָגט: קלייב צונויף דיינע זאַכן, דו גייסט פון דאַנען!

אין רוסלאַנד ווייס קיינער נישט פאַר וואָס און פאַר ווען מען אַרעסטירט דיר, און אויפן טראַקט האָב איך אויך באַמערקט עטלעכע פון די פּריצים. אויך זיי האָבן נישט געוווּסט וווהין מען פירט אונדז?

נאָך אַ טאָג פון אומגעדולדיקן וואַרטן האָט מען געפונען פאַר אונדז די

ריכטיקע אַכסניה. אַ חדר׳ל מיט שוואַרץ־באַפּאַרבטע פענצטער, צוזאַמען מיט איינעם אַ קאַזאַק וועלכער האָט געהאַט אַן אורטייל פון 15 יאָר אין קעשענע.

דער קאַזאַק האָט מיר געטרייסט און געזאָגט אַז 15 יאָר איז אין רוסלאַנד אַ לייכטער אורטייל.

נאָך דריי שלאָפלאָזע וואָכן האָט מען מיר געבראַכט צום אויס־פאָרשונגס־ריכטער.

— הייב אָן ריידן — זאָגט ער צו מיר, נאָכדעם ווי ער האָט 2 שעה געפּאָכעט מיט אַ גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ פאַר מיינע אויגן.

— וועגן וואָס זאָל איך ריידן — פרעג איך ביי אים.

— דו ווייסט בעסער — איז געווען זיין ענטפער: — דיין נאָמען, דיין טאַטנס נאָמען, דער מאַמעס און די קינדערס נעמען, און גיב לשון ווי אַזוי דו האָסט געוואָלט אָרגאַניזירן אַן איבערקערעניש אין סטאַלינס מדינה, דאָס הייסט דו מיט דיינע פריצימלעך?

אויסשרייבן אַלצדינג וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, וואָלט צופיל פּלאַץ פאַרנומען, און אפשר גאָר היטלערס מלחמה מיט סטאַלינען איז געווען דער גורם צו דעם. אין 10 וואָכן אַרום האָט מען מיר אַרויסגעשיקט אין אַן אַנדער לאַגער און איין פּריצל וועלכן איך האָב געטראָפן נאָכדעם ווי מען האָט מיר באַפרייט, האָט מיר דערציילט אַז די איבעריקע פּריצים זענען אַלע גשטאָרבן אין טורמע.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס האָט אונדז אַ קראַנקן־שוועסטער געהאַט פאַרמסרט אַז איך פיר סאַבאָטאַזש־טעטיקייט צוזאַמען מיט די פּריצים.

דאָס איז איינער פון די עפּיזאָדן פון מיין וויא־דאָלאָראָזאַ, פון מיין דערנער וועג אין דעם ווייטן־קאַלטן סיביר וועלכן איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

## II

# א באגעגעניש

עס פאַרגייען יאָרן און ס׳קומט אַרויס דער רוסישער גלות אין סיביר. נאָוועמבער 1942 אין ביעליאַוואָ, נאָוואָסיבירסקער אָבלאַסט.

באַפרייט נאָך אַ יאָר שווערע אַרבעט, פון אַרבעטס־לאַגער. אויפן רוסישן לשון הייסט עס באַפרייט, אָבער באמת צוגעשמידט צו דער קלייגער שטעטל מיט אַ פּאַספּאָרט אַן אַרויספאָר־רעכט פון ביעליאַוואָ.

איך האָב באַקומען אַ שטעלע. איך בין דער אָנפירער פון דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון ביעליאַוער שטאַטישן אינדוסטריעלן פאַראיין, וועלכער פאַראייניקט 38 קאָאָפּעראַטיוון: קוילן־גרובן, גאָלד־גרובן, שניידער און שוסטער־וואַרשטאַטן און אַנדערע, מכל המינים.

דער פראָסט ברענט, איך גיי אַרום מיט צעריסענע שטיוול, דער שניי קריכט אַריין דורך די לעכערדיקע פּאָדעשוועס. איך זוך אַן אָרט ווו איבערצושלאָפן. דער איינציקער שאַנס — איך האָב קוילן — אַ טאָן קוילן פון מיין פאַראיין, פאַר אַ פּלאַץ צו שלאָפן. די בעל־הביתטע דאַרף מיר קאָכן עסן און ס'מוז זיין באַנט צום פאַראיין.

איך האָב געפונען אַ טאַטערישע פאַמיליע פון פינף פּערזאָן, וועלכע וווינען אין אַ צימער מיט אַ ברעקל קיך. די בעל־הביתטע לאָזט מיר אַריינשטעלן מיין טאַפּטשאַן אין אַ ווינקל פון צימער. איך שלאָף אויף אַ סיעניק און אויף אַ קישעלע אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, ממש ווי אַ קייסער.

ס'דערנענטערט זיך דער 13־טער נאָוועמבער, דער יום־טוב פון דער רויטער רעוואָלוציע. מיין בעל־הביתטע פרעגט מיר אויב איך וויל פייערן דעם יום־טוב מיט זיי, זאָל איך ברענגען צום טיש אַ פלאַש בראָנפן.

מיר זיצן ביים לאַנגן טיש דריי פאַמיליעס: מיין בעל־הבית, זיין יונגער ברודער פּאַוועל און אַ גאַסט אַ שכן. מען טרינקט לחיים, מיין בעל־הבית זעט אויס האָט שוין אָנגעהויבן די מלאכה פון אין דער פרי. מען בייסט צו, מען נעמט אין מויל אַריין און אין די פלעשער איז שוין געבליבן נאָר אַ טראָפּן אויפן דעק.

אינצווישן רופט זיך אָפּ מיין בעל־הבית צו זיין ברודער: — פּאַוועל פאַרוואָס קוקסטו נישט אויף דיין ווייב, נאָר אויף מיינער?

דער יינגערער ברודער שמייכלט שיכור און זאָגט: וואָס דאַרף איך דיין ווייב, מיינע איז יינגער און שענער.

מיין בעל־הבית קוקט אויף אים טעמפּ ווי ער וואָלט וועלן פאַרשטיין וואָס ער רעדט, און הייבט זיך אויף פּאַמעלעך און דערלאַנגט אים אַ זעץ אין נאָז אַריין. דאָס בלוט פון זיין נאָז פאַרשפּריצט דעם טישטעך.

פּאַוועל אַ פאַרבלוטיקטער הייבט זיך אויף מיט זיין ווייב פון טיש. ביי מיין בעל־הבית ווידער, האָט ווייזט אויס דאָס זען פון בלוט צוואַרעמט דעם מוח, און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין ווייב.

כ'האָב שוין קלאָר געזען מיט וואָס דער יום־טוב וועט זיך ענדיקן, און בין אַרויס פון טיש און זיך געזעצט אויף מיין טאַפּטשאַן אין אַ ווינקל. מיין בעל־הביתטע אַנטלויפנדיק פון איר מאַן האָט נישט געהאַט ווו צו

באַהאַלטן זיך, און איז צוגעלאָפן און צוגעזעצט זיך אויף מיין טאָפּטשאַן. דער צעקאָכטער מאַן איז צוגעלאָפן צו מיר, איך האָב אים באַרויקט און אַוועקגעשטופּט אים אין אַן אַנדער ווינקל, און מיר האָט זיך געדוכט אַז ער איז דאָרט אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָב איך דערהערט זיין שיכורן מורמלען: — איך ווייס דו ביסט שטאַרקער פון מיר, אָבער ווען דו וועסט שלאָפן וועל איך מיט דער האַק שפּאַלטן דיין קאָפּ!...

ער איז טאַקי געווען שיכור אָבער מיר איז געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

ס'איז נישט קיין עסק פאַר מיר צו בלייבן נעכטיקן אין אַזאַ אכסניה, האָב איך גלייך באַשלאָסן, כ'האָב אויף זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און בין אַרויס פון שטוב. אין דרויסן האָט געבושעוועט אַ סיבירער שטורעם, אַ זאַווערוכע, געריסן די דעכער פון די הייזער און געשמיסן דעם שניי אין די אויגן. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: מ'דאַרף דאָ האָבן אַ ביסעלע רחמים, כ'האָב צוזאַמענגעקליבן די פאַרבאָרגענע כוחות וואָס אין מיר און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: רבונו של עולם, חזקני הפעם! און אָנגעהויבן צו שפּרייזן צו דער אייזנבאַן־סטאַנציע וואָס איז געלעגן אין אַ מרחק פון אַ פּאָר קילאָמעטער.

איך בין געגאַנגען מיט סאָלדאַטסקע טריט וואָס איז נאָך געבליבן איינגעוואָרצלט אין מיר פון די יונגע יאָרן, פון מיין מיליטערישער סלוזשבע. די טעלעגראַף סלופּעס האָבן געזשומעט און איך האָב אונטערגעברומט פאַר זיך מיין אַלטן באַליבטן ליד „טשאַרניע גוסאַרי" — מאַרש וופּעריאָד... און אַזוי בין איך געקומען צו דער סטאַנציע.

דער וואקזאַל איז געווען העל באַלויכטן, אויפן פּאָל זענען געלעגן אויסגעצויגן פּויערן און פּויערטעס וועלכע האָבן געוואַרט אויפן צוג. כ'האָב אָנגעהויבן מיט די אויגן זוכן אַ ווינקעלע, ערגעץ ווו זיך צוזעצן אָדער צושפּאַרן די קאָפּ און פּראָ־פאָרמא צוגעגאַנגען צו דער קאַסע אַ פרעג טאָן ווען דער צוג דאַרף אָנקומען.

אין דער קאַסע איז געזעסן אַ יונגע קריסטן פון אַ יאָר עטלעכע צוואַנציק — די פאַרקויפערין פון די בילעטן. אַז זי האָט דערהערט מיין שטימע און אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיך דערזען, — האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אַ געשריי געטאָן: אָ באָזשע, פּאַניע קאַפּלאַן, דאָס זייט איר?

איך בין צומישט און נשתומם געוואָרן.

— ווער ביסטו — האָב איך איר געפרעגט.

— איך בין יאַדזיאַ — אַ חברטע פון אייערע קינדער וואָס איך האָב מיט זיי געלערנט אין גימנאַזיע. יאַדזיאַ, יאַן שארייקעס טאָכטער. כ׳פלעג דאָך קומען צו אייך אין שטוב! באָזשע, באָזשע, ווי איר האָט זיך פאַרענדערט, ווי איר זעט אויס, — האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט. — מיר ווינען דאָ נישט ווייט, מיר זענען עוואַקואירט געוואָרן אַהער די גאַנצע פאַמיליע, איר וועט גיין מיט מיר צו אונדז, אַלע וועלן זיין גליקלעך, אַלע וועלן זיך פרייען אייך צו זען.

כ׳האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, כ׳האָב דערזען אין דער באַגעגעניש אַ סימן פון געטלעכער השגחה.

ס. קאפלאן

## א באגעגעניש מיטן קאלאנעל וויליאם סאלמאן

כ׳האָב פאַר זיך דערזען אַ שלאַנקן פעסט־געבויטן ברונעטן מאַן, מיט אַ פּאָר טיפע שוואַרצע אויגן, מיט אַ מיליטעריש־פּריצישן אויסזען. מיין חוש האָט מיר נישט אָפּגענאַרט. וויליאַם סאַלמאַן איז אַ פּאָלקאָווניק, אַ קאָלאָנעל פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין צווייטן וועלט־קריג, אין דער מלחמה קעגן די נאַציס ימ״ש.

פון זיין באַרוף איז וויליאם סאַלמאַן אַ לאַנדווירט און רעכנט זיך פאַר איינעם פון די באַדייטנדסטע גוט־באַזיצער אין טעקסאַס, פאַרמאָגט הונדערטער קילאָמעטערס לאַנד, פּלאַנטאַציעס, וועלדער, סטאַדעס פי, פערד און בהמות.

כ׳האָב נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטאָן:

אָ, ווי ווייט דאָס עפּעלע האָט זיך פאַרקייקלט פון דעם בוים!

דער טאַטע, ר׳ יעקב סאַלמאַן, פון די טייערע, פרומע, תמימותדיקע סוחרישע יידן, פון די בית־המדרש יידן, פון די זיצערס ביים רבס טיש, אַ גבאי פון געמויערטן בית־המדרש — און דער זון, אַ פירשט, אַ מאַגנאַט, באַפליגלט מיט לעגענדעס פון וווּנדערבאַרן טעקסאַס־לאַנד!

איך האָב געטראַכט: צי האָט זיך עס געקענט אַ מאָל חלומען ר׳ יעקב סאַלמאַן און זיין פרוי בת־שבע ז״ל, פון דער חאָלאָדאָווסקער גאַס אין וואָלקאָוויסק, אַז אין די שוועדישע פיאָרדן וועלן שווימען שיפן וועלכע טראָגן אויף זיך די נעמען פון זייגע אייניקלעך פראנסיס און דוד?

איך האָב געטראַכט, צי האָט מען זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ צווייגעלע וואָס איז פון דער פריסטער יוגנט פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ

ווייטן פרעמדן לאַנד און זיך דאָרט איינגעוואָרצלט, זאָל פאַרמאָגן אַזאַ טיפן געפיל צו חברים און יוגנט־פריינד — אַזאַ סענטימענט צו דער יידישער מדינה, צו וועלכער ער רייסט זיך ביי יעדער מעגלעכקייט, צו ברענגען ליכט און הילף פאַר זיינע מיט־מענטשן.

אַ האַלבע שעה האָב איך פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון אָט דעם וווּנדערבאַרן שטאָלצן מאַן, וואָס האָט אַלס אָפיציר פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, מיט מסירת נפש געשיצט דעם כבוד פון יידישן פאָלק, ביי פאַרשיידענע אומשטענדן און סיטואַציעס.

איך האָב זיך דערמאָנט: ביי דעם פריערדיקן דור וואָלקאָוויסקער יידן איז געווען באַרימט דער נאָמען פון דעם נדבן און פילאַנטראָפּ נאַחע העלער, וואָס וועגן אים פלעגט מען זאָגן, אַז מ'שרייבט אָן אַ בריוו מיטן אַדרעס „נאַחע העלער, אייראָפּע", קומט זי אָן אין זיינע הענט. אין איצטיקן דור, אין אונדזערע טעג האָבן מיר ברוך־השם זוכה געווען אַז ס'איז אויפגעשטאַנען אַ נאָבעלער נדבן, וואָס זיינע לייסטונגען זענען פיל גראַנדיעזער ווי אין דעם פאַרגאַנגענעם דור — דער קאָלאָנעל וויליאַם, דער זון פון ר' יעקב סאָלמאַן. זאָל ער זיין געבענטשט מיט זיין פאַמיליע אויף גוטע לאַנגע יאָרן.

גאָט צו דאַנקען, ברוך השם! וואָלקאָוויסקער יידן אין ישראל האָבן זיך ברוך השם אַלע איינגעאָרדנט אין מדינת ישראל, גרויס איז נאָר דער ווייטיק אויף די וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט די נביאישע אינטואיציע צו פאַרלאָזן דעם אומגליקלעכן פאַרשאָלטענעם געבורטס־אָרט, און זענען פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלך־אויוונס פון טרעבלינקע. אָבער די־יעניקע וואָלקאָוויסקער יידן פון מדינת ישראל, וואָס נויטיקן זיך פון צייט צו צייט אין קאָנסטרוקטיווע אויפבויאונגס־הילף, זענען דאַנקבאַר דעם קאָלאָניעל וויליאַם סאָלמאַן, וועלכער איז אַזוי' באַליבט מיט זיין קינדערשן נאָמען, וואָליע סאָלמאַן, צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, דעם באַנק־דירעקטאָר און געזעלשאַפטלעכן עסקן ה' סמואל קאַפּלאַן, וועלכע האָבן געגרינדעט מיט אַזאַ ברייטער האַנט און גוטער האַרץ, אַזאַ וויכטיקע הילפס־אינסטיטוציע מיטן נאָמען „קופת גמ"ח על שם קדושי וולקוביסק".

מיט ליבע און מיט דאַנקבאַרקייט וועלן אייביק דערמאָנט ווערן אָט די ליכטיקע פּערזענלעכקייטן — די פאַמיליע סאָלמאַן־קאַפּלאַן, וועלכע זענען דורך דער השגחה עליונה באַשטימט געוואָרן צו זיין די טרעגער פון הילף און שטיצע, אין דעם דור פון גרעסטן קדוש השם און אין דער ווונדערבאַרער הערויִשער עפּאָכע פון דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

# ד״ר משה איינהורן

יעדעס יאָר חנוכה צייט, קומט פאָר אין תל־אביב, אין בית החלוצות, די יזכור־פאַרזאַמלונג פון די וואָלקאָוויסקער יידן. אויף איינאָרדנען די יזכור פאַרזאַמלונג האָבן שוין אַ חזקה פון יאָר צו יאָר די טייערע חברים און פריינד עזריאל ברושי, שלמה ברשקובסקי, מנחם גרין, מוליע שיין, זהבה הובר, צפורה ויגמן און מוליע מרקוס.

פון אַלע עקן פון לאַנד, פאָרן זיך צוזאַמען וואָלקאָוויסקער יידן, זיך מתיחד זיין מיט דעם אָנדענקונג פון די משפחות און פריינד וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

עס ווערן געהאַלטן רעדעס, געמאַכט הספדים און אזכרות די קרבנות פון די געטאָס, לאַגערן און טויט פאַבריקן. עס ווערט אויך געמאַכט אַ אזכרה די קינדער פון די וואָלקאָוויסקער יידן אין ישראל, וועלכע זענען געפאַלן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון ישראל — מלחמת השחרור. עס ווערן פאַרגאָסן טרערן אויף די פאַרפייניקטע און פאַרשניטענע יידישע לעבנס.

אויף די פאַרזאַמלונגען האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַ טראַדיציע צו באַצייכנען און דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט אונדזער טייערן און זעלטענעם בן־עיר, דעם באַליבטן דאָקטאָר משה איינהארן, פאַר זיין פאַראייביקן זיין היים־שטאָט אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק „דער יזכור בוך וואָלקאָוויסק״.
ד״ר משה איינהארן, דער וויסנשאַפט־מאַן, שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר, האָט פיר יאָר נאָכאַנאַנד געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, אָוועקגעגעבן זיין צייט, זיין ענערגיע, זיין טאַלאַנט און אויך זיין קאַפּיטאַל און געשאַפן אַ מעכטיקן, קינסטלערישן, היסטאָרישן מאָנומענט וואָס אויף אים קען מען זאָגן די ווערטער פון אור־אַלטן רוימישן פּאָעט: „כ׳האָב אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל וואָס איז שטאַרקער פון אייזן און העכער פון די פּיראַמידן״.

אָפטמאָל דוכט זיך מיר אַז מיר האָבן נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט, נישט ריכטיק פאַרדייעט וואָס דער גרויסער נאָבעלער בן־עיר אונדזערער האָט פאַר אונדז געשאַפן.

מיר וואָלטן דאָך געבליבן ווי בראָדיאַגעס אָן אַ פּאַספּאָרט. — אין לויף פון דער צייט וואָלט די יידישע וואָלקאָוויסק אָפּגעמעקט געוואָרן פון זכרון־פלאַך, וואָלט פאַרטרונקען געוואָרן אין טייך פון פאַרגעסונג, פורה, דער גאָט פון שכחה וואָלט איר באַהערשט.

און זאָל געזאָגט ווערן: ד״ר משה איינהארן האָט געשאַפן אין מדינת



ד"ר משה איינהורן

ישראל פאַרשיידענע קולטורעלע אינסטיטוציעס: אַ פּרעכטיקע מעדיצינישע ביבליאָטעק אין קאַפּלאַן שפּיטאָל, אַ חדר־הרופא אין גימנאַזיע „הרצליה", אַ ספריה אין „בית הרופא", אין תל־אביב, רעדאַגירט און גיט אַרויס דרייסיק יאָר דעם מעדיצינישן זשורנאַל „הרופא העברי". אָבער וואָס פאַר אַ פּערגלייך איז עס מיט דעם אייביקן מאָנומענט דער „יזכור־בוך וואָלקאָוויסק". מיט דעם ווערק האָט ער פאַראייביקט זיין געבורט־שטאָט און זיך אַליין.

שטאַרק און טיף איז דער סענטימענט פון ד"ר איינהאָרן צו זיין פאַמיליע און צו זיין געבורט־שטאָט. עס האָט נאָך נישט געטראָפן קיין יזכור־אָוונט אין וועלכן ד"ר איינהאָרן זאָל זיך נישט משתתף זיין מיט זיין שריפטלעכן וואָרט. ער איז אין ניו־יאָרק און זיין האַרץ איז אויף דער יזכור־אסיפה אין תל־אביב צוזאַמען מיט די וואָלקאָווויסקער יידן.

מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געפלויגן קיין פוילן און געזאָגט קדיש אויפן דאַך פון קרעמאַטאָריום אין אוישוויץ נאָך די אַלע קדושים וועלכע ער האָט פאַראייביקט אין זיין יזכור־בוך.

היינטיקס יאָר האָט ער געבעטן מען זאָל ספּעציעל דערמאָנען דעם קדוש יצחק טשאפּער ז"ל און באַצייכנען זיין הייליקן אויפטו פון פאַר־אייביקונג דעם זכרון פון די וואָלקאָוויסקער קדושים, וואָס עס איז פאַר־שטענדלעך דערפילט געוואָרן.

אונדזער ליבער, טייערער ד"ר משה איינהאָרן זאָלן זיין געבענטשט!

## אהרן מרכוס

...און אַז מ'האָט אהרון מרכוסן מודיע געווען די בשורה אַז זיין איינציקער זון איז געפאַלן — האָט ער געזאָגט צידוק הדין און צוגעגעבן: „ווען איך וואָלט האָבן נאָך אַ בן־יחיד וואָלט איך אים אויך געשיקט מלחמה האַלטן פאַר מדינת ישראל — ס'איז כדאי!"

ער האָט פאַרלאָרן זיין איינציקן זון — אָבער אַ טאַטע איז ער געבליבן צו די יתומים, די חברים פון זיין זון, פון די עולים חדשים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען מלחמה געהאַלטן אין די שלאַכטן פון רמת רחל. ער האָט געדאגהט פאַר זיי, געהאָלפן זיי זיך איינאָרדנען מיט דירות, מיט באַשעפטיקונג און חתונה געמאַכט זיי, געפירט זיי צו דער חופה. היינט

זענען זיי טיכטיקע, טרייע און נוצלעכע בירגער פון מדינת ישראל און גיבן אָפּ זייערע אידעאַלן טאָטן דעם פאַרדינסטן כיבוד־אב.

צניעותדיק און באַשיידן פירט ער זיין הארפאַשנעם ארט־לעבן, מיט אַ אָפענע, ברייטע האַנט פאַר צדקה און גמילות חסדים. איז אַ עסקן בצרכי ציבור באמונה. היט אָפּ די פרינציפּן פון צדק און יושר און גייט אין די וועגן פון זיין אַלעמען באַוווסטן פאָטער ר׳ אברהם־אליהו מרכוס ז״ל, כאָטש אין אַ געוויסן זין איז ער אַוועק גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג: אין דער צייט וואָס זיין פאָטער איז געווען אַ פאַרברענטער מתנגד, איז ער, אהרון מרכוס, אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ השפעה פון זיינעם אַ רבנישן פריינד און געוואָרן אַ הייסער חב״דניק. זאָל אים וויל באַקומען.

## מאיר אקסלראד

אַ באַגרענעצטער קרייז מענטשן ווייסן געגוי ווער דאָס איז מאיר אקסלראד. די ברייטע מאַסן קענען נישט דעם נאָמען, כאָטש אַלע געניסן זיי פון די פרוכטן פון זיין געבענטשטער טעטיקייט. מאיר אקסלראד האָט דעם גרעסטן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דעם קאָאָפּעראַטיוון קרעדיט־וועזן אין לאַנד. דעם דאָזיקן אידעאַל האָט ער געווידמעט זיין גאַנצע ענערגיע, פעאיקייט, קענטעניש און וויסן מיט וועלכע ער איז באַפליגלט אַלס געזעלשאַפטלעכער עסקן ביים העלפן די קרבנות פון ערשטן וועלט קריג אין רוסלאַנד און דערנאָך, שטייענדיק אין דער שפּיץ און אָנפירנדיק מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין ליטא. דאָ אין לאַנד האָט ער געבויט און געשאַפן מוסדות און קרעדיט אַנשטאַלטן אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד, אין אַלע מושבות און דערפער, און ענטוויקלט אַ נעץ פון קאָאָפּעראַטיווע בענק מיט ווילכע דאָס לאַנד קען שטאָלצירן.

אַז איך בין אָנגעקומען אין לאַנד, האָב איך זיך אַלס אָנגעשטעלטער פון דער פאָלקס־באַנק אין מיין געבורט־שטאָט, ביי דעם באַקאַנטן באַנק־דירעקטאָר סמואל קאַפּלאַן — זיך געווענדעט צו אַקסלראדן ער זאָל מיר העלפן זיך איינאָרדנען.

— איך וועל אייך אָפּצאָלן אַ חוב וועלכן איך בין אייך נישט שולדיק! — האָט מיר געענטפערט אקסלראד.

איך פאַרשטיי נישט וואָס איר מיינט — האָב איך געזאָגט צו אים פאַרוווּנדערט.

— איך וועל אייך דערקלערן — האָט מיר געענטפערט אקסלראד, — מיט צוואָנציק יאָר צוריק האָט אייערער אַ ברודער אין אַמעריקע געגעבן מייַנעם אַ ברודער, אַ פּראָטעקציע בריוו צו אייער פאָטער, ער זאָל מיר העלפן זיך איינאָרדנען אין לאַנד (מיין פאָטער איז געווען פון די אַלטע תושבים אין פּתח תקוה). נאָר איך האָב זיך ברוך־השם איינגעאָרדנט נישט אויסנוצנדיק די פּראָטעקציע — וויל איך איצט באַצאָלן דעם חוב וועלכן איך בין נישט שולדיק. אקסלראד האָט מיר ברוך השם איינגעאָרדנט און איך עס ברויט פון זיין האַנט ביז היינטיקן טאָג.

אָבער נישט מיר אַליין האָט אקסלראד איינגעאָרדנט. אקסלראד האָט איינגעאָרדנט הונדערטער, הונדערטער אינטעליגענטע מענטשן, וואָס זענען געקומען אין לאַנד עלנטע און הילפסלאָזע — און איצט דערפילן זיי אַלע וויכטיקע און בכבודיקע תפקידים און ברענגען נוצן דער געזעלשאַפט און דער יידישער מדינה.

אקסלראד שטייט נאָך ביז היינטיקן טאָג אויף אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג וועלכע האָט זיך פונאַנדערגעבליט און פונאַנדערגעצווייגט אין מדינת ישראל, און ווערט מיט ליבשאַפט און אַכטונג דערמאָנט דורך יעדן איינעם וואָס האָט געהאַט דעם פאַרגעניגן צו דערקענען אָט דעם באַשיידענעם, צניעותדיקן קאָאָפּעראַטיוון עסקן, תלמיד־חכם, מענטשן־פריינד און פּאַטריאָט פון מדינת ישראל.

## ד״ר חיים שאשקעס דער פליענדיקער ייד

„איך קוק דיר אָן מיין פאָלק — ישראל — קוק דיר אָן און ווער נתפּעל״ — קומט מיר אַרויף אויפן געדאַנק ווען איך וויל כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייט פון דעם ליבן, האַרציקן, פּשוטן און העלדישן ייד, וואָס הייסט ד״ר חיים שאַשקעס. מען דאַרף פאַרמאָגן טאַלאַנט און אָטעם צו שילדערן אָט דעם זעלטענעם שריפטשטעלער און וועלט־רייזנדער דורך לופט, ים און יבשה, וואָס שטעלט דאָס לעבן אויפן קאָרט כדי צו דערגרייכן זיין ציל. איך געדענק שאַשקעסן אַלס אַביטוריענט פון סלאָנימער רעאַל־שולע, אין אַ היטל מיט אַ גערב מיט געלע קאַנטן, מיט אַ פּאָר סאַזשע־שוואַרצע וואָנצעלעך. איך געדענק אים אַזוי ווי איצט אויף דעם מאַטורע־עקזאַמען, אין דער אַנוועזנהייט פון דעם פאָרשטייער פון דער רעגירונג האָט ער דעקלאַמירט דאָס ליד „רוס״:

— „אונטערן טיפן רוים פון די בלויע הימלען — זע איך די ווייטע סטעפּעס גרינען זיך״.

דער דעפּוטאַט, אַ געהיים־ראַט לויט זיין ראַנג, איז געווען אַזוי געריגט פון דער דעקלאַמאַציע, אַז ער האָט זיך אָפּגערופן צו שאַשקעסן:

— אַ שאַד וואָס דו ביזט אַ ייד, ווען דו וואָלסט געווען אַ קריסט — וואָלסטו געפלויגן הויך!

— וואָשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ, האָט געענטפערט שאַשקעס, איך האָף אַלס ייד פליען נאָך העכער! (אַזוי ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט).

מיט דער פּאַלעסיער באַן פלעגן מיר אָפט פאָרן צוזאַמען אַהיים אויף די יום־טובים, ער קיין ביאַליסטאָק און איך אויף סטאַנציע אַנדרעעווצי (אַ סטאַנציע נאָך וואָלקאָוויסק). מיט יאָרן שפּעטער, אין די צייטן פון ערשטן וועלט־קריג האָב איך געטראָפן שאַשקעסן אַלס אָפיציר (פּראָפּאָר־שטשיק) אין אַ מונדיר מיט גאָלדענע עפּאָלעטן אין אַ צוג פון רויטן קרייץ, וואָס איז געגאַנגען אויפן פראָנט. דערנאָך, אין דער צייט פון פּוילנס אויפ־שטיין תחית המתים, שווימט ער אַרויס אויפן האָריזאָנט פון יידישן לעבן אַלס קאָאָפּעראַטיווער טוער, אַלס גרינדער, אינסטרוקטאָר און רעווידענט פון די יידישע פאָלקס־בענק אין פּוילן. צו יענער צייט געהערן זיינע וווּנדער־באַרע דערציילונגען, וועלכע וועלן פאַרבלייבן ווי פּערל אין דער יידישער ליטעראַטור. ווער ס'געדענקט די סצענע, ווען פאָרנדיק אין אַ שטעטל אויף אַ רעוויזיע אין דער פאָלקס־באַנק, הייבט אָן דער בעל־עגלה צו פאָרשן שאַשקעסן ווער ער איז? אַן אַגענט פון זינגער־מאַשינעס? אַ וואָיאַזשאָר פון לאָדזש, וואָס פאָרט אויף קבר־אבות? אַ נכתב, וואָס פאָרט אין אָב־שטשעסטוואָ נעמען אַ פּאַס אין דער אופראַווע? און אַז ער דערוויסט זיך אַז דאָס איז אַ רעוויזאָר, וואָס פאָרט אין באַנק מאַכן אַ רעוויזיע — ווערט ער, דער בעל־עגלה מיט אַמאָל פּלוצלינג פאַרשוווּנדן, איבערלאָזנדיק דעם פערד און וואָגן מיטן פּאַסאַזשיר אין מיטן וועג. שאַשקעס וואַרט און וואַרט, און אַז ער קען זיך נישט דערוואַרטן אויף אים, פאָרט ער אַליין אַריין מיט די לייצעס אין די הענט, אין שטעטל אַריין צום באַנק — און דאָרט טרעפט ער שוין אַ האַלבע שטעטל שטייט און כאַפּט אַרויס די פּקדונות פון באַנק!..

און נאָך דער עפּאָכע — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — די פּאַנ־טאַסטישע סכנות־פּולע, העראָישע קאַריערע אַלס פליענדער וועלט־רייזנדער, שריפטשטעלער און היסטאָריקער, וואָס רודערט אויף די גאַנצע יידישע וועלט, וואָס קיין גלייכן איז צו אים נישטאָ. אַז איך האָב געלייענט, אַז מ'האָט שאַשקעסן צוגעטיילט אַ צבי קסל־פּרעמיע האָב איך נישט ווילנדיק

אַ שמייכל געטאָן, ס'האָט מיר דערמאָנט דעם שמעק־טאַבאַק, וואָס דער פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי האָט אונטערגעטראָגן דעם פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש פאַר זיין גבורה. שאַשקעס פאַרדינט עפּעס מערער ווי אַ קסל־פרעמיע, ער פאַרדינט אַ פּרס פון גאַנצן יידישן פאָלק.

## עזריאל ברושי

נישט צו פאַרזינדיקן! מיר האָבן, מיר האָבן, וואָלקאָוויסקער יידן, מיט וועמען צו שטאָלצירן — עזריאל ברושי!

דער היסטאָריקער, פאָרשער, לאַנד־קענער געאָגראַף און פּאַטריאָט פון מדינת ישראל. שוין 40 יאָר זייט ער און פלאַנצט ידיעת הארץ און אהבת ישראל צווישן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן פון ישראל און חוץ לארץ, דורך זיינע אָרגאַניזירטע טיולים און אויספלוגן. אין דעם פאַר־גאַנגענעם יאָר אַליין זענען דורך אים דורכגעגאַנגען 70 טויזנט מאָן.

אין די יונגע יאָרן האָט ברושי דורכגעשניטן דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט מיט אַ „קאַטערינקע" — אַ פּנס־קסם אויף דער פּלייצע, געלערנט די וועגן און שטעגן פון לאַנד, געשטודירט די היסטאָרישע ערטער, געקלעטערט אויף בערג און אויף טאָלן, געגאַנגען און דערגאַנגען ביזן סלע האדום (פּעטראַ), באַזוכט די קברים פון יונה הנביא און יחזקאל הנביא, און אַליין ווי אַ נביא געפּריידיקט זיינע וויסנשאַפטלעכע און היסטאָרישע דער־גרייכונגען פאַר די אומציילבאַרע צוהערער פאַר וועלכע ער איז געוועזן דער מורה־דרך און וועג־ווייזער.

אָבער, צי בין איך ראוי אָפּצושאַצן די גרויסע פאַרדינסטן פון עזריאל ברושי פאַרן לאַנד און פאַר מדינת ישראל? צי קען איך זיך פאַרמעסטן אויף אַזאַ אויפגאַבע? איך וויל נאָר אין מיינע באַשיידענע שורות באַצייכענען די ליבשאַפט און טרייהייט פון אָט דעם זעלטענעם באַשיידענעם געלערנטן און פּאַטריאָט פון מדינת ישראל, צו זיין געבורטס־שטאָט. זיין פרייד און גליק ביי דעם אָנקומען פון יעדן ניצול, פון יעדן עולה חדש פון דער שארית הפליטה, פאַר וועלכע ער מיהט זיך צו העלפן מיט אַלע זיינע כוחות, אין די גרענעצן פון זיינע מעגלעכקייטן, איז זיי מקרב און אינטערעסירט זיך מיט זייער גורל.

אָט ליגט פאַר מיר אַ קליין ביכעלע פון ברושי „באויר השקוף של ארצנו"; איך טראַכט ביי זיך, רבש"ע, צו וואָס דאַרפן מענטשן שרייבן גרויסע

ביכער, — אָט דאָס קליינע ביכעלע איז אַ גרויסער שפּיגל וואָס שפּיגלט אָפּ די שיינקייט פון ירושלים וואָס פאַרמאָגט ניין מאָס פּראַכט, דעם חרמון אין זיין שניי־ווייסער יאַרמלקע, דעם פּאַס פון גלעד ביז דן און דאָס גאַנצע לאַנד פון בערג און טאָלן.

אָבער נישט נאָר די שיינקייט און דורכזיכטיקייט פון לאַנד זעסטו אין דעם קליינעם ביכעלע, נאָר אויך די שיינקייט, פּשוטקייט און גוטסקייט פון דעם באַשיידענעם געלערנטן און טייערן בן־עיר אונדזערן עזריאל ברושי!

יאָ, מיר האָבן מיט וועמען צו שטאָלצירן!

# סגן אלוף א.

אַ גענעראַל. אַ לייבן־קאָפּ. אַ מאַיעסטעטישער געשטעל. אַ מיליטערישער טראָט. אַ מלוכהדיקער אויסזען און רעפּרעזנטאַנץ — אַ גענעראַל פון צ.ה.ל.

אָבער כ׳וועל אייך מגלה זיין אַ סוד און איך בעט אייך דעם סוד קיינעם נישט אַנדעקן: ער איז אַ צדיק און אַ למד־וואָווניק!

אַז מ׳האָט געוואָלט מיר אָפּזאָגן פון מיין אַרבעטס־פּלאַץ, האָט ער געשריבן צו מיינע אַרבעטס־געבער: „איר זאָלט נישט וואַגן מאַכן דעם שריט — צו צושטערן דאָס לעבן פון אַ אב שכול, פון אַ צובראָכענעם פאָטער וואָס האָט פאַרלאָרן זיין זון אין מלחמת השחרור פון מדינת ישראל״.

אין אַ צווייטן מאָל האָט ער דערקלערט: איך וועל נישט לאָזן אָפּרייסן די פאָטערס פון די געפאַלענע קינדער, פון זייערע אַרבעט־פּלעצער און שיקן זיי אַהיים צו קוקן אויף די פאָטאָגראַפיעס... פון די געפאַלענע זין.

אין אַ דריטן פאַל האָט ער געוואָרנט אַ באַטרעפנדע פּערזאָן אָן וועלכער עס איז געווען אָפּהענגיק דאָס פאַרבלייבן פון אַ אב שכול אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ: — איך וועל נישט זיין אויף מיין פּלאַץ, דו וועסט נישט זיין אויף דיין פּלאַץ, אָבער דער פאָטער וואָס האָט אַוועקגעגעבן זיין זון פאַר מדינת ישראל, וועט יאָ בלייבן אויף זיין פּלאַץ.

וואָס נאָך קען מען דערציילן וועגן אַזאַ צדיק!...

# יצחק בר־יהודה

די פשוטקייט — פון עמך־מענטש, די ברייטקייט פון אַ פּערוואַר־גילדייעץ, די חכמה פון אַ אייניקל פון אַ רבנישער דינאַסטיע — פון ר׳ שלמה דער ראש ישיבה און ר׳ דוד פיינזילבער, דער מורה הוראה און פּאָדראַטשיק פון בריסקער קרעפּאָסט. אַ טיפּ פון אַ רוסישן אינטעליגענט, אָנגעזאַפּט מיט דער רוסישער ליטעראַטור, פאַרמאָגט אַליין אַ שאַרפע שרייבערישע פעדער, און איז אַ ליבהאָבער פון דער קלאַסישער רוסישער, העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. זיינע שילדערונגען פון וואָלקאָ־וויסקער טיפּן און פערזענלעכקייט אין ד״ר איינהאָרנס יזכור־בוך, זענען פּרעכטיקע אמתדיקע פּערל און וועלן פאַרבלייבן ווי אייביקע מאָנאָליטן פון די וואָלקאָווויסקער יידן פון דעם פאַרגאַנגענעם דור.

יצחק בר־יהודה, וואָס דער גורל האָט אים באַשטימט צו זיין פון די עמודי התווך פון ארץ זבת חלב, פון מדינת ישראל, און דאַרף דאַגהן פאַר אדם ובהמה, איז פון דער נאַטור אַ „גוטער־ברודער״, אַ האַרציקער מענטש און פריינד, מיט אַ גוטן הומאָר, מיט אַ ברייטע, אָפענע האַנט. ער פאַרמאָגט אַ קליינטשינקן ביכעלע, וואָס ליגט ביי אים אָפן, נאָר ער לייענט אים נישט, און לייענט אים נישט טויזנטער מאָל ווי ביי פרוגן — נאָר אַז דו קומסט צו אים נאָך אַ גמילות־חסד, דערלאַנגט ער דיר דאָס ביכעלע און הייסט דיר אויפשרייבן וויפל דו דאַרפסט. דאָס איז זיין טשעק־ביכעלע וועלכער איז פאַר דיר שטענדיק אָפן.

אויסער זיין פאַרנעם און מידות טובות, האָט יצחק בר־יהודה זיין אידעע־פיקס — די מצוה פון בר־מצוה וועלכע ער האַלט פאַר איינע פון די יסודות פון יידישקייט, און איז גרייט פאַר דער אידעע זיך מוסר־נפש זיין, וואָס ער האָט שוין נישט איין מאָל באַוויזן אין דער ווירקלעכקייט.

# יוסף פערעלמאַן

דער נאָמען יוסף פערעלמאַן איז גוט באַקאַנט און פּאָפּולער אין דער יידישער שרייבערישער וועלט. זיין שטוב איז פון שטענדיק אַ בית ועד לחכמים ולסופרים. אַליין איז ער פון די זעלטענע געזעלשאַפטלעכע טוער און פילנדע האַרציקע מענטשן, וואָס ווילן נאָר העלפן און לייכטער מאַכן דעם געמיט פון ליידנדן חבר און פריינד.

מיר פערזענלעך איז די פערזאָן פון יוסף פערעלמאַן טייער און ליב, זייענדיק אַ אוממיטלבאַרער עדות פון די ליידן און יסורים, וואָס פערעלמאַן האָט פאַרטראָגן, טראָגנדיק 7 יאָר נאָכאַנאַנד אויף זיינע שוואַכע פּלייצעס — דעם שוואַכן קראַנקן און קאַפּריזנעם סעגאַלאָוויטש ז״ל — און אויב סעגאַלאָוויטש האָט אין ישראל געשאַפן ליטעראַרישע ווערטן: „אַ בוים אין פוילן״, „נישטאָ״, „טרעבלינקע״ — האָט אין דעם פערעלמאַן אַ גרויסן חלק. פערלמאַן האָט געהאָלפן אַ סך יידישע שרייבער און ביזן היינטיקן טאָג איז ער פון די עמודי התווך פון יידישן ליטעראַטן פאַראיין אין ישראל.

פערעלמאַן האָט זיין קריטישן בליק, זיין ליטעראַרישן חוש, פרייט זיך אויף יעדע דערגרייכונג אין דער יידישער ליטעראַטור. ער מיינט אָבער, אַז לעבנדיק אין דער היסטאָרישער עפּאָכע פון גרעסטן קידוש השם פון יידישן פאָלק און פון דער וווּנדערבאַרער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה פאַר אונדזערע אויגן, דאַרף דער שטראַל פון יידישן געניוס זיין געריכטעט צו דער באַלויכטונג פון די צוויי טורעמס: זכור את אשר עשה לך עמלק — און טרייהייט און ליבע צו דער מדינת ישראל. צו דעם צוועק דאַרף שטרעבן דער יידישער שרייבער, דער יידישער דיכטער! דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג פון יוסף פערלמאַן.

## משה ראגאווסקי

אַ פרייד, אַ שמחה נעמט דיר אָן ווען דו דערזעסט אָט די ליכטיקע, גוטע אויגן פון דעם וואונדערבאַרן גוטן מענטש און פריינד.

אין אַ וועלט פון אַזוי פיל רשעות, שלעכטקייט און עגאָאיזם איז אַ היילונג אין האַרצן די געשטאַלט פון משה ראַגאָווסקי. זיין תמימותדיקער שמייכל, זיין האַרציק גוט־וואָרט וועלכע דרינגט אַריין אין דיין נשמה ווי אַ ליכטיקער שטראַל. רבונו של עולם, וועלכעס פאָלק פאַרמאָגט אַזעלכע טייערע האַרציקע מענטשן!

אייביק איז משה ראגאווסקי פאַרזאָרגט מיט יענעמס דאגות, מיט יענעמס צרות, אַז ער האָט נישט קיין צייט צו זאָרגן און צו דאגהן פאַר זיך אַליין. זיין האַנט איז אָפן און זיין האַרץ איז אַ קוואַל פון גוטסקייט, פון ליבשאַפט און גרייטקייט צו העלפן דעם כלל און דעם פרט, מיט צדקה, מיט גמילות חסד און מתן בסתר.

עס מעגן שטאָלצירן מערעטשער יידן אין דער גאַנצער וועלט מיט זייער בן־עיר משה ראגאווסקי, עס מעג מיט אים שטאָלצירן דאָס יידישע לאַנד, דאָס יידישע פאָלק!

## א טאג פון מוליע שיין

אַכט אַ זייגער אין דער פרי געגעבן בלוט אין שרון שפּיטאָל פאַר אַ חבר.

ניין אַ זייגער עדות געזאָגט אין בית המשפט וועגן די יאָרן פון אַ שטאַטישן.

עלף אַ זייגער אין דער פרי געגעבן אַ זשידע אין הלוואה וחסכון פאַר אַ בן־עיר.

צוועלף אַ זייגער געגאַנגען צו אַ לוויה.

דריי אַ זייגער געגאַנגען מבקר חולים זיין אין שפּיטאָל אַ חבר.

פינף אַ זייגער געפאָרן אין לוד אָפּנעמען קרובים.

זיבן אַ זייגער געקומען צו דער זיצונג אין גמילות־חסדים קאַסע, און בעט ביי דעם יושב ראש שלמה ברעשקאָווסקי, ער זאָל אים גיכער באַפרייען, וויל ער דאַרף גיין אויף אַ חתונה.

אפשר האָט איר אַ ביסעלע צייט פאַר מוליען?

## אַ חשבון מיט אַ חבר

כ'האָב געמאַכט אַ חשבון מיט מיין טייערן חבר, אונדזער ליבן בן־עיר (זיין נאָמען וויל ער נישט מפרסם זיין) וויפל מאָל האָט ער תורם געווען בלוט פאַר בני־עיר און פריינד!

נאָך אַ גענויער אויסרעכענונג האָבן מיר באַקומען דעם סך־הכל: עלף.

עלף מאָל האָט ער געגעבן בלוט פאַר פריינד און לאַנדסלייט אין משך פון די לעצטע פאַר יאָר!

ווער האָט עס געזאָגט אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין צדיקים און למד־וואָווניקעס ביי יידן!?

## יעקב בוקשטיין

מיט 28 יאָר צוריק איז מיר, אַלס אינקאַסענט פון אַ געוויסן קרעדיט־אַנשטאַלט, באַשערט געווען צו גיין מאָנען אַ וועקסל אונטערגעשריבן פון אַן „הבימה״ אַרטיסט, וועלכעס איז נישט געצאָלט געוואָרן, פון זיין זשיראַנט.

איך האָב אַזוי לאַנג געקאַסירט דאָס וועקסל, ביז כ'האָב איינגעקאַסירט דעם קרן, אויב כ'האָב קיין טעות נישט 16 פונט. און אַלס פּראַצענט האָב איך איינגעקאַסירט אַן אייביקן גוטן־פריינד, דעם זשיראַנט אַליין, דעם ה' יעקב בוקשטיין, מיט דער פריינדשאַפט פון וועלכן איך שטאָלציר.

כ'האָב אויך געהאַט די זכיה צו דערקענען ביי אים זיין זון דניאל ז״ל, וועלכער איז אַלס פליער אומגעקומען אין מלחמת השחרור.

זיין זיסע פּרעכטיקע געשטאַלט פון אַ מלאך האָט זיך איינגעשניטן אין מיין זכרון, און איך האָב אים געווידמעט מיין ליד „אנחנו אבות״.

דער נאָמען יעקב בוקשטיין באַצירט אַלע מיינע פריערדיקע אויסגאַ־בעס און דערלויב זיך צו באַצירן אויך מיין יידישן בוך מיט דעם נאָמען פון יעקב בוקשטיין.

# די שטראַלנדע געשטאַלט פון יצחק טשאַפּער ז"ל

„לאָמיר אָפּשטויבן די שיך —
די וועגן זענען הייליק דאָ פאַר
דיינעם טראָט".

שנהוד.

גיי און וואַש די הענט! — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין, נעמענדיק אין האַנט די פעדער צו שרייבן אַ פּאָר שורות וועגן דעם מיסטעריעזן קדוש יצחק טשאַפּער וואָס האָט נישט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער קידוש־השם ליטעראַטור פון אונדזער דור. יצחק טשאַפּער, דער צניעותדיקער מאַרטירער, האָט זיך אַנטפּלעקט מיט זיין גאוניש זכרון און האָט איבער־געלאָזן נאָך זיך אַ שוואַרץ־פייערדיקן היסטאָרישן דאָקומענט — אַ מגילת־אש וועגן דעם גורל פון די אומגעקומענע קדושים פון אונדזער שטאָט.

וווּנדער פון וווּנדער, פלא פלאים! פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אַזאַ פאַרפייניקטן מענטש וואָס איז דורכגעגאַנגען אַזוי פיל יסורים און אַלע זיבן און זיבעציק מדורי גיהינום, אַזאַ פענאָמענאַלער זכרון: צו געדענקען און פאַרצייכענען יעדן איינעם פון די קדושים פון אונדזער שטאָט און געדענקען זייערע יאָרציַיטן, לויט אַזאַ גענויען סכעמאַטישן פּלאַן — גאַס נאָך גאַס, שטוב נאָך שטוב, דירה נאָך דירה. וווּנדער פון וווּנדער!

אין אַ צניעותדיקן נביאישן טאָן, אין אַ טאָן פון אני הגבר ראיתי עוני, שרייבט ער אין זיין מגילה: „איך חיים יצחק טשאַפּער, דער זון פון ר' לייב טשאַפּער, דער אייניקל פון ידידיה, געבוירן אין וואָלקאָוויסק, האָב פאַרבראַכט אין וואָלקאָוויסק מיינע בעסטע יאָרן, געהאַט פיל חברים אַ טייל פון וועלכע לעבן הייַנט אין ארץ־ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע און אַרגענטינע, האַלט פאַר מיין הייליקן חוב, אַלס איינער וואָס האָט דורכגעמאַכט אַט די אַלע טרויעריקע טעג און געבליבן לעבן, און אויך אַלס איינער וואָס האָט מיטגעמאַכט די אַמאָליקע גוטע נאָרמאַלע צייטן אין אונדזער שטאָט, איבער־צוגעבן פאַר אונדזערע טייערע לאַנדסלייט, ווו נאָר זיי געפינען זיך, וועגן דעם גורל פון אַלע זייערע נאָענטע און גוטע פריינד, וואָס זענען געפאַלן אויף קידוש השם. איך וועל זיך באַמיען צו געבן וועגן זיי אַלע איינצלהייטן לויטן סדר פון די גאַסן און הייזער, כדי דאָס זאָל בלייבן אַן אייביקע מצבה פאַר אונדזערע קדושים, צום אָנדענק פאַר די צוקונפטיקע דורות! און גאָט זאָל העלפן אַז אַזעלכע געשעענישן זאָלן זיך שוין מער נישט איבערחזרן!"

און עס ציען זיך אַכט און אַכציק זייטן פון איינהאָרנס יזכור־בוך מיט נעמען און פאַמיליעס פון די קדושים און פאַרפייניקטע, פירנדיק דיר פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב און פון דירה צו דירה, אין דער אָרדנונג ווי זיי האָבן געוווינט אין שטאָט.

ווייל געשריען! עס דוכט זיך מיר אַז ביז איצט האָבן מיר עפּעס ווי נישט באַמערקט זיין גרויסקייט, די וויכטיקייט און די הייליקייט פון זיין אויפטו, און נישט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק דעם גאונישן פענאָמען, דעם שעפער פון דער אייביקער מצבה פון די וואָלקאָווסקער קדושים.

וואָלקאָווסקער ייִד, בויג אַראָפּ די קאָפּ און דערמאָן מיט יראת הכבוד דעם וווּנדערבאַרן הייליקן מארטירער יצחק טשאפּער ז״ל, וואָס האָט מיט זיין גאונישן זכרון אַלעמען געדענקט און קיינעם נישט פאַרגעסן.

# דער ווידערקול פון שטיל געוויין

## ה. לייוויק / וועגן „שטיל געוויין" פון אליעזר קליר

זייער חשובער פריינד אליעזר קליר,

אַ גרויסן דאַנק אייך פאַר אייער מתנה „שטיל־געוויין". יאָ, אונדזער גרויס־טראַגיש לעבן האָט גורם געווען, אַז מיר זאָלן שיקן מתנות געוויין — דערצו נאָך שטיל־געוויין, דערצו נאָך געוויין פון אַ טאַטע, וואָס האָט אָוועקגעגעבן אַ זון — געפירט צו דער עקידה „אָן שום וואָרט פון אַ באַוויינער", און ביי דער עקידה „האָט קיין אַיל זיך נישט באַוויזן", אַז דער טאַטע נעמט עס אָן באהבה דורך שטיל געוויין. ווייל — די עקידה איז ישראל — —

די לידער זענען אַזוי פשוט און אַזוי האַרציק אַז זיי נעמען דורך מיט זייער קורצקייט, ווי געוויין־הפסקות. —

נישט שייך צו געבן קאָמפּלימענטן פאַר אַזוינע שודות, וואָס זענען טרערן פאַר־גליווערט אין ווערטער.

איך דריק אייער האַנט. נעמט צו אַלע מיינע ברכות און טרייסטונג צום בייעם יאָר.

אייער — ה. לייוויק

## מלך ראוויטש / זעכצן לידער פון א טאטן, און אבל

דאָס ביכל האָלט פּופציק זייטן און אַרויסגעגעבן געוואָרן איז עס אין תל־אביב אין יאָר התשט"ז דורך דעם מחבר אליעזר קאַליר (קליר). דאָס ביכל רופט זיך: שטיל־געוויין — אַ ציקל לידער. אויפן שער־בלאַט איז דאָ אַ תנכישער מאָטאָ: במסתרים תבכה נפשי — ירמיהו י"ג, י"ז. די זעלבע זאַמלונג — אַ קליין ביסל אַנדערש — איז שוין פריער דערשינען אין לשון קודש. מיר זאָגן דאָ מיט אַ כוונה נישט „עברית", נאָר לשון קודש, מחמת די לידער האָבן נישט קיין אינ־טעגראַלן שייכות מיט דער מאָדערנער פּאָעזיע אין עברית און אַזוי האָבן זיי אויך נישט קיין אינטעגראַלן שייכות מיט דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע. איך וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אינטימע, משפּחהדיקע אויסגאַבע, וואָס האָט אָבער אַ שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן שייכות, אַ נאַציאָנאַלן שייכות און ממילא אַ ברייטערן אינטערעס. דאָס איז אַ טרויער־לידער־זאַמלונג נאָך צוויי געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער יידישער באַפרייאונגס־מלחמה — איינער אַ זון פון מחבר און דער אַנדערער

— אַ פלימעניק זיינער. זייערע נעמען זענען געווען דוד קליר און צביקה מאַרכוס. זיי זענען ביידע געפאַלן אין איין טאָג און ביידע — אין דער נאָענט פון ירושלים, און דער טאָג איז געווען: י״ז אייר, התש״ח.

האָט דער פאַטער און פעטער, וואָס זעלטן נעמט ער אַ פעדער אין האַנט אויף צו שרייבן מיט איר לידער, געפילט, אַז נישטאָ קיין אַנדערער וועג אויסצודריקן דעם טרויער, וואָס האָט קיין גרענעץ נישט — ווי נאָר דורך לידער. און ווייל אליעזר קאַליר איז אַ ייד פון פתח תקוה — די „מאַמע פון די ישובים אין ארץ־ישראל״, און עברית איז בעיקר זיין לשון אין טעגלעכן לעבן — ער אַרבעט אין אַ באַנק — האָט ער געשריבן קודם אין עברית. זיין קליינע לידער־זאַמלונג האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג צוליב איר אוממיטלבאַרקייט. באַקאַנטע דיכטער האָבן זיך אָפּגערופן: דוד שמעוני, אנדה עמיר־פינקערפעלד, אברהם ברוידעס, ראובן אבינועם — ער אַליין האָט אויך אַ זון פאַרלוירן אין דער מלחמה — און עמנואל בן־גוריון. אָט די אָפּרופן האָט אליעזר קאַליר מצרף געווען צו זיין איצטיקער יידישער אויסגאַבע. און נאָך עפּעס האָט קאַליר צוגעגעבן אין זיין יידישער אויסגאַבע: די באַשרייבונג — אין פּראָזע — ווי אַזוי טאַטעס און מאַמעס וואַרטן טעגלאַנג ביים אינפאָרמאַציע־ביוראָ צו באַקומען נייעס וועגן זייערע קינדער. אויף דעם אופן באַקומט זיך אַ לידער־זאַמלונג, אַ בילד אין אַ קאָמפּלעטן ראַמען פון צייט און אָרט. אַ בילד, וואָס גיט אַ פולן באַגריף פון דעם קרבן, וואָס עס ברענגט דער ייד אין מדינת ישראל פאַר דעם לאַנד. און נישט נאָר אַ באַגריף וועגן דעם קרבן — נאָר נאָך מער אַ באַגריף וועגן דער גרייטקייט פון ברענגען דעם קרבן.

נאָך דער ווידמונג, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז דאָ אַ מין כראָניק, געגעבן אין ציטיר־צייכנס: „און אַז מען האָט אהרן מרכוסן מודיע געווען די בשורה, אַז זיין איינציקער זון איז געפאַלן, האָט ער געזאָגט צידוק הדין און צוגעגעבן: — ווען איך וואָלט האָבן נאָך אַ בן־יחיד, וואָלט איך אים אויך געשיקט מלחמה האַלטן פאַר מדינת ישראל. עס איז כדאי!״.

דאָס זענען נישט ציטאַטן פון אַ בוך לידער, דאָס זענען אויך נישט ציטאַטן סתם, דאָס זענען ציטאַטן פון די נייסטע בלעטער פון דער יידישער געשיכטע. דאָ רעדט נישט אַ יחיד — דאָ רעדט אַ רבים, אַ טייל פון אַ פאָלק. און אויך אין די לידער רעדט אָפּט נישט קיין יחיד, הגם זיי זענען אַזעלכע יחידישע שיעור נישט משפחהדיקע. לאָמיר ציטירן אינגאַנצן דאָס ליד: דו...

און ווו איך גיי — דו,
און ווו איך שטיי — דו,
און וואָס איך טראַכט — דו,

און וואָס איך דאַכט — דו,
ביי טאָג, ביי נאַכט — דו,
אין חלום, וואָר — דו,
אין יעדער זאַך — דו,
אין דיינע ביכער — דו,
אין דיינע חברים — דו,
אין די מזמורים — דו,
דו, דו מיין זון,
קוים איין און צוואָנציק יאָר —
אַ לויכט געטאָן — פאַרשוווּנדן,
ווי אין הימל — אַ מעטעאָר.

**און לאָמיר דאָ נאָך איין ליד ציטירן און נאָר צוגעבן, אַז אָט די פאָלקסטימ־לעכע לידער בעטן זיך צו אַ תיקון אין אַ פאָלקסטימלעכן ניגון, אַ ניגון, וואָס זאָל זיין אי אַלט־היימיש און אי ניי־סאַבריש. זיכער וועלן די לידער ווען נישט איז געפינען דעם דאָזיקן תיקון. און אפשר האָבן זיי אים שוין געפונען.**

**און אָט איז דאָס צווייטע ליד, וואָס מיר ציטירן פון דער זאַמלונג פון זעכצן. עס רופט זיך: „טאַטעס אין ישראל".**

זאָגט מיר נאָר, איר טאַטעס פון ישראל,
אויסגעפרוווט אין פיין און פלאָגן,
אינעם צער פון מקריב זיין די קינדער —
ווי זשע קאָנט איר עס פאַרטראָגן?
ווי זשע קאָנט איר טראָגן אויפן זינען
אַזאַ אומגליק, אַזאַ שווערן,
און אַ שטיקל טרייסט פאַר זיך געפינען
נישט דורך וואָרט און נישט דורך טרערן?
איר, די פאָטערס, היינטיקע אברהמס,
וואָס געפירט האָט יעדער איינער
שטיל זיין אייגן קינד צו דער עקידה,
אָן שום וואָרט פון אַ באַווינער — —
לערנט מיך דעם סוד, ווי איר האָט, טאַטעס,
בונד פון גלויבן נישט צעריסן,
ווען ביי דער עקידה האָט קיין איל
ווי אַ נס זיך נישט באַוויזן!

און לאָמיר דאָ איינבויגן דעם קאָפּ און אַנידערלייגן די פּען און זאָגן, אַז מיר האָבן געזאָגט, וואָס מיר האָבן געהאַט צו זאָגן אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל וועגן אָט דעם טראַגיש־דערהויבענעם שטיק יידיש לעבן אַריינגעקלעמערט אין פּופּציק זייטלעך פון אַ באַשיידן יידישן ביכל.

## א. וואלף־יאסני / „שטיל געוויין" א ציקל לידער פון אליעזר קליר

אויב נישט נאָך העכער — די דאַזיקע איבערשריפט איבער פּרצס טיף עטישע פאָלקסטימלעכע געשיכטע ווילט זיך אָנווענדן צו אליעזר קאַלירס לידער־זאַמלונג א. נ. „שטיל־געוויין".

אין זיין שאַפונג פירט פּרץ אַרויס דעם צדיק, וועגן וועלכן חסידים זענען זיכער, אַז אין דער ערשטער סליחות־נאַכט גייט ער אין הימל. אינדעראמתן גייט דעמאָלט דער צדיק העלפן די אָרעמע, קראַנקע אלמנה. דער גרויסער פּרץ האָט דעם דאָזיקן סיפּור המעשה באַצייכנט מיט — „אויב נישט נאָך העכער".

אויך אליעזר קאַלירס „שטיל געוויין" איז אַזאַ שאַפונג, וואָס שטייגט העכער, ווי דאָס געזאַנג פון דער הימלישער מוזע. פּאָעזיע האָט זיך איר מאָס, ריטעם און ראַם, פאָרמען, וואָס זענען געהייליקט דורך אַלע פּאָעטישע זינגערס. פאַראַן אָבער אַ געזאַנג וואָס שטייגט איבער יעדעס געפאָרמטע ליד און בכלל די פאָרעם — ס'געזאַנג וואָס קומט פון אַ צעווייטיקטער נשמה. —

## מ. שענדעריי / „שטיל געוויין" פון אליעזר קליר

צווישן די ביכער וואָס מען האָט מיר איבערגעשיקט אָדער וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון מיין רייזע איבער דער יידישער וועלט, איז געווען איינס, זייער אַ קליינינק ביכעלע: קליינער פאָרמאַט, גרויסע אותיות, 48 זייטעלעך אין יידיש און העברעאיש, פּראָזע און פּאָעזיע, אָבער דאָס קליינינקע ביכעלע האָט פון ערשטן בלעטער־טון געפּאַנגען מיין האַרץ מיט דער עכטקייט און נישט געקינצלט־קייט פון זיין שטילן־געוויין...

האָט מיטן ביכעלע געטראָפן וואָס דער תלמוד זאָגט וועגן אַ ספר פון אַ נביא וואָס האָט בלויז איין קאַפּיטל: איידי דאטר — מירכס; ווייל ער איז קליין האָט עס זיך פאַרוואַלגערט. דאָס קלייבינקע ביכעלע איז מיר ערגעץ אַהינגעקומען און איך האָב מיך זייער און זייער מצער געווען, ווייל איך האָב עס גראָד געהאַט בדעה צו קאָמענטירן פאַר די לייענער פון „די אידישע צייטונג".

וואָס איז דער מער מיטן קליינינקן ביכעלע, „שטיל געוויין", פון אליעזר קאַליר? דער מחבר איז אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר, צווייטער דור פון די גרינדער פון פתח־תקוה, אַ ייד אַ קאָלאָניסט וואָס איז אויך אַקטיוו אַלס באַאַמטער אין אַ לייַ־קאַסע און קאָן האַלטן אַ פעדער אין האַנט. די פערזן זענען אויך נישט פון ווער ווייסט וואָס פאַר אַ פּאָעטישן ווערט, גיכער גראַמען ווי פערזן, און אַמאָל זענען די לידער געשריבן אין פרייען פערז, אָן גראַמען. פאַרוואָס־זשע פאַרכאַפּן זיי אַזוי ביים האַרצן, אַזש טרערן פליסן פון די אויגן? ווייל זיי זענען עכט, ווייל זיי דריקן נישט אויס פרעמדע צרות נאָר אייגענעם אומגליק, ווייל נישטאָ אין זיי קיין אָנשטעלט, קיין פּאָזע, קיין „קונסט", נאָר דאָס געשריי פון אַ פאָטער וואָס האָט פאַרלוירן אַ זון...

דער זון איז געפאַלן ווי אַ העלד, אין דער מלחמה וואָס האָט עטאַבלירט מדינת ישראל, וועגן אים און זיינס גלייכן וועט מען נאָך לאַנגע צייטן פּאָעטיזירן, מען וועט אויסלויבן זייערע יונגפאַרשניטענע לעבנס, זיי וועלן געערט פון גאַנצן פאָלק. זיי זענען אַריין אין דער אייביקער יידישער געשיכטע. אָבער איז דאָס אַלץ גענוג אויף צו שטילן דעם ווייטיק אין האַרץ פון טאַטע־מאַמע?

און אליעזר קאַליר וויל אויסרעדן זיין ווייטיק, אפשר וועט אים דערפון לייכטער ווערן: מאַכט ער שווער דאָס האַרץ פון אַנדערע, אָבער ווער ווייסט צי אים איז דערפון לייכטער געוואָרן. אַ ייד, אַ ליטוואַק, איז אליעזר קאַליר שפּאָרזאַם אויף ווערטער און שורות, רעדט כלומרשט קאַלט־בלוטיק, רואיק, אָבער זיינע שורות רייבן אַוועק דו רו פון אַ סך לייענער. אָט זענען אַכט שורות, אונטער אַ קעפּל: „שטיל און פשוט"...

דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:\
אָפּגעגעסן און פאַרקאַמט זיך,\
און אַ קוש געטון דער מאַמען —\
און אַ האַרעלע פאַרזאַמט זיך...\
דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:\
אונדזער ברכה מיטגענומען:\
אויסגעקושט „שלום" דער מאַמען —\
און שוין נישט צוריקגעקומען...

פילט מען דען נישט ווי די לעצטע איינפאַכע שורות ברעכן זיך ממש אונטער דער משא פון טראַגישן פּאַטאָס וואָס ליגט אין זיי?.. עס איז טאַקע שטיל, שטיל געוויין, אָבער גאָרנישט אַזוי פשוט...

האָט אליעזר קאַליר אין זיין שטילן געוויין, וואָס שפּאַלט הימלען, זיך פאַר־קוקט אויף לוי יצחק מבאַרדיטשעוו און נאָכגעמאַכט זיין דודעלע: ווייל ווו ער טוט זיך אַ קער זעט ער נאָר זיין קינד וואָס איז געפאַלן:

„און ווו איך גיי — דו,
און ווו איך שטיי — דו,
און וואָס איך טראַכט — דו,
און וואָס איך דאַכט — דו,
ביי טאָג, ביי נאַכט — דו"...

כמעט פּרימיטיוו. מער געשטאַמלט ווי געזונגען. אַזוי האָבן אפשר מיט טויזנטער יאָרן צוריק טאַטעס און מאַמעס פון די בני־ישראל באַוויינט זייערע קינדער וואָס זענען געפאַלן ביים איינגעמען כנען צום ערשטן מאָל. קומט אויף דער מחשבה אַ מאָדנער געדאַנק. אפשר איז גאָר די שטראָף פאַר דעם דור־המדבר, אויסצושטאַרבן פאַרן אַריינקומען קיין ארץ־ישראל, געווען מער מידת הרחמים ווי מידת הדין. עס איז די יוצאי מצרים פאַרשפּאַרט געוואָרן דער גרעסטער פּיין וואָס אַ מענטש קאָן פילן, צו זען ווי זייערע קינדער פאַלן פאַר דער דעראָבערונג פון לאַנד...

אָבער פאַראַן מאָמענטן ווען דער אייזן־שטאַרקער ליטווישער טעמפּעראַמענט פון אליעזר קאַליר קאָן מער נישט אויסהאַלטן, ער ברעכט נישט צוזאַמען, נאָר ער ברעכט אויס אין אַ פּאַטאָס וואָס רייסט בערג:

לערנט מיר דעם סוד,
ווי האָט איר, טאַטעס,
בונד פון גלויבן נישט צעריסן,
ווען ביי דער עקידה האָט קין איל
ווי אַ נס זיך נישט באַוויזן...

דער איש־השדה וואָס אין אליעזר קאַליר, זוכט טרייסט אין דער נאַטור. אַרום דעם פּלאַץ ווו זיין זון איז געפאַלן האָט מען אַ וועלדל פאַרפלאַנצט אין אָנדענק פון די גבורים. וועלן פּאַעטן זיך קאָנען צעגיסן וועגן דער אייביקייט פון לעבן וואָס בייט בלויז דעם אויסזען, אָבער נישט דעם עצם אינהאַלט; פאַר אַ צעווייטיקט האַרץ פון אַ פאַרוואַגלטן פאַטער, איז עס בלויז פּאָעזיע... אַפילו דער מיליטערי־שער כבוד וואָס מען טיילט צו צום אָנדענק פון די געפאַלענע רירט אים נישט צופיל: ענדיקט ער זיין ליד וועגן דאָס פאַרפלאַנצן דעם אָנדענק־וועלדל, אַט אַזוי:

„די פלוגה האָט געהויבן דאָס געווער,
און מיר האָבן פאַרפלאַנצט אַ וועלדל,

אויסגעביטן אַ זון אַ העלד,
אויף אַביימעלע אין פעלד...

אַנטקעגן דעם דאָזיקן ווייטיקדיקן אמת, קאָן קיין שום פּאָעזיע נישט ביישטיין. אַפילו די קלאַנגען פון מוזיק קאָנען דעם ווייטיק נישט שטילן. איז פאַראַן אַ ליד וועגן דעם ראַדיאָ, וואָס שליסט זיך אַזוי:

דער ראַדיאָ שווייגט, דער ראַדיאָ שטומט,
ער טרויערט דאָ מיט אונדז צוזאַמען,
מיט דיין באַטריבטע טאַטע־מאַמען.

זאָגט טאָקע עמיר פינקערפעלד אין איר העברעאישן בריוול צו אליעזר קאַליר, וועגן דעם ביכעלע „שטיל געוויין":

יעדער וואָרט אַ טראָפּן טרער,
יעדער אויסדרוק, פּאַריתומטער טרויער.

און ווען איר קומט צום בלעטל 45, ווו אַן „אח־לצרה", אַ צווייטער פּאָטער וואָס האָט זיין זון פאַרלוירן, שיקט אַלס אויסטויש פאַר „שטיל געוויין" זיינע אייגענע לידער, „בלעטער פון וויי"... פאַרשטייט מען קלאָר, אַז די מעטאַפאָרע פון נתן אַלטערמאַן וועגן דעם טויטן יוגנטלעכן פּאָרל וואָס טראָגט אונטער דעם פאָלק ישראל זיין מדינה אויף אַ זילבערנעם טאַץ, איז פאַר אַ סך ישראלים, בעיקר פאַר די פאַרוואָגלטע טאַטע־מאַמע פון די געפאַלענע גבורים, אַ שאַרפער געמיש פון טרייסט און ווייטיק...

אליעזר קאַליר קאָן אויך אוממיטלבאַר איבערגעבן די גאָר דינע ניואַנסן פון ווערן געשליידערט צווישן האָפענונג און יאוש. דערציילט ער אין דער פּראָזאַאישער „פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ", ווי עלטערן שטייען פאַר די בילדער פון די געפאַנגענע אין עבר־הירדן, וואָס דער „רויטער קרייץ" האָט צוגעשיקט קיין ישראל אויף דערקענט צו ווערן. און יעדער טאַטע, יעדע מאַמע, האָט געמיינט צו דערקענען זייער קינד:

— אוי, אָט איז ער! יאָ, דאָס איז ער!

— האָב רחמנות, גיב אַ קוק, זאָג באַר. איז עס נישט ער? נישט די זעלבע אויגן? נישט דאָס זעלבע געזיכט?

און יידן טוען אַ טובה און גיבן צו:

— אַוודאי, אָן אַ ספק!

— ניין־און־ניינציק פּראָצענט!

אָבער:

„אַלע בילדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון אַנדערע מענטשן, מיט אַנדערע

נעמען. פון אַלע האָפענונגען האָט זיך אַרויסגעלאָזן אַ טייך, אַ פאטא־מארגאנא. די אַנטוישונג איז געווען שווער און ביטער".

אַ פשוטער, שטילער אַקאָרד, אָבער ווי טיף ער דרינגט אַריין אין האַרצן!..

לייענענדיק די קורצע שורות, און פשוטע פּראָזע פון „שטילן געוויין" פון אליעזר קאַליר, לעבט מען מיט דעם צער און טרויער פון אַלע עלטערן פון די העלדישע ישראל־זין וואָס זענען אומגעקומען אין געראַנגל, ווי פון זיך קייקלט זיך אַ טרער, אַ טרער פון מיטגעפיל, דאָרט וווּ קיין טרייסט איז מער נישט מעגלעך.

און אין מיין זכרון איז אויפגעשווומען אַ האַלב־פאַרגעסענער פערז פון דעם רוסישן פּאָעט פון פאָלקס־טרויער, דעם באַרימטן נעקראַסאָוו, וואָס קלינגט אין שוואַכער יידישער איבערזעצונג, אַזוי:

פאַרנעמענדיק די גרוילן פון אַ שלאַכט,
ביי יעדער נייעם קרבן פון מלחמה,
באַדויער איך נישט, נישט איך טראַכט,
וועגן פריינד און פרוי, און אַפילו העלדס נשמה.
אוי וויי, די ווייב וועט טרייסט געפונען,
און דעם פריינד וועט
— — — — — — —
פאַראַן אָבער טרערן הייליקע, מאַמעס טרערן...
און אָט די טרערן לאָזן דעם פּאָעט נישט צורו.

דאָס קליינינקע ביכעלע „שטיל געוויין" איז אַ באַשטעטיקונג פון דער פּאָעטישער וויזיע, מיטן צוגאָב, אַז אוי דאַ טאַטע, בפרט אַ יידישער, קאָן פאַרגיסן טרערן, וואָס

„זאָלן אונטערגראָבן דעם יסוד פון צעקראַכענער וועלט" (ביאַליק)
ווען אַפילו אָט די טרערן קומען פון: „שטילן געוויין".

## יעקב גלאַטשטיין / צער פון א פאטער אויסגעדריקט אין לידער

אין תל־אביב איז דערשינען אַ זעלטן ביכל מיט לידער אין יידיש. דאָס ביכל רופט זיך: „שטיל געוויין — אַ ציקל לידער", און דער מחבר זייערער הייסט אליעזר קאַליר.

זעכצן לידער אַנטהאַלט דאָס דאָזיקע איינציקאַרטיקע ביכל. דאָס זענען טרויער־לידער נאָך צוויי געפאַלענע סאָלדאַטן אין דער באַפרייאונגס־מלחמה פון מדינת

ישראל. איינער פון זיי איז אַ זון פון מחבר (דוד קאַליר), און דער אַנדערער (צביקה מאַרקוס) — אַ פּלימעניק.

דער מחבר פון די לידער איז נישט קיין דיכטער און ער פּרעטענדירט עס נישט צו זיין. ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק אין תל־אביב. מיט די לידער האָט דער צעווייטיקטער פאָטער און פעטער געוואָלט געבן אַן אויסדרוק דעם שווערן טרויער, וואָס האָט געדריקט מוראדיק זיין נשמה.

די זעלבע לידער זענען שוין פריער דערשינען אין העברעאיש, און זיי זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן פון די וויכטיקסטע העברעאישע דיכטער. איצט האָט דער זעלבער באַצערטער פאָטער די לידער אויך אַרויסגעגעבן אין יידיש.

לאָמיר דאָ ציטירן איינס פון די זעכצן טרויער־לידער פון דעם אייגנאַרטיקן ביכל. דאָס ציטירטע ליד הייסט:

**דו...**

און ווו איך גיי — דו,\
און ווו איך שטיי — דו,\
און וואָס איך טראַכט — דו,\
און וואָס איך דאַכט — דו,\
ביי טאָג, ביי נאַכט — דו,\
אין חלום, וואָר — דו,\
אין יעדער זאַך — דו,\
אין דיינע ביכער — דו,\
אין דיינע חברים — דו,\
אין די מזמורים — דו,\
דו, דו, מיין זון,\
קוים איין־און־צוואַנציק יאָר —\
אַ לויכט געהאַט —\
פאַרשוווּנדן,\
ווי אין הימל — מעטעאָר.

**וואָס קען מען נאָך צוגעבן צו אַזאַ שניידיקן צער?**

## ב. טערקעל / „שטיל געוויין"...

מיר האָבן באַקומען אין רעדאַקציע אַ קליין מאַגער־ביכל לידער פון אליעזר קאַליר פון תל־אביב.

און עס האָט אונדז דערשיטערט ביזן געביין.

„...או זאַז מען האָט אהרן מרכוסן מודיע געווען די בשורה, אַז זיין איינציקער זון איז געפאַלן, האָט ער געזאָגט צידוק־הדין און צוגעגעבן: — ווען איך וואָלט האָבן נאָך אַ בן־יחיד, וואָלט איך אים אויך געשיקט מלחמה האַלטן פאַר מדינת ישראל, ס'איז כדאי!"...

דאַרף מען נאָך לייענען ווייטער. דאַרף מען נאָך זיך פאַרטיפן אין די פּופצן ווײ־לידער פון דעם דאָזיקן קליינטשיקן און מאַגערן ביכל?

די עטלעכע ווערטער רעדן שוין פאַר זיך אַליין און זאָגן געגוי דאָס אַלץ וואָס עס פּילט דער פּאַראַמגליקטער טאַטע, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין זון איז געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד פאַר דער פאַרטיידיקונג פון מדינת ישראל.

די ישראל טאַטעס זענען אָבער פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן: זיי קענען זייער פּיין און צער אַדורכטראָגן גייענדיק באַלד פאַרנעמען דאָס אָרט פון געפאַלענעם זון, ווייל זיי האָבן זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון אהבת ישראל, דערמאָנענדיק דערמיט די אבות, און אַ סך עלטערן זענען געוואָרן סימבאָלן און אַריינגעשריבן אין יידישן בוך היסטאָרישע בלעטער, געשריבן מיט שוואַרצן פייער אויף ווייסן פייער...

דאָס דאָזיקע ביכל לידער איז געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק פון צוויי העלדישע ישראל־קעמפער דוד קאַליר און צביקה מרכוס וועלכע זענען געפאַלן פאַר דער אָנטשטייאונג פון מדינת ישראל אין איין יאָר און דעם זעלבן טאָג (י"ז אייר תש"ח) פון ביידע זייטן ירושלים — דער ערשטער אין לאַטרון, דער צווייטער אין רמת־רחל. צוויי העלדישע שוועסטער־קינדער.

און פאַר דיינע אויגן דערשיינט דאָס הערלאַישסטע בילד פון דער געשיכטע. פּילסט, אַז גרויס איז געוואָרן יידיש פאָלק, אַז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון איבערמענטשלעכער קרבנות־גרייטקייט און ליבע צום פאָלק, האָט דער הייגטי־קער דור פון טאַטעס און מאַמעס, וועלכע שיקן זייערע קינדער אין קאַמף, אין פאַרטיידיקונג פון לאַנד פון די אבות, וועלכע ווערט געבויט נישט נאָר פאַר זיי, כאָטש זיי האָבן שוין באַגעשטייערט דעם גרעסטן קרבן, נאָר פאַר אַלע יידן, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק.

און זייער צער, זייער פּיין, ווערט דער סימבאָל פון באַפרייאונג פאַר אונדז, דער סימבאָל פון העלדישקייט און דער סימבאָל פון דער גרויסקייט פון דער מדינה.

און זיי שרייבן אַריין מיט איבערמענטשלעכער גבורה דעם הערלעכסטן קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע.

און לייענסט די מיט צער אָנגעטריפענע שורות אינעם ליד: „טאַטעס פון ישראל״:

זאָגט מיר נאָר איר טאַטעס פון ישראל,
אויסגעפּרוווט אין פּיין און פּלאָגן,
אינעם צער פון מקריב זיין די קינדער —
ווי־זשע קענט איר עס פאַרטראָגן?
ווי־זשע קענט איר טראָגן אויפן זינען
אַזאַ אומגליק אַזאַ שווערן,
און אַ שטיקל טרייסט פאַר זיך געפינען
נישט דורך וואָרט און נישט דורך טרערן?
איר, די פאָטערס, היינטיקע אברהמס,
וואָס געפּירט האָט יעדער איינער
שטיל זיין אייגן קינד צו דער עקידה,
אָן שום וואָרט פון אַ באַוויינער.
לערנט מיר דעם סוד, ווי איר האָט, טאַטעס,
בונד פון גלויבן נישט צעריסן.
ווען ביי דער עקידה האָט קיין איל,
ווי אַ נס זיך נישט באַוויזן!

דאַרף מען נאָך מער אויסדרוק צו דעם גרויסן ייד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין אונדזער דור, קען מען נאָך געפינען ביי די אומות העולם אַזעלכע העלדישע טאַטעס, וואָס נעמען אויף אַזוי ווירדיק דאָס סאַמע טראַגישסטע אין זייער לעבן, ווי דאָס פאַרלירן אַן אייניציקן זון:

„און אַז מיין טאַטע איז געשטאָרבן, —
געשטאָרבן איז אַ גוטער טאַטע;
און אַז מיין מאַמע איז געשטאָרבן, —
געשטאָרבן איז אַ טרייע מאַמע.
איז מיין ברודער אומגעקומען,
האָב איך אים באַוויינט, מיין ברודער,
נאָך דיך, מיין קינד,
ווי זאָל איך דיר באַוויינען?
אַז דו ביסט געווען מיר אַלע דריי אינאיינעם״.

יעדער ליד פון די פּאָעטן איז אָנגעזאַפּט מיט אַזויפיל בענקשאַפט און ווײ אָבער גלייכצייטיק מיט שטאָלץ, וואָס דער גרויסער אומגעהויערער קרבן איז ווערט געווען, אַז געפאַלן איז דער זון פאַר אַ גרויסן אידעאַל, אַז פאַרשטעלט האָט ער מיט זיין גוף דעם שונא, אַז אָפּגעשטעלט האָט ער דעם אכזריותדיקן אַריינדרינגלער און דערמיט פאַרזיכערט די עצם־עקזיסטענץ פון דער אַזוי שווער געפּרוווטער מדינה.

איז דער קרבן געווען ווערט, איז דערפאַר דער טאַטע און די מאַמע און די אַלע נאָענטע פון געפאַלענעם העלד אַזוי צעפּייניקט און רואיק, אַזוי צעווייטיקט און שטאָלץ, ווייל דער זון האָט זיך מקריב געווען פאַר אַ גרויסן אידעאַל, פאַר אַ גרויסער זאַך איז דערפאַר דער פּיין לייכטער, דערפאַר דער ווײ געצוימטער, דער־פאַר די ליידן דערטרעגלעך:

איז ווו זאָל אויסגיסן אַן אָב שכול זיין טרערן־כוס?

האָט ער איינגעטאָוולט אין בוך און געבראַכט צו דער עפנטלעכקייט, זאָלן מענטשן לערנען און בעמען אַ ביישפּיל, זאָלן מענטשן זען, ווי אַ טאַטע פון ישראל איז גרייט צו געבן קרבנות פאַר זיך און פאַר אַלע יידן אין גאַר דער וועלט.

מער ווי אַלץ רעדט פאַר זיך דער בריוו פון געוועזענעם שעף פון גענעראַל־שטאַב גענעראַל יגאל ידין צום מחבר אליעזר קליר, וועלכער שרייבט:

„אמת, עס איז נישטאָ קיין טרייסט פאַר אַ אָב שכול, און נישט קיין צער אויסדרוק צו די לידער וועלכע זענען געשריבן געוואָרן פון אַ צעוווּנדיקט האַרץ.ביידע קאַמפן — אין לאַטרון און אין רמת־רחל — האָבן דעצידירט דעם גורל פון ירושלים, און דאָס זאָל זיין דיין טרייסט".

האָט אליעזר קליר, וועלכער האָט די לעצטע צייטן פאַרעפנטלעכט צוויי ביכער, איצט צוגעטראָגן אַ קליין ביכל לידער צום אָנדענק פון זיין העלדיש גע־פאַלענעם זון דוד און ברודערן־זון צבי, וועלכע זענען ביידע געפאַלן אין איין טאָג אין דער פאַרטיידיקונג פון ירושלים, אין די טעג פון דער באַפרייאונגס־מלחמה פון יידישן היימלאַנד.

שטיל־געוויין...

ווײ־געוויין.

און העלדן־געוויין...

האָט אליעזר קליר אויסגעוויינט אין דער שטיל זיינע לידער און געפונען אַ טרייסט אין דעם גרויסן זין פון היינטצייטיקן יידישן לעבן: די באַפרייטע און אומאָפּהענגיקע מדינה.

נאָר אַזוי קענען וויינען העלדן...

## ר. ה. / שטיל געוויין

„שטיל־געוויין" איז די שחרית־תפילה, איידער מיר טרעטן צו באַהאַנדלען און דערציילן וועגן אַלע טאָגטעגלעכע, וואָכעדיקע געשעענישן אין אונדזער מדינה.

„שטיל־געוויין" — איז דער נאָמען פון אַ צניעותדיק ביכל לידער פון בסך־הכל 40 זייטלעך. דער מחבר־מקונן: אליעזר קליר. דערשינען אין תשט"ז. אין עברית איז עס דערשינען מיט 8 יאָר צוריק, דעמאָלט ווען עס איז געפאַלן זיין איינציקער זון דוד קליר. עס איז געווידמעט אויך דעם קוזין פון דוד קליר, צביקה מרכוס, וועלכער איז אויך געפאַלן דעמאָלט אין זעלבן טאָג, י"ז אייר תש"ח. פוןביידע זייטן ירושלים. דער ערשטער אין לאַטרון, דער צווייטער אין רמת רחל.

די הקדמה אויף עברית און יידיש:

„הייליק און טייער איז די מדינת ישראל ביי יעדן ייד אויף גאָר דער וועלט. נאָך הייליקער און טייערער איז די מדינת ישראל ביי יעדן ייד אין ישראל גופא. אָבער ווער קען אָפשאַצן ווי ליב און טייער און הייליק ס'איז די מדינת ישראל ביי די עלטערן, וועלכע האָבן באַצאָלט פאַר איר דעם העכסטן פרייז — דאָס לעבן פון זייערע קינדער?

זיי איז זי טייער מיט איר ליכט און מיט איר שאָטן, מיט אירע מעלות און חסרונות, מיט איר נחת און מיט איר צער, מיט איר פרייד און לייד.

— — — די יסורים פון די עלטערן — ווער קען זיי אויסמעסטן, ווער קען זיי שילדערן, ווער קען זיי באַשרייבן?"

פון דעסטוועגן האָט אליעזר קאַליר יאָ געפרוווט עפּעס אויסשרייען פון זיין בראָך, אויסזינגען זיין ווייטיק — אין פערזן. און איך וויל נישט זאָגן — יאָ־געלונגען נישט־געלונגען, אַז טרערן וועלכע קאָכן זיך אין יסורים, אָדער ווערן פאַרפרוירן פון ווייטיק — קענסטו זיי מעסטן מיט די טעכנישע כללים פון פערז? אָבער אַן דעם וואָלטן זיי נישט געוואָרן קיין לידער, קיין דיכטונג — און זיי זענען — דיכטונג!

טאָ לייענט זשע דאָס קליינע לידעלע:

דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אָפּגעגעסן און פאַרקאַמט זיך,
און אַ קוש געטאָן דער מאַמען —
און אַ האַרעלע פאַרזאַמט זיך...
דאַכט זיך אַזוי שטיל און פשוט:
אונדזער ברכה מיטגענומען;

אויסגעקושט „שלום״ דער מאַמען —
און שוין נישט צוריק געקומען...

**אָדער אַזאַ פשוטע ווענדונג צו די טאַטעס פון ישראל:**

— — — איר, די פאַטערס, היינטיקע אברהמס,
וואָס געפירט האָט יעדער איינער
שטיל זיין אייגן קינד צו דער עקידה,
לערנט מיך דעם סוד, ווי איר האָט, טאַטעס,
בונד פון גלויבן נישט צעריסן,
ווען ביי דער עקידה האָט קיין אַיל
ווי אַ נס זיך נישט באַוויזן״.

**אָט איז אין אַ ליד „היינט״:**

— — היינט בין איך, ווי איז מיר, שוין רואיק.
איך קוק ווי ס׳שטומט דיין בילד
אין שוואַרצער ראַם.
אַריבער אים — אַ צווייגל פון לאַטרונער בערג,
פון אונטן — בלייכט —
דער פאַרמעט־בריוו פון — בן גוריון — — —

**און ווען מ׳האָט געפלאַנצט אַ וועלדל צום אָנדענק פון דער שלאַכט ביי לאַט־רון, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד „אויף די בערג פון בית־ג׳יז״ און ער ענדיקט מיט די 4 שורות:**

די פלוגה האָט געהויבן דאָס געווער —
און מיר האָבן פאַרפלאַנצט אַ וועלדל,
אויסגעביטן אַ זון אַ העלד
אויף אַ ביימעלע אין פעלד.

**די געפאַלענע באַפרייער אונדזערע, די יונגע קינדער — האָבן באַקומען אַ געוויסן תיקון אויך אין דיכטערישן געיאָמער פון אַ פאַראַבלטן טאַטן אַ שרייבער. אַ ביכל וואָס איז דאָס ברויט אין אונדזער דיכטונג, אַ טרער און אַ טרייסט אין אונדזער לעבן.**

**דוד שישאצקי** (חתן־התנ״ך פון אורוגוואי)

## אליעזר קאליר און זיין לידער־ביכל „שטיל געוויין״

„איר, די פאטערס, הייַנטיקע אברהמס,
וואס געפּירט האט יעדער איינער,
שטיל, זיין אייגן קינד צו דער עקידה,
אן שום ווארט פון א באַיינער —
לערנט מיר דעם סוד, ווי איר האט, טאטעס,
בונד פון גלויבן ניט צעריסן,
ווען ביי דער עקידה האט קיין איל
ווי א נס זיך ניט באוויזן״

מיר אלע נעמען זיך איבער מיט די העראאישע יידישע בהורים, וואס האבן אין דער הגנה און פלמ״ח, מקריב געווען זייער יונג לעבן פאר אונדזער מדינה. ווי פילן זיך אבער די עלטערן פון יענע יונג־פארשניטענע העלדן?

דער געבראכטער פראגמענט איז פון א ביכעלע לידער, וואס איך האב מיט־געבראכט פון ישראל, א מתנה פון מחבר, מיין בן־עיר און חבר אליעזר קאליר. די לידער זענען ארויסגעגעבן געווארן צוערש אין העברעאיש אונטערן נאמען „מקרב״. אין יאר 1956 האט דער דיכטער זעלבסט עס איבערגעזעצט אין יידיש, אונטערן נאמען „שטיל געוויין״ און אין 1961 האט ז׳אנעט שוהם עס איבערגעזעצט אין ענגליש אונטערן נאמען „סיילענט טירס״.

געווידמעט זענען די לידער די צוויי העלדישע שוועסטער־קינדער: דוד קאליר, זון פון דיכטער און צביקע מארקוס, פלימעניק פון זעלבן.ביידע זענען געפאלן אין איין־און־דעם־זעלבן טאג, י״ז אייר תש״ח, ביים פארטיידיקן ירושלים. איינער אין לאטרון און דער צווייטער אין רמת־רחל.

די לידער דערמאנען אינדז די רירנסטע שטעלן אין תנ״ך, ווען דער פאטער יעקב באוויינט זיין זון יוסף, ווען ער מיינט אז א חיה האט אים פארצוקט, און ווען דוד המלך באקלאגט זיין ליבסטן חבר יהונתן, וואס איז אויפן שלאכט־פעלד געפאלן.

די ווערטער גייען ארויס פון א צעבראכן הארץ פון א פאטער, וואס באצייכנט זיך אלס גליקלעכסטער און גלייכצייטיק אומגליקלעכסטער פון אלע פאטערס. ער איז גליקלעך און פול מיט נחת פאר די טהאטן פון זיין זון, אבער דאס הארץ וויינט... די לידער ווערן געלייענט ווי א תפילה זכה און גיסן זיך אריין אין דער נשמה. דורך פשוטע ווערטער. דערפילט דער לייענער די גרויזאמע טראגעדיע פון א פאטער וואס זיין קינד ווערט פארוואנדלט אין א געפלאנצטביימעלע און

אַ מדינה, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט באַקומען פאַרן טייערן פרייז פון בלוט פון קינדער און טרערן פון עלטערן.

ווען די לידער האָבן זיך אָפּגערופן מיט וואַרעמע אָפּשאַצונגען און באַגייס־טערונג די קאַרפּן־קעפּ פון אונדזערע ליטעראַטורן אין יידיש און העברעאיש. באמת איז דער מחבר ניט קיין פנים חדשות אין דער יידיש־העברעאישער ליטעראַטור. זיינע אַרטיקלען און שילדערונגען לייענען מיר אָפּט אין זשורנאַלן און אויסגאַבעס אין פאַרשיידענע תפוצות און אויך אין ישראל. ביז היינט זענען אַרויס אין בוך־פאָרם זיינע פאָלגענדע ביכער: „אבותיהם של הנאצים" (די עלטערן פון די נאַציס) ווו ער שילדערט די דייטשישע „זיגער" פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען זיי האָבן לפנים ווען זיך געהאַלטן ווי „דזשענטלמענס" „בשוא גלים" און „עולמות", ווו ער פאַראייביקט אינטערעסאַנטע טיפּן פון עבר, איבערהויפּט פון אונדזער שטאָט. איצט אַרבעט ער איבער זיין ערשטן בוך אין יידיש, וואָס וועט הייסן „בלומען פון ישראל".

דער דאָזיקער באַגאַבטער שילדערער פון טיפּן און דיכטער האָט ניט געמאַכט פון זיין פען, קיין קרדום לחפור בה, נאָר לעבט פון זיין אַרבעט, אַלס פּקיד אין באַנק „זרובבל" אין תל־אביב און גיט אָפּ זיין גאַנצע פרייע צייט און איבער־הויפּט די נעכט דער ליטעראַטור צו וועלכער ער באַציט זיך ווי צו אַ הייליקטום.

ווען פּתח תקוה'ער שטאָט־ראָט האָט אויפגעשטעלט דעם „יד לבנים", אַ בנין וואָס פאַראייביקט די 220 זין פון פּתח־תקוה, געפאַלענע אין שלאַכטפעלד פאַר דער באַ־פרייאונג פון מדינת ישראל און עם ישראל, האָט אליעזר קאַליר פאַרגעלייענט, ביי דער אַנוועזנהייט פון מלוכה־פּרעזידענט בן־צבי און פרוי, זיין ליד „אנחנו אבות" — „מיר די עלטערן", און דאָס ליד האָט זוכה געווען צו ווערן אויסגעקריצט אויפן וואַנט, צוזאַמען מיט די נעמען פון די העלדישע זין.

## שורות פון א בריוו...

... לייזער, זיי געשטאַרקט, גיט טרויער מער, הויב אויף דיין קאָפּ, גלייך אויס דיין רוקן און זאָל דיין וואָרט ברויזן, וועקן און מונטערן צו טרייהייט, צו ליבע און קרבנות־גרייטקייט פאַר מדינת ישראל — דעם גרעסטן וווּנדער, וואָס מיר האָבן זוכה געווען, דעם גרעסטן גליק, וואָס מיר האָבן דערלעבט. מסירת־נפש פאַר דער אַלט־יונגער מאַמע אונדזערער, וואָס איז דער קוואַל פון אונדזער פרייד, פון אונדזער נחת, פון אונדזער שטאָלץ און האָפענונגען, פון אונדזער פרייהייט אין אונדזער לעבן — דאָס זאָל זיין דיין הייליקע אויפגאַבע, ווי די אויפגאַבע פון אַלע יידישע שרייבערס אין דער גאַנצער וועלט...

דיין סמואל

ווייסער הויז
וואשינגטאָן

פעברואר 21, 1961

טייערע מר און מרת קאליר,

דער פרעזידענט האָט מיר באַאויפטראגט אייך צו דאַנקען פאַר אייער אויפמערקזאַמקייט, דורך שיקן אים אַ קאָפּיע פון אייער פּאָעמען־בוך „שטיל געוויין". ער איז געוועזן טיף גערירט ביי דעם „מוסר השכל" (מעססידזש) וואָס דער בוך ענטהאַלט, און איר מעגט זיין זיכער אַז דער פרעזידענט וועט טאָן אַלעס מעגלעכעס צו העלפן ערגרייכן אונזער אַלגעמיינעם ציל — די שאַפונג פון אַ וועלט ווו פרייע מענטשן קענען לעבן אין שלום און ווירדע.

מיט דעם פּרעזידענס בעסטע ווונטשן,

ראַלף א. דונגאן
ספּעציעלער געהילף
צום פּרעזידענט

מר און מרת אליעזר קאַליר
פתח־תקוה, ישראל
29 מוהליבר סטריט

THE WHITE HOUSE
WASHINGTON

February 21, 1961

Dear Mr. and Mrs. Kalir:

The President has asked me to thank you for your thoughtfulness in sending him a copy of your book of poems, "Silent Tears." He was deeply touched by your message, and you may be assured that he will always do everything he can to help obtain our basic goal -- the creation of a world where free men can live at peace and in dignity

With the President's best wishes,

Sincerely,

Ralph A. Dungan

Ralph A. Dungan
Special Assistant
to the President

Mr. and Mrs. Eliezer Kalir
29 Mohilever Street
Petah Tikva, Israel

# EXEGI MONUMENTUM...

זאָל די יידישע וועלט וויסן און דערוויסן זיך וועגן די הייליקע גייסטיקע דענקמעלער וואָס די ישראל־רעגירונג האָט אויפ־געשטעלט די טייערע תמימותדיקע קינדער, וואָס זענען געלאָפן און געפאַלן פאַר דער מדינת ישראל, פאַר די שטילע טויבן, וואָס זענען אַוועקגעפלויגן און וועלן זיך שוין ניט אומקערן מער.

דער הנצחת־החייל האָט פאַראייביקט די אַלע קינדערלעך אין מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס קיין איין פאָלק פאַרמאָגט עס ניט — אין אַ „יזכור״־בוך און „גוילי אש״, וואָס זענען אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם צאַרטן דיכטער און אַליין פאַריתומטן פאָטער — דעם משורר ראובן אבינעם. און אויב דער יזכור־בוך ענטהאַלט אין זיך די ביאָ־גראַפיעס און די בילדער פון די קינדער — זענען די „גוילי אש״ — דריי פאַנטאַסטישע גייסטיקע טורעמס, וועלכע לויכטן ווי פאַקעלן ווייט־ווייט אין דער צוקונפט און באַצייכענען דעם וועג פאַר די קומענדיקע דורות.

הייליק און טייער זענען אָט די וווּנדערבאַרע היסטאָרישע מאָנו־מענטן און דאַרפן באַשיינען מיט זייער פראַכט און גייסט, ניט נאָר די הייזער פון די פאַריתומטע פאַמיליעס אין ישראל, נאָר יעדע יידישע שטוב אין דער גאַנצער וועלט צוזאַמען מיט די ספרי קודש פון יעדן נאַציאָנאַלן יידן, וועלכן ס׳איז טייער און ליב די מדינת ישראל!

## עם סיום הספר

עם סיום ספרי זה אני מביע את הוקרתי הלבבית לבנק המרכזי של הקואופרציה האשראית במדינת ישראל - בנק זרובבל אשר תרם תרומה נכבדה לבנין הארץ ולמדינת ישראל - מיטב איחולי לנציגי המוסד הנכבד הזה הנאצלים ויפי הרוח:

למנהל הכללי מר יהודה נזר, לסגן המנהל מר יואל זון, למר יצחק אביטל ולמר אריה המאירי.

למנהל סניף הרצל מר מאיר אהליאב, למר אהרון זוין ולמר שלמה נאור.

למנהל סניף הצפון מר אלכסנדר בר-אילן ולנציגי ועד העובדים הגב' יונה מרגלית האצילה ומר דב אהרוני היקר ואחרון אחרון חביב היקר באדם ופאר הישוב ר' יוסף זימן בהגיעו לגבורות.

כולם יעמדו על הברכה!

המחבר

# אינהאלט

## פרימאָרגן אין ישראל


בלומען פון ישראל . . . . . . 14
אַ בר־מצווה . . . . . . . 15
נגבה . . . . . . . 17
אַ טאַטע . . . . . . . . 19
אַ באַגעגעניש מיט אַ ליד . . . . . 21
מיר וואַרטן... . . . . . . 23
ברוך הבא . . . . . . . 26
דער מוסר־השכל . . . . . 29
דער איבערשטער וועט העלפן . . 31
סדנא דארעה . . . . . . 32
זלמן העזתי . . . . . . . 35
ויהי בחצי הלילה . . . . . 39
דער „יידישיסט" . . . . . . 42
ווינטער אין ישראל . . . . . 43
ס׳טאָגט שיין . . . . . . . 44
גיט אויסגעהאַלטן . . . . . . 45
לא ינום ולא ישן . . . . . . 47
גני תקוה . . . . . . . . 48
אַ שרייבערישע מחלה . . . . . 50
אל תבטחו בנדיבים . . . . . 52
מיינע באַגעגענישן . . . . . . 54
„נחמד" . . . . . . . . 57
דער קאָמפּאָזיטאָר . . . . . . 58
דער מלאך . . . . . . . . 60
מיינע קינדערלעך . . . . . . 62
די מזכירה . . . . . . . . 63
פון אַ בריוו . . . . . . . . 66
דער גנן פון פ״ת . . . . . . 67
מאַקסים . . . . . . . . 69

צוויי קעץ . . . . . . . . 71
אַ סאָלדאַט אין פּאָלק . . . . . 73
אַ גוי אין תּפילין . . . . . . 75
דער שעפּער פון געגוסייד . . . 77
צוויי אורטיילן . . . . . . . 78
מיין שטעטעלע בעלז . . . . . . 81
דער אַלבאָם . . . . . . . 82
אָפּגעצאָלט אַ חוב . . . . . . 83
די ערשטע נאַכט אין פּתח־תּקוה . . . 84
די מאַמע . . . . . . . . 86.
אליהו גאָלאָמב . . . . . . . 88
איינער פון דער צווייטער עליה . . . 90


## וואָס עס איז געווען


דער אַלטער רבּ . . . . . . . 101
ר׳ לייב . . . . . . . . 105
ניוטע . . . . . . . . . 110
דער סטודענט . . . . . . . 112
אשר דער פּאַטשטער . . . . . 116
דער רבי פון חברה יושר . . . . . 120
דער לעצטער פון די מאַגנאַטן . . . 124
דער הייליקער טאַדרעס . . . . . 127
חיים סאַטסקי . . . . . . . 133
דער גלח . . . . . . . . 138
ר׳ לייב זאָגט מוסר . . . . . . 142
בערטשיק דער ציגיינער . . . . . 144
געזעגענונג . . . . . . . . 150


## צדיקים און ל״ו׳ניקעס


18 חדשים אין קאַסטן . . . . . 159
סמ׳איל קאַפּלאַן . . . . . . . 174
קאָלאָנעל סאַלמאַן . . . . . . 180
ד״ר איינהורן . . . . . . . 182
אהרון מרכוס . . . . . . . 183

מאיר אקסלרוד . . . . . . . 184
ד"ר חיים שאָשקעס . . . . . 185
עזריאל ברושי . . . . . . . 187
סגן־אלוף א. . . . . . . . 188
יצחק בר־יהודה . . . . 189
יוסף פערעלמאַן . . . . . . . 190
משה ראַגאָווסקי . . . . . . . 191
אַ טאָג פון מוליע שיין . . . 191
אַ חשבון . . . . . . . 192
יעקב בוקשטין . . . . . . . 192
יצחק טשאפער ז"ל . . . . 193

## דער ווידערקול פון שטיל־געוויין

ה. לייוויק . . . . . . . . 197
מלך ראַוויטש . . . . . . 197
א וואָלף יאַסני . . . . . . . 200
מ. שענדעריי . . . . . . . . 200
יעקב גלאַטשטיין . . . . . . . 204
ב. טערקל . . . . . . . . 206
ד. ה. / שטיל געוויין . . . . . . 209
ד. שישאצקי . . . . . 211
שורות פון אַ בריוו . . . . . . 213
אַ בריוו פון קנדי . . . . . . 214
Exegi monumentum . . . . . 216
עם סיום הספר . . . . . . . 217